STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02887

# SHTUDYES IN SOTSYALER VISNSHAFT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שטודיעס און סאציאָלער ווימנשאַפט

# שטודיעס אין
# סאציאלער וויסנשאפט

לכבוד דעם פופציקסטן געבורטס-טאָג פון

**א. ש. זאַקס**

רעדאַגירט פון

**ב. צ. גאָלדבערג**

ארויסגעגעבן פון
א. ש. זאַקס יובליי־קאָמיטעט

פאַרלאַג אידישער לערער־סעמינאַר
ניו־יאָרק :: :: 1930

Copyright 1930

By

JEWISH TEACHERS' SEMINARY

425 Lafayette Street

New York City

490

געדרוקט אין דער

אַ ס ט אָ ר י א  פּ ר ע ס

61 א. 4טע גאַס, ניו יאָרק



א. ש. זאַקס

# אינהאַלט

זייט

**ב. צ. גאָלדבערג:**
א. ש. זאַקס — 8

**א. ד. פלעשלער:**
די וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט פון א. ש. זאַקס — 12

**ש. ניגער:**
א. ש. זאַקס' „חרוב'ע וועלטן" — 31

**דר. פ. שניאורסאָן:**
נייע וועגן פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע — 36

**דר. א. קאַראַלניק:**
סיבות און מאָטיוון — 52

**ל. לעהרער:**
סאָציאַלע גרופּירונגען און סאָציאַלע ספערעס
און זייער ווירקונג אויף אינדיווידועלע שייכות־סיסטעמען — 56

**אסתר ראַבינער:**
די באַפעלקערונגס־פּראַגע — 75

**וו. נאַטאַנסאָן:**
וויטהעד'ס „וויסנשאַפט און די מאָדערנע וועלט"
אין ליכט פון דער גלייכווערטיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן — 88

**דר. י. נ. שטיינבערג:**
די אידישע עקאָנאָמיק אין פּוילן — 114

**חיים שוים:**
די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער נבואה ביי אידן — 123

**דר. יהושע בלאָך:**
אידישע סאָציאַלע גערעכטיקייט — 157

**יוחנן טווערסקי:**
אָנהויב און סוף — 162

**משה שטאַרקמאַן:**
ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון א. ש. זאַקס — 182

* * *

א. ש. זאַקס דער לערער און חבר — 196

אַ וואָרט פון די סעמינאַריסטן וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך — 203

ב. צ. גאָלדבערג

# א. ש. זאַקס

עס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער אידישער אַמעריקע, וואָס מיט אַזאַ וויסנשאַפטלאַכן זאַמלבוך ווערט געפייערט דער פופציקסטער געבורטס-טאָג פון אַ שריפטשטעלער. עס איז אַ זכיה פאַר'ן געפייערטן און מיר, די פייערער, מעגן אויך זאָגן: אשרינו שזכינו לכך!

ריין, ערנסטע וויסנשאַפטלאַכע זאַמלביכער זיינען נאָך אַלץ פון די גרויסע זעלטנהייטן אויף אונזער אידישער שפּראַך. יעדע דערשיינונג פון אַזאַ שריפט איז אַ וויכטיקע און דערפרייענדע פּאַסירונג אין אונזער קולטור-וועלט. עס איז אויך ניט פון די גאָר געוויינלאַכע פּאַסירונגען, אַז אידישע שריפטשטעלער זאָלן ברייננגען „משופרא" פון זייערע קעלטערם אָנצוטאָן כבוד אַ קאָלעגע, נישט איבערטאָפּנדיק אַפּריער צי ווערט ער דורך דעם חלילה ניט איבערגעשאַצט. און גאָר כדאי איז דער ביישפּיל פאַר אַנדערע פייערער פון אַנדערע יובילייאומס, ווי אָנצוטאָן כבוד דעם שריפטשטעלער מיט אַ בייטראָג פון דויערנדיקן ווערט פאַר'ן אייביקן אידישן וואָרט.

זאָל מיר דאָ דעריבער דערלויבט זיין אויסצודריקן מיין אויפריכטיקן דאַנק די קאָלעגן שריפטשטעלער, וואָס האָבן זיך אַזוי פריינטלאַך און וויליק אָפּגערופן אויף מיין איינלאַדונג זיך צו באַטייליקן אין דער דאָזיקער שריפט. די מיטאַרבעטער פון דעם זאַמלבוך האָבן מיט זייערע ווערטפולע אַרבעטן דאָ געבראַכט אַ מתנה ניט דווקא דעם יובילאַר, נאָר דער גרויסער צאָל אינטעליגענטע אידישע לעזער איבער דער גאַנצער וועלט.

און נאָך אַ דאַנק וויל איך אויסדריקן — צו דער גרופּע סטודענטן פון אידישן לערער-סעמינאַר, וואָס האָבן פאַרטראַכט אָט אַזאַ פייערונג לכבוד איינעם פון זייערע לערער, א. ש. זאַקס, און פאַר זייער גרויסער מי אין די היינטיקע שווערע ציימן צו שאַפן די פינאַנציעלע מיטלען אַזאַ אויסגאַבע אַרויסצוברייננגען. די פון אונז וואָס האָבן געהאָלפן בויען דעם אידישן לערער-סעמינאַר, און דערציען זיינע תלמידים, מעגן אין דער אונטערנעמונג זען די שענסטע פּרוכט פון אונזער אַרבעט — די אינערלאַכע געטריישאַפט צו דער אידישער קולטור און די שיינע באַציאונג צום קולטור-שאַפער און לערער.

א. ש. זאַקס איז אַ לערער פון די ברייטע אידישע מאַסן אַרום אַ פערטל הונדערט יאָר. ער האָט אָנגעהויבן זיי לערנען זייענדיק אַליין אַ לערנער, אַ סטודענט, און ער איז געבליבן זייער לערער ביז'ן הײַנטיקן טאָג. ער האָט זיי געלערנט אויף יענער זייט ים און ער האָט זיי ערשט געלערנט קומענדיק קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער אַלע יאָרן געהאַלטן איינצלנע לעקציעס, איידער „סעריעס", אָדער „קורסן" זיינען אַריין אין מאָדע, און גענומען געבן קורסן, ווען דער אידישער עולם איז צו דעם דערוואַקסן. ער האָט זיך אין דעם פּרט באַזונדערס אויסגעצייכנט, ווען ער האָט אָנגעהויבן לערנען אין אידישן לערער-סעמינאַר, אין די אַרבעטער-רינג לערער-קורסן און אין אידישן אַרבעטער-אוניווערסיטעט. אין יעדער פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס איז ער געווען פון די אָנפירנדיקע און איינפלוסרייכסטע לערער. אין אידישן לערער־סעמינאַר איז ער געווען איינער פון די דירעקטאָרן.

א. ש. זאַקס איז ניט נאָר געווען אַ לערער פון קולטור, נאָר אויך אַ שאַפער פון קולטור. ער איז איינער פון די געציילטע צווישן אונז, וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן דעם אַמעריקאַנער שטראָם און ניט געלאָזט זיינע כחות אונטערגיין אין דער אַרבעט פון צייטונג און לעקציע. ער האָט געאַרבעט, געפּאָרשט און געשאַפן. ער האָט אונז געגעבן ווערק, וואָס זיינען אַ ווירדיקער בייטראַג צו אונזער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור. זיי האָבן געמאַכט אַן אויפזען אין אַנדערע שפּראַכן, אין וועלכע זיי זיינען איבערזעצט געוואָרן. זיי זיינען אונז דאָפּלט אָנגעזען אויף אידיש.

די לעצטע יאָרן קומט מיר אויס צו זען א. ש. זאַקס'ן ביי דער אַרבעט אין צייטונג, אין „טאָג". אַ צייטונג, יעדע צייטונג, איז אַ קאָכיקער קעסל, אין וועלכן עס זידן אָפט צוזאַמען אַנטוישונג און ציניזם, פאַרמישט מיט אַ פּאָרציע ברוטאַליטעט. אין צייטונג זעט מען דאָס לעבן נאַקעט, די גרויסע מענטשן אין אונטערהויזן, דעם העכסטן אידעאַל אין זיין אויסבייט אויף קליינגעלט. די רעדאַקציע איז אַ הינטער־קוליסן פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

א. ש. זאַקס האָט אַ סך יאָרן אָפּגעדינט אין אידישע רעדאַקציעס, אָבער ער האָט ניט פאַרלאָרן זיין „זשורנאַליסטישע אומשולד". ער קומט און בייזערט זיך אויף אַ סאָציאַלער אומגערעכטיקייט וועגן וועלכער ער לייענט אין צייטונג. ער קומט און שיינט מיט באַגייסטערונג ווען עפּעס אַ וויכטיקע געשעעניש פּאַסירט אויף דער וועלט, וואָס איז דערמוטיקענד פאַר די אידעאַלן וועלכע ער דינט. ער דעבאַטירט מיט קאָלעגן, ער פילט די אימת הציבור, די אויגן פון צענדליקער טויזנטער לעזער, נאָכפאָלגער,

ווען עס כהן גדול ער איז און אין ווען ער דעם טעמפל ער ברענגט די קרבנות.

א. ש. זאקס איז ערשט אריבער די שוועל פון די ערשטע פופציק. די גרעסטע טייל פון די ערשטע פופציק יאר אין א מענטשנ׳ס לעבן גייט אוועק אין אויפוואקסן און צוגרייטונג. דאך האט א. ש. זאקס פאר דער צייט זייער פיל אויפגעטאן קוואנטיטאטיוו און קוואליטאטיוו. ער שטייט איצט אין מיטן פון זיין שאפן. זאל די ווידמונג פון דעם דאזיקן זאמלבוך אים דינען אלס אויסדרוק פון אנערקענונג — די העכסטע פארם פון אנערקענונג, די וואס קומט פון תלמידים פון איין זייט און פון אייניקע קאלעגן פון דער צווייטער זייט — און אלס דערמוטיקונג צו ווייטערער ארבעט און ווייטערדיקן שאפן.

א. ד. פלעשלער:

# די וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט פון א. ש. זאַקס

אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור וועלן די וויסנשאַפטלאַכע ווערק פון א. ש. זאַקס פאַרנעמען גאָר אַ באַזונדער און אַנגעזעענעם קאַפּיטל. ניט בלויז דערפאַר, וויל אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור זיינען נאָך ערנסטע וויסנשאַפטלאַכע אָפּהאַנדלונגען אַ יקר המציאות; אויך ניט דערפאַר, וואָס א. ש. זאַקס איז פון די גאָר ווייניקע אידישע שרייבער, וואָס לאָזן זיך ניט „אַראָפּ" צום עולם ווען זיי שרייבן איבער וויסנשאַפטלאַכע טעמעס; נאָר וואָס שרייבן אַזוי, פּונקט ווי עס וואָלט געווען ביי אונז אַן אַקאַדעמישע סביבה זיי צו קאָנטראָלירן. אָט פאַר די טעמים אליין זיינען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער ליטעראַטור אומגעהייער גרויס, און די אַכטונג און ליבע, וואָס ער האָט זיך פאַרשאַפט ביי אונזער אינטעליגענטער יוגנט — כשר פאַרדינט.

א. ש. זאַקס פאַרנעמט אָבער גאָר אַ באַזונדער פּלאַץ אין אונזער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור, וויל זיינע אַרבעטן אויף דעם געביט, זיין צוטריט צו די פראַגן וואָס ער באַהאַנדלט זיינען פון אַזאַ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, וואָס וואָלטן אים אָוועקגעשטעלט צווישן די בעסטע שרייבער איבער וויסנשאַפטלאַכע טעמעס אין אירגענד וועלכער אייראָפּייאישער שפּראַך. זיינע וויסנשאַפטלאַכע ווערק, ווי צום ביישפּיל, די „לערע פון סאָציאַליזם", וואָס זיינען דערשינען אין אַנדערע שפּראַכן, האָבן אָנגעמאַכט אַ רושם אין אַקאַדעמישע קרייזן און זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די בעסטע ביכער איבער די געגנשטאַנדן, וואָס זיי באַהאַנדלען. ביכער אויף אידיש פון אָט דעי מין קאָן מען באמת איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט.

עס איז אייגנטלאַך שווער צו שרייבן וועגן א. ש. זאַקס'עס וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן, פּונקט ווי זיי זאָלן זיך לחלוטין ניט אָנקערן מיט זיין גאַנצן פיל-פאַכיקן און פיל-פאַרביקן עפּנטלאַכן לעבן. צי איז דאָס זאַקס, דער קעמפער אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג, צי איז דאָס דער פאַרטיידיקער און מאָנער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָדער דער זשור-

נאַליסט, וואָס באַלייכט פאַר'ן אינטעליגענטערן עולם די פּאַסירונגען פון טאָג אין אידישן און אַלגעמיינעם לעבן; אומעטום, אויף יעדן געביט, לייכט דורך זאַקס דער וויסנשאַפטסמאַן, וואָס טרעט־צו צו יעדער פראַגע מיט דער מאָס פון וויסנשאַפטלאַכן אמת. אין דער באַהאַנדלונג פון דער איינפאַכסטער טאָג-פראַגע אין א צייטונגס-אַרטיקל זעט זיך דורך דער מענטש מיט א באַשטימטער וועלט-אַנשויאונג — א וועלט-אַנשויאונג מיט וועלכער איר מעגט ניט אַלעמאָל איינשטימען, וואָס איר מוזט אָבער צוגעבן איז באַזירט אויף געזונטע וויסנשאַפטלאַכע יסודות.

זאַקס איז פון דעם נייעם טיפּ וויסנשאַפטלאַכע שרייבער, וואָס האַלטן, אַז די וויסנשאַפט טאָר ניט בלייבן פאַרהילט און פאַרבאָרגן אין קדשי־קדשים פון די אוניווערזיטעטן, נאָר מוז דינען ווי אַן אינסטרומענט, א וועג-ווייזער אין די פאַרפּלאָנטערטע וועגן פון סאָציאַלן לעבן.

א. ש. זאַקס האָט געקראָגן זיין וויסנשאַפטלאַכע אויסבילדונג אין די באַריהמטע אוניווערזיטעטן פון דייטשלאַנד, אונטער וועלט-אַנערקענטע גע־לערנטע (העקעל איז געווען איינער פון זיינע לערער). ער האָט אָבער זיין וויסנשאַפט ניט פאַרשטעקט ערגעץ אין א ווינקל, כדי בלויז פון צייט צו צייט זיך א חנ'דל צו טאָן פאַר'ן ברייטן עולם מיט זיין געלערזאַמקייט — ווי עס טוען, ליידער, גאָר פילע פון אונזערע געלערנטע און וויסנשאַפטס־לייט. זאַקס האָט פון זיין תורה געמאַכט א „קרדום לחפור בה“; אָבער ניט אין דעם זין, ווי די חכמים האָבן דאָס געמיינט. ביי זאַקס'ן איז די וויסנשאַפט געוואָרן א פּראָזשעקטאָר, וואָס זאָל וואַרפן א שאַרף ליכט אויף די אַלע געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען, וואָס שטייען אונז אָפּט פּנים אל פּנים און מאָנען א לייזונג.

אָבער ווי שווער עס איז אָפּצוטיילן זאַקס'עס וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן פון זיינע עפנטלאַכע טעטיקייטן, איז אָבער אוממעגלאַך אין איין אַרטיקל אַרומצונעמען זיין גאַנצע רייכע קאַריערע. איך וועל דערפאַר פּרובירן זיך אָפּצושטעלן הויפּטזאַכלאַך אויף די ווערק, וואָס טראָגן א מער בולט'ן און מער פאָרמאַלן וויסנשאַפטלאַכן כאַראַקטער.

## וויסנשאַפט און וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט

וואָס איז אייגנטלאַך וויסנשאַפט? וואָס איז א וויסנשאַפטסמאַן, און וואָס מיינט וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט? צו וואָס פאַר א קאַטעגאָריע פון וויסנשאַפטלאַכער אַרבעט דאַרף צוגערעכנט ווערן די אַרבעט פון א. ש. זאַקס? אויף דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס וויסנשאַפט? זיינען דאָ כמעט

אַזויפיל ענטפערס וויפיל עס זיינען פאַראַן וויסנשאַפטסלייט. יעדער וויסנ־שאַפטסמאַן, פאַרשטייט זיך, גיט אַן ענטפער, וואָס איז מער צוגעפּאַסט צו זיין אייגענעם געביט. דער מאַטעמאַטיקער, צום ביישפּיל, וואָס האָט צו טאָן מיט אמת'ן, וואָס פליסן אַרויס מיט אַן אייזערנער נויטווענדיקייט פון אייניקע הויפּט־הנחות, קאָן בשום אופן ניט מסכים זיין, אַז די סאָציאָ־לאָגיע, ווי יעדע זאַך וואָס איז אַזוי נעפּלדיק, צווייפלהאַפט און ניט־באַשטימט, זאָל באַערט ווערן מיט'ן נאָמען וויסנשאַפט. דער סאָציאָלאָג, ווידער, וואָס האָט צו טאָן מיט לעבעדיקע אינטערעסן פון לעבעדיקע מענטשן, איז זיכער גענייגט צו קוקן מיט חשד אויף אַ געגנשטאַנד ווי מאַטעמאַטיק, וואָס האָט צו טאָן מיט בלויזע אַבסטראַקציעס און רירט ניט אָן דירעקט קיין מענטשלאַכע אינטערעסן.

איך וועל זיך דערפאַר ניט פּרובירן פאַנאַנדערצופּלאָנטערן אין דער פראַגע, וואָס איז אַזוינס וויסנשאַפט; איך וועל אָבער אויפנעמען די פיל לייכטערע פראַגע: וואָס איז אַ וויסנשאַפטסמאַן, און וואָס מיינט גוטע וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט; ווייל דאָס וועט אונז געבן אַ שליסל צו די אַרבעטן פון א. ש. זאַקס און אַ מאַסשטאַב אויף אָפּצושאַצן זייער וויסנ־שאַפטלאַכן ווערט.

בדרך כלל גענומען, וואָס פאַר אַ וויסנשאַפט מיר זאָלן ניט אָנכאַפּן, געפינען מיר דריי הויפּט־טיפּן פון וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטער. מיר גע־פינען, ראשית, וואָס איך וואָלט אָנגערופן די ציגל־מאַכער פון דער וויסנ־שאַפט. זיי זיינען די יעניקע, וואָס גריבלען זיך אין די קליינינקייטן, די איינצלנע דערשיינונגען; זיי שלעפּן צונויף, אַזוי צו זאָגן, די ליים און די שטרוי, און באַשאַפן די ציגל, פון וואָס דער וויסנשאַפטלאַכער בנין ווערט דערנאָך אויפגעשטעלט. אין די וויסנשאַפטלאַכע צייטשריפטן און זשורנאַלן דערשיינען אַרטיקלען אין די טויזנטער, וואו אָט די געלערנטע גיבן אָפּ באַריכטן איבער די רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען. אַן און פאַר זיך איז יעדער פון די דאָזיקע אַרטיקלען ניט פון גרויסן ווערט, אָבער אינגאַנצן גענומען זיינען זיי פון דער גרעסטער וויכטיקייט; ווייל פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל ווערט דערנאָך דער וויסנשאַפטלאַכער בנין אויפגעשטעלט.

דאַן איז פאַראַן דער וויסנשאַפטלאַכער אַרכיטעקט, דער וואָס נעמט צונויף די ציגל און בויט אויף דעם גאַנצן וויסנשאַפטלאַכן בנין — ער איז דער יעניקער, וואָס שטעלט אויף די גענעראַליזאַציעס, וואָס אַרבעט אויס די היפּאָטעזן, וואָס וואַרפט אונטער אַ ריי דערשיינונגען אונטער איין געזעץ. עס איז הויפּטזאַכלאַך צווישן אָט דעם טיפּ געלערנטע, וואָס

עס גיבן אַ בליץ-דורך פון צייט צו צייט די גרויסע גאונים פון דער וויסנשאַפט — די ניוטאָנס, די דעקאַרטס, די דאַרווינס, און די מאַרקס׳עס. אָפט מאָל זיינען זיי אַליין אויך די, וואָס קלייבן די איינצלנע ציגל פאַר זייער בנין, ווי צום ביישפיל, דאַרווין; אָבער זייער הויפט־פאַרדינסט באַשטייט אין זייערע גרויסע גענעראַליזאַציעס, אין זייערע גוּאיִנ׳ישע היפּאָטעזן.

לעצטנס איז צוגעקומען אַ דריטער טיפּ וויסנשאַפטסמאַן, איינער וואָס קאָן אָנגערופן ווערן דער וויסנשאַפטסמאַן־לערער. דער דאָזיקער טיפּ וויסנשאַפטסמאַן איז גרינטלאַך באַהאַוונט מיט זיין וויסנשאַפט אי אין דער טיף אי אין דער ברייט; ער האָט אי די אויסבילדונג אי די פייאיקייטן צו טאָן וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט פונ׳ם ערשטן מין און אָפט פונ׳ם צווייטן מין. אים אינטערעסירט אָבער די שייכות פון זיין וויסנשאַפט צו אַנדערע וויסנשאַפטן, און ספּעציעל איר שייכות און ווירקונג אויף׳ן סאָציאַלן אַרום. די אַלע טעאָריעס און היפּאָטעזן פון די מייסטערס פון דער וויסנשאַפט, וואָס זיינען געוואָרן אַ טייל פון זיין וויסנשאַפטלאַכן איך, פון זיין אני־מאמין, זוכט ער צו פאַרטיפן, צו קאָאָרדינירן מיט אַנדערע טעאָריעס, און ספּעציעל אַרויסקריגן זייער זין פאַר׳ן מענטשלאַכן לעבן. ער איז אַזוי איבערצייגט אין די אמת׳ן און אין דער נויטווענדיקייט פון זיין וויסנשאַפט, אַז ער זוכט וואָס מער צו סיסטעמאַטיזירן און פאַרשטענדלאַכער צו מאַכן די וויסנשאַפט פאַר׳ן ניט-ספּעציאַליסט. ער איז ניט קיין פּאָפּולאַריזאַטאָר אין וואולגאַרן זין פון וואָרט, ווייל ער גיט שטענדיק איבער פּינקטלאַך און געטריי די אמת׳ע לערע פון זיין ספּעציעלער וויסנשאַפט. ער האָט אָבער אַ חוש, אַזוי צו זאָגן, אַרויסצוקריגן דעם תּמצית, דעם זין פון אַ וויסנשאַפטלאַכער טעאָריע אַזוי, אַז ניט נאָר פאַר׳ן פּשוט׳ן מענטשן ווערט זי פאַרשטענדלאַך, נאָר אויך פאַר׳ן געלערנטן דערשיינט דער אמת אין אַ קלאָרער, אין אַ נייער ליכט. און נאָכאַמאָל, דער עיקר באַנוצט ער זיין וויסנשאַפט זי זאָל אים העלפן זיך צו אָריענטירן אין סאָציאַלן אַרום.

אָט דער לעצטער טיפּ געלערנטער, האַלט מען, איז ביי איצטיקער צייט אפשר פיל וויכטיקער ווי די ערשטע צוויי טיפּן. ווייל נאָך אַלעמען, פון די אַלע טויזנטער אַרטיקלען, וואָס ווערן פאַרעפנטלאַכט, בלייבן די מערסטע ליגן ווי טויטער באַלאַסט, און נאָר איינציקע ווערן באַנוצט אויף אויפצושטעלן וויסנשאַפטלאַכע בנינים. קיין נייע דויערנדיקע טעאָריעס ווערן אויך ניט יעדן טאָג באַשאַפן; די ניוטאָנס און די איינשטיינס זיינען גאַנץ זעלטענע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט. די אַלע נייע טעאָריעס, וואָס וואַקסן אויס יעדן טאָג ווי שוואָמען נאָך

אַ רעגן, זיינען באמת ניט מער ווי אַן איבער׳חזר׳ונג פון אַלטע טעאָריעס. ווידער, זאָגן אייניקע גאַנץ ערנסטע געלערנטע, אַז די צרה מיט דער וועלט איז, וואָס דער מענטש איז ניט דערוואַקסן גענוג זיך צו באַנוצן מיט דער וויסנשאַפט, וואָס מיר פאַרמאָגן שוין. סער אַליוער לאָדזש, צום ביישפּיל, שלאָגט ערנסט פאָר, אַז מען זאָל דערקלערן אַ צען-יאָריקן יום-טוב, ווען קיין נייע וויסנשאַפטלאַכע אַרבעט זאָל ניט געטאָן ווערן; ווייל מיר זיינען, זאָגט ער, אין געפאַר, אַז די וויסנשאַפט זאָל אונז אַריבערוואַקסן און זאָל ווערן אַ קללה אנשטאָט אַ ברכה פאַר דער מענטשהייט. אָט דערפאַר, זאָגן פיל געלערנטע, דאַרף מען האָבן אָט דעם דריטן טיפּ וויסנשאַפטסמאַן, ער זאָל נאָכאַמאָל ברייננגען די וויסנשאַפט צום מענטשן, כדי די וויסנשאַפט זאָל עקזיסטירן פאַר׳ן מענטשן און ניט דער מענטש פאַר דער וויסנשאַפט. די גאַנצע באַוועגונג, וואָס גייט לעצטנס אָן אין אַמעריקע אויף צו פאַר-מענטשלאַכן די וויסנשאַפט („היומאַניזיישאָן אָף סייענס“) איז אייגנטלאַך אַן אַרויסוואוקס פון אָט דעם בליק.

ווייס איך ניט, צי א. ש. זאַקס אַליין וועט איינשטימען מיט מיר ווען איך וועל זאָגן, אַז ער באַלאַנגט צו אָט דעם דריטן, אויפקומענדיקן טיפּ פון וויסנשאַפטסלייט. אין זיינע ביכער איבער׳ן סאָציאַליזם, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, און אַנדערע וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן זיינען טאַקע קיין נייע וועלט-אויפטרייסלענדיקע טעאָריעס ניט אויפגעשטעלט, אָבער אין זיין באַהאַנדלען דעם מאַטעריאַל דערקענט זיך די האַנט פון׳ם קינסטלער-לערער, וואָס האָט פאָלקאָם באַהערשט זיין געגנשטאַנד. טעאָריעס ווערן ניט בלויז איבערגעגעבן ווי זיי זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון זיינע גרויסע רביים, נאָר ווערן באַלויכטן פון אַן אייגענעם, וואָס איך וואָלט אָנגערופן זאַקסישן, שטאַנדפּונקט. טעאָריעס אין פּרינציפּן פון ביאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אין סאָציאַליזם ווערן ביי אים קאָאָרדינירט אויף אַ מייסטערהאַפט אופן אַזוי, אַז עס באַקומט זיך איין איינהייטלאַכע וועלט-אַנשויאונג. און אינגאַנצן איז די אַרבעט געשריבן מיט אַזאַ לייכטקייט און קלאָרקייט און אַזוי סיסטעמאַטיזירט, אַז סיי דער דורכשניטלאַכער אינטעליגענטער מענטש, סיי דער מער ערנסטער סטודענט קאָן זיך דורך די דאָזיקע ביכער לייכט באַקאַנען מיט די הויפּט-פּרינציפּן פון די וויסנ-שאַפטן, וואָס זיי באַהאַנדלען.

דער וויסנשאַפטסמאַן-לערער א. ש. זאַקס זעט זיך אַרוים אין אַלע זיינע צאָלרייכע ביכער, בראשונה און אַרטיקלען, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין משך פון זיין לאַנג-יאָריקער טעטיקייט. אַמבעסטן שפּיגלט זיך עס

אַם אין זיינע צוויי וויכטיקסטע ווערק: „די לערע פון סאָציאַליזם" און „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

## „די לערע פון סאָציאַליזם"

„די לערע פון סאָציאַליזם" האָט געהאַט אַ מערקווירדיקן מזל. צום ערשטן איז דאָס דערשינען אין אידיש. דאַן איז דערשינען אַן ענגלישע און אויך אַ דייטשע אויסגאַבע. אין ענגליש איז דאָס אַרויסגעגעבן געוואָרן צוערשט פון „די רענד סקול אָוו סאָשיאַל סייענס", דאַן איז דאָס אַרויסגעגעבן געוואָרן פון „די וואַנגאַרד פּרעס", אַ פאַרלאַג, וואָס גיט אַרויס די בעסטע ביכער פון דער וועלט-ליטעראַטור איבער סאָציאַלע פראַגן פאַר צוגענגלאַכע פּרייזן. ווען דאָס בוך איז דערשינען, איז דאָס באַגריסט געוואָרן פון רעכטס און לינקס. אָנגעזעענע אַקאַדעמיקער, אוניווערזיטעט-פּראָפעסאָרן, האָבן זיך וואַרים אָפּגערופן דערויף, וואָס ענדלאַך איז דאָ אַ סיסטעמאַטישער בוך איבער'ן וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם, וואָס מען קאָן זיך אויף דעם סומך זיין. אין אייניקע אוניווערזיטעטן ווערט דאָס בוך רעקאָמענדירט פאַר די סטודענטן פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי אַ טעקסט-בוך פון סאָציאַליזם. עס איז כדאי דאָס אַלץ איבערצודערציילן, ווייל ווי מיר דאַכט, איז דאָס דאָס איינציקע בוך איבער אַן אַלגעמיינעם געגנשטאַנד, געשריבן אָריגינעל אין אידיש, וואָס האָט געקראָגן, אַזוי צו זאָגן, אַקאַדעמישע אַנערקענונג. אין דערזעלבער צייט זיינען געווען זייער גינסטיקע אָפּרופן איבער'ן בוך אין דער דייטשער קאָמוניסטישער פּרעסע; ווייל, ווי זיי זאָגן, איז דאָס בוך דער בעסטער אריינפיר אין דער מאַטעריאַליסטישער וועלט-אַנשויאונג און אין די עקאָנאָמישע לערן פון קאַרל מאַרקס.

ווי-זשע קומט עס, וואָס אַ בוך איבער די גרונט-פּרינציפּן פון דער מאַרקסיסטישער לערע זאָל אַזוי וואַרים באַגריסט ווערן סיי פון די עקסטרעמסטע אָנהענגער פונ'ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם, סיי פון בורזשואַזע פּראָפעסאָרן, וואָס זיינען בדרך כלל ניט קיין שטאַרקע נאָכפאָלגער פונ'ם סאָציאַליזם פון אירגענד וועלכער שיטה? צוליב דער זעלבער אורזאַך; ווייל „די לערע פון סאָציאַליזם" איז איינציק אין זיין מין, מיט דעם, וואָס אין קנאַפּע צוויי הונדערט זייטן ווערט אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן, אַן זייטיקע אַרומריידעניש, איבערגעגעבן סיי די פילאָזאָפישע, סיי די עקאָנאָמישע לערע פונ'ם מאַרקסיזם — די מאַטעריאַליסטישע וועלט-

אויפפאַסונג, די מאַרקסיסטישע ווערט־טעאָריע און די לערע פון מער־ווערט. פריינט וועלן דאָ געפינען נייע איבערציינגנדיקע באַווייזן פאַר דער ריכטיקייט פון זייער גלויבן; ווייל זאַקס שטעלט דאָ די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע אויף שטרענגע, כמעט אומבאַשטרייטבאַרע באַווייזן פון דער מאָדערנער ביאָלאָגיע. געגנער, ווידער, וועלן דאָ געפינען דאָס קלאָרסטע, סיסטעמאַטישסטע בילד הן פון די שטאַרקע הן פון די שוואַכע זייטן פון דער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע; און כידוע איז לייכטער צו אַטאַקירן אַ שונא, ווען מען איז גרינטלעך באַקאַנט מיט זיין כאַראַקטער און פּאָזיציע.

דער חסרון אייגנטלעך מיט די אַלע דעבאַטן און דיסקוסיעס איבער׳ן סאָציאַליזם בכלל און איבער׳ן וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם בפרט איז דאָס, וואָס די געגנערישע צדדים קאָנען זיך זייער זעלטן איינפאַרשטיין איבער אַ קלאָרער דעפיניציע פון זייערע טערמינען. גאַנצע בענדער וואָלט מען געקאָנט אָנפילן מיט די דעפיניציעס פון סאָציאַליזם, און איין דעפיניציע זאָל זיין פון דער אַנדערער כרחוק מזרח ממערב. אָפט איז מיר אויסגעקומען צו הערן פרומע מאַרקסיסטן פּאַרטיידיקן זייער רבינ׳ס תורה, וואָס איך בין זיכער, אַז ווען מאַרקס הערט זיי, וואָלט ער נאָכאַמאָל איבער־גע׳חזר׳ט זיין באַרימט ווערטל, אַז ער איז ניט קיין מאַרקסיסט. געגנער, ווידער, וועט איר אָפט הערן שיטן פעך און שוועבל אויף דער מאַטעריאַ־ליסטישער פילאָזאָפיע, און ווען איר דערגרונטעוועט זיך צום תוך פון זייערע רייד, געפינט איר אויס, אַז זיי פאַרמישן די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג פון דער געשיכטע מיט׳ן גראָבן מגושמ׳דיקן מאַטעריאַליזם.

באַשולדיקן קאָנט איר ביידע צדדים ניט; ווייל מאַרקס אַליין האָט וועגן מאַרקסיזם ניט געשריבן... און אין דער גאַנץ גרויסער מאַקסיסטישער ליטעראַטור וועט איר זעלטן געפינען אַ קורץ־געפאַסט, סיסטעמאַטיש בוך, וואָס זאָל איבערגעבן די עיקרים פונ׳ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם פון אַ ריין־וויסנשאַפטלאַכן, ניט אַגיטאַטאָרישן שטאַנדפּונקט. דאָס בוך פון א. ש. זאַקס איז זיכער אַ ווערטפולער ביטראָג אויסצופילן אָט דעם לאָך אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.

א. ש. זאַקס איז אַ שטרענגער מאַרקסיסט; איך וואָלט געזאָגט, אַ מאַרקסיסט פונ׳ם אַלטן חדר. ער גיט דערפאַר איבער געטריי און פּינקט־לאַך די טעאָריעס און לערעס פון מאַרקס׳ן. אָבער, ווי געזאָגט, איז זאַקס קודם כל אַ וויסנשאַפטסמאַן; און, ווי אַ וויסנשאַפטסמאַן, פּרואווט ער ווי ווייט מעגלאַך אויסצושטעלן יעדע טעאָריע און יעדע אָנשויאונג אויף ריין־וויסנשאַפטלאַכע יסודות. איך זאָג „ווי ווייט מעגלאַך“, ווייל איך

גלויב ניט, אַז אַ סאָציאַלע לערע, וואָס עס זיינען אין איר פאַרוויקלט טיפע ליידנשאַפטן און הייסע מענטשלעכע געפילן, וועט ווען ס'ניט איז קאָנען באַגרינדעט ווערן אויף ריין-אָביעקטיווע יסודות. זאַקס איז אַ סאָציאַליסט, אָנגעפילט מיט סימפּאַטיע און ליבע צו זיינע ליידנדיקע מיט־מענטשן, און ווי מיר דאַכט קריגן זיינע סוביעקטיווע געפילן טייל מאָל די אויבערהאַנט איבער זיינע אָביעקטיווע נאָכדענקען.

זאַקס פּרואווט צוערשט קלאָר מאַכן די מעטאָדע, דעם צוטריט פון וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם צו געזעלשאַפטלאַכע דערשיינונגען, די אַזוי־גערופענע סאָציאַליסטישע דיאַלעקטיק. די דיאַלעקטישע מעטאָדע איז באמת דער שליסל צום גאַנצן וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. דאָס וואָרט דיאַלעקטיק איז איינגעטלאַך דער אבן נגף פון אַ סך סאָציאַליסטישע סטודענטן. זאַקס מאַכט קלאָר, אַז די דיאַלעקטישע מעטאָדע איז אַ מין סאָציאַלע רעלאַטיוויטעט. לויט דער מעטאָדע איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע מאָס, קיין אַבסאָלוטע קריטעריע אויף אָפּצושאַצן סאָציאַלע דערשיינונגען; נאָר יעדע דערשיינונג מוז באַטראַכט ווערן אין שייכות צו אַלע אַנדערע דערשיינונגען, מוז אָפּגעשאַצט ווערן לויט איר איינפלוס, אירע קאָנסעקווענצן אויפ'ן סאָציאַלן אַרום. מאַרקס האָט איבערגענומען די העגעליאַנישע דיאַלעקטיק, וואָס באַטראַכט די גאַנצע מענטשלאַכע געשיכטע ווי אַ קייט פון פּאַסירונגען, וואָס איין פּאַסירונג איז אַ לאָגישער פּועל יוצא פון אַ פריערדיקער; און האָט אויך אָנגענומען זיין באַרימטע פאָרמולע: טעזיס, אַנטיטעזיס און סינטעזיס. ניט מער, ווי אויפ'ן אָרט פון דעם ער זאָל גלויבן ווי העגעל, אַז די אידייע איז די באַוועגנדיקע קראַפט פון דער געשיכטע, האָט ער אויפגעשטעלט די השערה, אַז די אויסערלאַכע מאַטעריעלע וועלט איז דער דעטערמינירנדיקער פאַקטאָר. דאָ האָב איך מורא איז זאַקס ניט איינגאַנצן גערעכט צו העגל'ען, ווען ער זאָגט, אַז דערפאַר האָט מאַרקס איבער־געדרייט העגעל'ס פילאָזאָפיע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, דערפאַר וואָס ער (מאַרקס) איז געווען אַ פריידיינקער און האָט ניט געגלויבט אין קיין פאַרבאָרגענע גייסטער. נאָך אַלעמען זיינען היינט פאַראַן אַ סך פריי־דיינקער, וואָס גלויבן אין דער הערשאַפט פון דער אַבסאָלוטער אידייע.

מיט דער הילף פון דער דיאַלעקטישער מעטאָדע האָט מאַרקס אַנטדעקט די געזעצן פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג. נאָכפאָלגנדיק ענגעלס'ן, זאָגט זאַקס, אַז די וויכטיקסטע אויפטואונגען פון מאַרקס'ן זיינען: דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם און די טעאָריע פון מער-ווערט. די איבעריקע טייל פונ'ם בוך גיט זאַקס אָוועק אויף צו באַלייכטן, באַגרינדן און דיס־קוסירן די דאָזיקע צוויי טעאָריעס.

די צוויי קאַפּיטלען איבער'ן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם זיינען אַן אויסגעצייכנטע פילאָזאָפישע עסיי, אָפּגעזען פון זייער שייכות צו די עקאָנאָמישע לערעס פונ'ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. זיי גיבן דעם לייענער אַ קלאָרן אַריינבליק אין די צוויי טענדענצן אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע — דער מאַטעריאַליזם און דער אידעאַליזם. איבער קיין אַנדער באַגריף אין מאָדערנעם סאָציאַליזם איז אַזויפיל טינט ניט פאַרגאָסן געוואָרן און אַזויפיל הייסע ויכוחים ניט אָנגעפירט געוואָרן, ווי איבער'ן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מאַרקס אַליין, דער באַגרינדער פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע, האָט וועגן דעם ענין בלויז עטלאַכע קליינע באַמערקונגען אין זיין „צור קריטיק דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע". ענגעלס' אָפּהאַנדלונג אין זיין „סאָציאַליזם, אוטאָפּישער און וויסנשאַפטלאַכער" איז אַ ביסל פאַרעלטערט, ווייל ער באַזירט דאָרט דעם מאַטעריאַליזם, ווי מיר דאַכט, אויף אַ פאַרעלטערטער פילאָזאָפיע. זאַקס'עס צוויי קאַפּיטלאַך איבער דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע זיינען באמת אַן אָריגינעלער און ווערטפולער ביי‌טראָג צו דער פילאָזאָפיע ווי צום וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. כאָטש דער קריטישער לייענער וועט נאָכ'ן לייענען ניט זיין זיכער ביי זיך צי זאַקס קאָן מיט רעכט פאַררעכנט ווערן צווישן די מאַטעריאַליסטן, צי ער איז אפשר מער נוטה צו דער אידעאַליסטישער שיטה אין דער פילאָזאָפיע.

זאַקס באַגרינדעט זיין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אויפ'ן פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם, און זיין פילאָזאָפישן מאַטעריאַליזם באַגרינדעט ער אויף דער ביאָלאָגיע. ווי געזאָגט, איז זאַקס אַ טרייער תלמיד און נאָכפאָלגער פונ'ם גרויסן דייטשן ביאָלאָג העקל, און ער נעמט אָן העקל'ס פילאָזאָפיע פונ'ם וויסנשאַפטלאַכן מאָניזם. ווי עס ווייזט אויס, שטעלט זיך זאַקס ניט צופרידן, ניט מיט דער היסטאָרישער שולע פון אידעאַליזם און ניט מיט'ן מאַטעריאַליזם פונ'ם אכצענטן יאָרהונדערט. ער נעמט אָן העקל'ס מאָניזם, וואָס איז אייגנטלאַך אַ פּשרה צווישן די ביידע שולעס. „דער דאָזיקער מאָניסטישער באַגריף," זאָגט זאַקס, „איז ניט מאַטעריאַליסטיש אין ריינעם זין פון וואָרט. ער לייקנט ניט אָפּ גייסט, נשמה. אין געגנטייל, לויט אָט דעם סיסטעם איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי טויטע מאַטעריע, מאַטעריע אָן גייסט. . . . עס איז פאַראַן אין קאָסמאָס בלויז איין סובסטאַנץ — דער אוניווערזאַלער סובסטאַנץ."

וואָלט מען דאָך געוועזן פונקט אַזוי באַרעכטיקט אָנצורופן דעם דאָזיקן וויסנשאַפטלאַכן מאָניזם — אידעאַליזם. פאַרוואָס-זשע האָלט זיך זאַקס ביים נאָמען מאַטעריאַליזם? דערפאַר, וואָס זאַקס האָלט מיט העקל'ען,

אַז כאָטש יעדער אַטאָם מאַטעריע איז טאַקע באַלעבט — ניטאָ קיין טויטע מאַטעריע — איז אָבער אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן דער אוניווערזאַלער סובסטאַנץ, איז דאָס, וואָס מיר נעמען אויף מיט אונזערע חושים, און די סובסטאַנץ איז אונטערגעוואָרפן די אַלע פיזישע, כעמישע און מעכאַנישע געזעצן, וואָס מיר קאָנען אויסגעפינען דורך וויסנשאַפטלאַכע עקספּערי-מענטן. קיין אַנדער רעאַליטעט איז ניטאָ. די פּסיכישע און ביאָלאָגישע דערשיינונגען זיינען אונטערגעוואָרפן די זעלבע מעכאַנישע געזעצן, ווי די אַזוי־גערופענע טויט מאַטעריע. איז כאָטש פון אויבן אויף קאָן זיך אויס־דאַכטן, אַז העקעל׳ס מאָניזם איז אין תוך אַנדערש ווי דער פילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם, זיינען אָבער די וויסנשאַפטלאַכע און פילאָזאָפישע קאָנ-סעקווענצן פון ביידע אַנשוויאונגען דיזעלבע.

זאַקס באַזירט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אויף אָט דעם פילאָ-זאָפישן מאַטעריאַליזם פון העקעל׳ס וויסנשאַפטלאַכן מאָניזם. ווי מיר שיינט, איז דאָס איינער פון די געציילטע ערנסטע פּאַרזוכן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אוועקצושטעלן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם אויף ריין-וויסנשאַפטלאַכע יסודות. דאָ מוז מען ליידער זאָגן, אַז דער אָנשפּאַר איז ניט קיין זייער פעסטער. זאַקס איז אַ ביאָלאָג און שעפּט זיינע אַלע באַווייזן פון די ביאָלאָגישע וויסנשאַפטן. וואָלט זאַקס געווען אַ מאָדערנער פיזיקער, וואָלט ער מן הסתם געקומען צו גאַנץ אַנדערע שלוסן. די מאָדערנע פיזיק האָט אונטערגעגראָבן די יסודות ניט נאָר פונ׳ם מאַטעריאַליזם פונ׳ם אכצענטן יאָרהונדערט, נאָר אפילו פון העקעל׳ס מאָניזם. אונטער׳ן מאַגישן שטעקעלע פונ׳ם מאָדערנעם פיזיקער זיינען פאַרשוואונדן אָט די לייכט־פאַרשטענדלאַכע מאַטעריע און ענערגיע, די שטרענגע קאַוזאַליטעט, דער וויסנשאַפטלאַכער דעטערמיניזם, די אַבסאָלוטע געזעצמעסיקייט, רום און צייט, קאָנטיניואיטעט, און אַלע אַנדערע קלאָרע פיזישע באַגריפן, וואָס מיר האָבן גע׳ירש׳נט פון אַ פריערדיקער עפּאָכע. עס איז אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס דווקא די פיזיק, די פּאָזיטיווסטע פון זאַלע וויסנשאַפטן, ווערט וואָס אמאָל אַלץ מער און מער מיסטיש געשטימט; און פאַרקערט, די ביאָלאָגיע, די וויסנשאַפט וואָס באַשעפטיקט זיך מיט די ווינציק־פאַרשטאַנענע לעבנס-פּראָצעסן, איז אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט פאַרגלויבט אין דער מעגלאַכקייט פון אַ מעכאַניסטישער דערקלערונג פון יעדער דערשיינונג.

אָבער, אָפּגעזען פון געוויסע פּרינציפּן פון דער מאָדערנער פיזיק, וואָס זיינען נאָך איינגטלאַך ניט קיין פעסטגעשטעלטע כללים, געלינגט זיבער זאַקס׳ן צו געפינען אַ פעסטן אָנשפּאַר פאַר דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. אינ׳ם קאַפּיטל איבער „די מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג

פון דער געבורט" גיט זאַקס אַ אויסגעצייכענטן אַריינפיר אין דער היסטאָרישער פילאָזאָפיע פון׳ם מאַרקסיזם. ער ברענגט צוזאַמען אַ מאַסע היסטאָרישע באַווייזן און אַ סך ציטאַטן פון מאַרקס און ענגעלס, און דערווייזט ווי פרוכטבאַר די מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע איז געוואָרן אין די הענט פון מאַרקס׳ן אויפצודעקן די געהיימע ספרוזשינעס, וואָס באַוועגן אונזער געזעלשאַפטלאַכן מעכאַניזם. מאַרקס׳ן איז, לויט זאַקס׳ן, געלונגען אויסצוגעפינען די אָביעקטיווע געזעצן פון דער געזעלשאַפטלאַכער אַנטוויקלונג. דער הויפט־געזעץ איז, אַז *„די מאַטעריעלע פראָדוקטיווע קרעפטן, און ניט קיין אַנדערע פאַקטאָרן שאַפן די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וואָס ברענגען אַרויס די פאַרשידענע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן."* בייטן זיך די פראָדוקטיווע קרעפטן, מוזן אויך אַנטשטיין נייע פאָרמען פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, וואָס זאָלן זיין מער צוגעפאַסט צו די נייע פראָדוקטיווע כחות. אַ שאָד, וואָס אַזוי ווייניק סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, און אַנדערע געשוואָוירענע מאַרקסיסטן לייענען ביכער פון אָט דעם מין. קיין מאַרקסיסטישער געדאַנק ווערט ניט אַזויפיל פאַרפלאָנטערט און צעדרייט, דווקא פון די נאָכפאָלגער פון קאַרל מאַרקס, ווי וועגן אָט דער צענטראַלער אידייע פון דער מאַרקסיסטישער פילאָזאָפיע, וואָס ווערט מיט אַזאַ קלאָרקייט און גלאַטקייט אַרויסגעבראַכט פון א. ש. זאַקס אין׳ם דערמאָנטן קאַפיטל.

איינע פון די הויפט־מעלות פון זאַקס׳ „לערע פון סאָציאַליזם" איז, וואָס די פאַרשידענע אַנשויאונגען, באַגריפן און טעאָריעס פון וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם ווערן אַרויסגעשטעלט ווי אַ לאָגיש־געבונדענע סיסטעם. עס איז ניט אַלעמאָל לייכט צו זען די אינערלאַכע שייכות צווישן דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, קלאַסן־קאַמף, ווערט־טעאָריע, און אַנדערע מאַרקסיסטישע באַגריפן. זאַקס ווייזט ווי איין באַגריף, איין טעאָריע פירט לאָגישערווייז צום נעקסטן באַגריף, צו דער נעקסטער טעאָריע. נאָכדעם ווי זאַקס באַגרינדעט דעם צענטראַלן מאַרקסיסטישן געדאַנק, אַז די פראָדוקטיווע קרעפטן באַשטימען די אַלע פאָרמען פון סאָציאַלן לעבן, פרעגט ער, אין וואָס פאַר אַ סאָציאַלע פראָצעסן שפיגלט זיך אָפּ דער אומבייט פון די פראָדוקטיווע קרעפטן, וואָס ברענגט סוף כל סוף מיט, אַז די פאָרמען פון סאָציאַלן צוזאַמענלעבן זאָלן זיך איבעראַנדערשן? און די פראַגע פירט אים נאַטירלאַך צום ענטפער וואָס מאַרקס האָט געגעבן, אַז דער *קלאַסן־קאַמף* איז דאָס דער סאָציאַלער פראָצעס, וואָס פירט אַלעמאָל צו אַן

אויסגלייך צווישן די פּראָדוקטיווע קרעפטן און די סאָציאַלע שייכות׳ן. וואָס פאַר אַ קלאַס געווינט דעם קאַמף? „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם לערנט אונז, אַז די אָביעקטיווע געזעצן פון דער געשיכטע מוזן מיטברענגען דעם טריאומף פון יענעם קלאַס, וואָס דריקט אויס די אינטערעסן פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטן.״ וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאַס אין דער איצטיקער געזעלשאַפט, וואָס דריקט אויס די אינטערעסן פון די היינטיקע קאַפּיטאַ־ליסטישע פּראָדוקטיווע קרעפטן? דאָ אַנאַליזירט זאַקס די אַלע געגנזאַצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און קומט, פאַרשטייט זיך, צו דער מסקנא, אַז דער סאָציאַליזם איז די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, וואָס איז אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו די היינטיקע פּראָדוקטיווע קרעפטן, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז דער טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליס־טישער אידייע, און אַזוי אַרום דערווייזט ער, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט קיין אוטאָפּיע, נאָר פאָלגט מיט אַן אייזערנער לאָגיק פון די אָביעקטיווע היסטאָרישע געזעצן.

אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל גיט זאַקס איבער פאָלקאָם און געטריי דעם גאַנצן מאַרקסיסטישן געדאַנקען־גאַנג וועגן דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם, און דווקא אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועט דער אַנטי־מאַרקסיסט געפינען זייער אַ סך אַמוניציע אויף צו באַקרעפטיקן זיין אַפּיקורסות. מען קאָן, צום ביישפּיל, זייער שטאַרק אָפּפרעגן די באַהויפּטונג, אַז דער פּראָלעטאַריאַט מוז דאָס זיין דער טרעגער פון דער רעוואָלוציאָ־נערער אידייע. ווידער קאָן מען אָנווייזן אויף׳ן פּראָלעטאַריאַט פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אַ לעבעדיקע אָפּלייקענונג פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, אַז דאָרט וואו די אַרבעטער אַרבעטן אין קאָמפּאַקטע מאַסן מוזן זיי ווערן רעוואָלוציאָניזירט און ווערן אָנהענגער פונ׳ם סאָציאַליזם.

נאָכדעם ווי זאַקס באַשפּרעכט די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם ווי אַ פּועל־יוצא פונ׳ם קלאַסן־קאַמף אין דער איצטיקער געזעל־שאַפט, נעמט ער זיך אַנאַליזירן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, און דאָס פירט אים נאַטירלאַך צו מאַרקס׳עס ווערט־טעאָריע און צו זיין לערע פון מער־ווערט. זאַקס ווייזט מיט רעכט אָן, אַז די ווערט פון אַ סחורה, וואָס איז דאַכט זיך אַזוי פּשוט און וואָס מיר באַנוצן אַזוי אָפט אין טאָג־טעגלאַכן לעבן, איז באמת דער שווערסטער באַגריף אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע צו אַנאַליזירן. זאַקס באַנוגנט זיך ניט מיט געבן אונז בלויז די מאַרקסיסטישע ווערט־טעאָריע, נאָר ער גיט אויך איבער די פאַרשידענע סוביעקטיווע ווערט־טעאָריעס, און ווייזט ווי ניט־אויסגעהאַלטן די דאָזיקע טעאָריעס זיינען און ווי אַזוי זיי באַווייזן

ניט צו פאַרענטפערן די אַלע פאַרשידענע דערשיינונגען אויפ׳ן סחורה־מאַרק. די אָביעקטיווע אַרבעטס-טעאָריע פון ווערט איז די איינציקע וויסנשאַפטלאַכע טעאָריע, וואָס גלייכט אויס אַלע סתירות. זאַקס טוט אויף זייער אַ נוצלאַכע זאַך, וואָס ער דערציילט דעם אורשפּרונג פון דער אַרבעט-ווערט טעאָריע, אַז מאַרקס האָט זי אייגנטלאַך איבערגענומען פון זיינע פאָרגייער אַדאַם סמיט, דוד ריקאַרדאָ און דזשאָן סטואַרט מיל. מאַרקס האָט אָבער דעם גרויסן פאַרדינסט, וואָס אין זיינע הענט איז די ווערט־טעאָריע געוואָרן אַן אמת־וויסנשאַפטלאַכער אינסטרומענט אויף צו אַנאַליזירן אַלע מסחר-פאַרהעלטענישן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

דער שפּיץ פון דער גאַנצער דיסקוסיע איז, פאַרשטייט זיך, דאָס קאַפּיטל וועגן דער מער-ווערט טעאָריע, — די טעאָריע, וואָס זאָגט, אַז דער גאַנצער פּראָפיט פונ׳ם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, דאָס גאַנצע רייכקייט פון דער געזעלשאַפט נעמט זיך דערפון, וואָס דער אַרבעטער קריגט ניט צוריק די גאַנצע ווערט פון זיין אַרבעטס־קראַפט. זאַקס גייט דאָ נאָך מאַרקס׳עס אָפּהאַנדלונג וועגן מער־ווערט אין ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל", אָבער ער גיט די גאַנצע טעאָריע איבער אין אַ קלאָרער פּאָפּולערער שפּראַך מיט טרעפלאַכע ביישפּילן אַזוי, אַז דער דורכשניטלאַכער אינטעליגענטער מענטש קאָן לייכט באַנעמען אָט דעם קאַרדינאַלסטן פּונקט פון דער גאַנצער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמישער לערע.

אין לעצטן קאַפּיטל פאַרנעמט זיך זאַקס מיט ענטפערן די קריטיקער פון וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. דאָ באַשעפטיקט ער זיך בלויז מיט דער עקאָנאָמישער זייט פונ׳ם מאַרקסיזם. זאַקס גיט דאָ אָפּנהאַרציק צו, אַז מיט די וואָס האָבן אויסצוזעצן קעגן דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע קאָן מען ניט פּאָלעמיזירן, ווייל „מען קאָן ניט קריטיקירן איין פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט מיט אַ צווייטן, ספּעציעל ווען דער אויסגאַנג-פּונקט קאָן ניט דעמאָנסטרירט ווערן דורך עקספּערימענטאַציעס." באַטש ער מאַכט דערביי אַ באַמערקונג, וואָס איז, ווי איך גלויב, ניט אינגאַנצן ריכטיק, אַז „צו פאַרוואַרפן דעם דאָזיקן באַגריף (דעם מאַטעריאַליזם) מיינט, אַז מיר מוזן פאַרוואַרפן די מאָדערנע נאַטור־פילאָזאָפיע." פון די עקאָנאָמישע קריטיקער שטעלט זיך זאַקס הויפּטזאַכלאַך אָפּ אויף די רעוויזיאָניסטן צווישן די סאָציאַליסטן. אַ שאָד, וואָס זאַקס שטעלט זיך ניט אָפּ אויך אויף די קריטיקער, וואָס זעצן אויס קעגן מאַרקסיזם פונ׳ם פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. איך האָב דאָ אין זין אַזוינע קריטיקן ווי דעמאַנ׳ס „פּסיכאָלאָגיע פון סאָציאַליזם".

נון, וועל איך ניט זיין אזוי נאַאיוו און גלויבן, אַז א. ש. זאַקס' „לערע פון סאָציאַליזם" קאָן באַקערן אַ באַוואוסטזיניקן געגנער פון וויסנ־שאַפטלאַכן סאָציאַליזם אָנצונעמען די מאַרקסיסטישע תורה. אונזערע רעליגיעזע, עטישע, פילאָזאָפישע און סאָציאַלע גלויבנס ווערן געשפייזט און פאָרמירט מערסטנס דורך אַנדערע, ניט־ראַציאָנאַלע פסיכישע קאַנאַלן. אַלץ, וואָס דער אינטעלעקט קאָן טאָן איז צו ראַציאָנאַליזירן אונזערע אַנשויאונגען און באַגריפן. איך האָב געלייענט דאָס בוך פון אָנהויב ביז'ן סוף מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט אַ טיפן אינטערעס, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער לאָגישקייט און געבונדנקייט מיט וועלכע זאַקס בויט אויף זיין טעזיס. פונדעסטוועגן קאָן איך ניט זאָגן, אַז עס האָט מיך צוריק באַקערט צום מאַטעריאַליזם אָדער צום וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם בכלל. פריינט און אָנהענגער פונ'ם מאַרקסיזם וועלן אָבער אין דעם בוך געפינען די בעסטע און לאָגישסטע באַווייזן אויף צו באַקרעפטיקן זייער גלויבן; געגנער, ווידער, דאַרפן דאַנקען דעם מאַרקסיסט זאַקס פאַר דער ליכקייט און קלאָרקייט מיט וועלכער ער האָט דערקלערט זייער געגנער'ס פּאָזיציע. מיט דעם בוך איז די סאָציאַלע וויסנשאַפט בכלל און דער וויסנשאַפטלאַכער סאָציאַליזם בפרט באַרייכערט געוואָרן מיט אַ גלענצענדן און אָריגינעלן ביישטייער.

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

איך האָב זיך מיט אַ כיוון אַזוי לאַנג אָפּגעשטעלט אויפ'ן בוך „די לערע פון סאָציאַליזם", ווייל דאָס בוך שטעלט, לויט מיין מיינונג, מיט זיך פאָר דעם רייפסטן פּראָדוקט פון זאַקס' וויסנשאַפטלאַכן און סאָציאַלן דענקען. עס האָט זיכער זיך געפאָדערט יאָרן פון ערנסטן פאָרשן און זוכן אַט דעם לאָגישן און אַרכיטעקטאָריש־פּערפעקטן בנין אויפצובויען. אַ צווייט בוך, וואָס איז פון אומגעהויערן באַדייט פאַר דער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור אין אידיש, איז אָן ספק זאַקס' „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".*) דאָס בוך איז איינציק אין זיין מין אין דער אידישער ליטעראַטור מיט דעם, וואָס עס גיט אַן אויסגעצייכנטן און אויספירלאַכן אריינפיר אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע בכלל, ניט בלויז אין דער מאַרקסיסטישער שיטה פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. פון דעם טעקסט־בוך האָבן גאָר פילע אידישע

*) „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" פון א. ש. זאַקס, דריטע אויפלאַגע; אַרויס־געגעבן פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון אַרב. רינג.

אַרבעטער און אינטעליגענטן געקראָגן זייער פּאָליטיש-עקאָנאָמישע אויס־בילדונג.

כאָטש דאָס בוך נעמט אַרום די גאַנצע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מאַכט אָבער זאַקס קיין סוד ניט דערפון, אַז זיין צוועק איז ניט צו לערנען מיט זיינע לייענער די בורזשואַזע פּאָליטישע עקאָנאָמיע בלויז לשם לערנען; זאַקס, דער סאָציאַליסט, פירט דורך פאַר אונז די אַלע טעאָריעס פון די קלאַסישע און מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמיסטן, כדי אונז צו ווייזן אויף וואָס פאַר אַ שוואַכן פונדאַמענט זייער בנין איז געבויט, און אַז דער איינציקער וויסנשאַפטלאַכער שליסל צו די עקאָנאָמישע דער־שיינונגען אין דער געזעלשאַפט איז די מאַרקסיסטישע עקאָנאָמיק.

די דאָזיקע בולט'ע טענדענץ פונ'ם בוך מינערט ניט אויף אַ האָר פון זיין וויסנשאַפטלאַכן ווערט. יעדע אָפּהאַנדלונג איבער אַ סאָציאַלער וויסנ־שאַפט מוז זיין אָדער אַפּאָלאָגעטיש אָדער אָנגרייפנד. ניטאָ קיין אַבסאָלוטע אומפּאַרטייאישקייט און שטרענגע אָביעקטיוויטעט אין יענע וויסנשאַפטן, וואָס רירן אָן דעם סאַמע באַזיס פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט. אין כמעט אַלע טעקסט־ביכער איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשריבן פון אָנגעזעענע קאַפּיטאַליסטישע געלערנטע, הערט זיך קלאָר און דייטלאַך דער אַפּאָלאָגעטישער טאָן, דאָס רייכוואַשן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג. די קאַפּיטלען, וואָס זיי שליסן געוויינלאַך איין, איבער די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע לערען און איבער'ן סאָציאַליזם בכלל, זיינען מערסטנס מיט'ן צוועק אַרונטערצורייסן, צו ווייזן די ניט־אויס־געהאַלטנקייט, די לעכערלאַכקייט פון דער סאָציאַליסטישער פּאָזיציע. מיר קאָנען דערפאַר ניט פאַרדענקען ווען אַ סאָציאַליסט טוט דאָס פאַרקערטע, און אין אַ טעקסט־בוך איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע גיט ער דעם פאָרצוג דער סאָציאַליסטישער שיטה. אָבער די פאַקטן, די טעאָריעס און אנשוי־אונגען פון זיינע בורזשואַזנע געגנער גיט זאַקס איבער גענוי, פּינקטלאַך, געטריי און ערלאַך, מיט אָן אַ שיער ציטאַטן פון זייערע אָריגינעלע ווערק, אַזוי, אַז דער אויפמערקזאַמער דיסקרימינירנדיקער לייענער קאָן פאַר זיך אַליין באַשטימען צי איז די קריטיק פונ'ם פּאַרפאַסער באַרעכטיקט צי ניט.

דער ערשטער טייל פונ'ם בוך גיט זיך אָפּ מער מיט די טעאָרעטישע זייטן פון דער וויסנשאַפט. זאַקס ווייזט אונז דאָ אויף ווי ווייט דער וויסנשאַפט איז געלונגען אויפצודעקן די געזעצמעסיקייט, וואָס הערשט אין די עקאָנאָמישע דערשיינונגען. דער שטאַנדפּונקט איז דורכאויס אַן עוואָלו־ציאָנערער. אים אינטערעסירט צו פאַרענטפערן ניט נאָר ווי אַזוי דאָס

ווירטשאַפטלעכע לעבן ווערט צוזאַמענגעשטעלט, נאָר פאַרוואָס עס הערשט אין אַ געוויסער פּעריאָדע איין סיסטעם און אין אַנדער פּעריאָדע אַ צווייטע, און וואָס זיינען עס די כחות וואָס פירן צום איבערבייט. איבעראַל באַטאָנט זאַקס, אַז די פּאָליטישע עקאָנאָמיע באַשעפטיקט זיך בלויז מיט „דער געזעלשאַפטלעכער זייט פון דער פאָלקס-ווירטשאַפט.“

דער פּראָפעסער צעגלידערט גרונטלאַך און רעדט אַרום די רעלאַטיווע ראָל פון די דריי באַשטאַנד-טיילן פון דער פּראָדוקציע: די נאַטור, אַרבעט, און קאַפּיטאַל. ער גיט אונז אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון די פאַרשידענע ווירטשאַפט-סיסטעמען, און ווייזט אָן אויף די כחות, וואָס האָבן געפירט די געזעלשאַפט פון אַ נאַטוראַל-ווירטשאַפטלאַכן סיסטעם ביז דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. זאַקס ברייננגט דאָ אריין אָפּן זיין מאַטעריאַליסטישע געשיכטס-אויפפאַסונג. די אַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען, זעט ער ווי אַ רעזולטאַט פון „די פאַרענדערונגען אין די קינסטלאַכע געצייג, אין דער אַרט און ווייזע ווי דער מענטש האָט געפירט דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ.“

זייער גרינטלאַך איז די דיסקוסיע איבער די פאַרשידענע ווערט-טעאָריעס. פּונקט ווי אין זיין „לערע פון סאָציאַליזם“ גיט ער אונז איבער ניט בלויז די מאַרקסיסטישע ווערט-טעאָריע — די טעאָריע וואָס ער נעמט, פאַרשטייט זיך, אָן — נאָר אויך די פאַרשידענע סוביעקטיווע ווערט-טעאָריעס פון די קלאַסישע און מאָדערנע בורזשואַזנע עקאָנאָמיסטן. פאַר'ן ערנסטן סטודענט פון מאַרקסיזם, ווי פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע בכלל, וועט איבערהויפּט זיין באַלערנד זיך צו באַקאָנען מיט'ן ספּעציפישן בייטראַג פון מאַרקס'ן צו דער ווערט-טעאָריע, אַ זאַך וועגן וועלכער מערסטע מאַרקסיסטן האָבן אַ גאַנץ מטושטש'ע פאָרשטעלונג. דאָ ווייזט זיך מיר אויס, ליידט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פונ'ם זעלביקן גרונט-פעלער, וואָס די גאַנצע סאָציאַלע וויסנשאַפט ליידט. די סאָציאַלע וויסנשאַפט קאָן אויפבויען חריפות'דיקע טעאָריעס און השערות, אָבער קיין גענויע באַאָבאַכטונגען, קיין קאָנטראָלירטע עקספּערימענטן אויף פעסטצושטעלן די ריכטיקייט פון די טעאָריעס און השערות, ווי די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן פירן דורך, קאָן די סאָציאַלע וויסנשאַפט קיינמאָל ניט דורכפירן. זאַקס, ווי אַלע אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן, באַשטייט דערויף, אַז אפילו דער האָנאָראַר פון גרויסע קינסטלער, וויסנשאַפטסלייט, און ליטעראַטן; דער ווערט פון גרויסע מייסטערווערק ווערן אויך באַשטימט פון דער מאָס געזעלשאַפטלאַכער אַרבעטס-קראַפט. אַ געניאַלע השערה איז דאָס, אָבער קיין

איבערצייגנדיקע באַווייזן וועלן זיי קיינמאָל ניט קאָנען ברייננגען.

אויסערגעוויינלאַך אינטערעסאַנט איז די שטעלע, וואו זאַקס דיס-קוטירט די מעטאָדן פון דער וויסנשאַפט. דער אידישער אינטעליגענטער לייענער, וואָס האָט אין זיין לייענען זיך אָפט באַגעגנט מיט די טערמינען „אינדוקטיווע מעטאָדע", „דעדוקטיווע מעטאָדע", קאָן דאָ קריגן אַ גענויע און פּאָפּולערע דערקלערונג וועגן דער ראָל פון די דאָזיקע צוויי באַגריפן אין מענטשלאַכן דענקען. ער וועט מן הסתם איבערראַשט ווערן, אַז מיט די דאָזיקע באַגריפן האָט ער זיך נאָך באַקאַנט אין די חדר-יאָרן ביי רבי ישמעל'ן און זיינע מדות. זאַקס איז אַ אידישער געלערנטער; זוכט ער אומעטום אין זיינע דערקלערונגען און דעפיניציעס צו געפינען ספּעציפיש-אידישע אויסדרוקן צו פאַרבייטן די שווערע וויסנשאַפטלאַכע טערמינאָ-לאָגיע. אָפט העלפט ער זיך זייער געלונגען מיט אַלטע תלמודישע אויס-דרוקן. צום ביישפּיל:

„אינדוקציע איז מער געבויט אויף בקיאות,
„דעדוקציע איז מער געבויט אויף חריפות."

זאַקס, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז אַ ביאָלאָג, און דערפאַר איז ער געוויינלאַך אַביסל געניגט צו הויבן די אינדוקטיווע מעטאָדע, די מעטאָדע, וואָס די ביאָלאָגיע ווענדט מערסטנס אָן, און אונטערצושעצן די דעדוקטיווע מעטאָדע. אַ שאָד, וואָס זאַקס אינטערעסירט זיך ניט מער מיט די מער-פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן. דאָרט וואָלט ער געזען, אַז די באמת גרויסע, ווערטפולע, און מער דויערהאַפטע טעאָריעס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן דוקא מיט דער דעדוקטיווער מעטאָדע.

זאַקס באַנוצט זיך אָבער זייער געשיקט מיט דער מעטאָדע, אויף צו באַקרעפטיקן אויף אַן אָריגינעלן און חריפות'דיקן אופן ריקאַרדאָ'ס געזעץ וועגן די פאַרמינדערטע ווערטן פון ניי אַריינגעבראַקטן קאַפּיטאַל, דורך באַווייזן פון דער נאַטור-וויסנשאַפט.

אַן אויספירלאַכע דיסקוסיע וועט דער לייענער אויך געפינען אין ערשטן טייל פון בוך וועגן די אַנדערע גרונט-געזעצן פון אונזער סאָציאַלער ווירטשאַפט, די פאַרשידענע רענט-טעאָריעס ווערן גרונטלאַך אַרומגערעדט. אַ פראַגע, וואָס איז פון גאַנץ פּראַקטישן ווערט פאַר'ן היינטיקן אַרבעטער, נעמלאַך, דאָס געזעץ וואָס קאָנטראָלירט די גרויס פון אַרבעטער-לוין, פאַר-ענטפערט זאַקס מיט לאַסאַל'ס אייזערנעם געזעץ. אין אַלגעמיין איז ניטאָ קיין איין גרונט-דערשיינונג אינ'ם עקאָנאָמישן לעבן, וואָס זאַקס זאָל ניט אויפנעמען סיי פונ'ם שטאַנדפּונקט פון די בורזשואַזנע עקאָנאָמיסטן סיי פונ'ם שטאַנדפּונקט פונ'ם וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם.

אין צווייטן טייל פונ'ם בוך שטעלט זיך זאַקס אָפּ אויף די מער־פּראַקטישע זייטן פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. דאָ וועט זיך דער לייענער באַקאַנען מיט די פאַרהעלטענישן און פראַגן פון עקאָנאָמישן לעבן, וואָס ער באַגעגנט זיך מיט זיי טאָג־טעגלאַך אין זיין אייגענער פּראַקטיק. דאָ וועט ער זיך דערוויסן ווי אַזוי עס אַרבעט אין דער פּראַקטיק אָט די גרויסע מאַשין, וואָס מיר רופן אָן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג; ווי אַזוי עס אַרבעטן די באַנקן, דער קרעדיט; ווי אַזוי עס קומט פאָר דער געלט־אויסטויש, די ווירקונג און אַנטוויקלונג פון די טראַסטס, און אַזוי ווייטער. ער וועט זיך באַקאַנען מיט פראַגן, וואָס זיינען אים זייער און זייער נאָענט, ווי: די יקרות־פּראַגע, די וואוינונגס־פּראַגע, עקאָנאָמישע קריזיסן, „פרי־טרייד" און פּראָטעקציאָניזם, און אַזוי ווייטער.

אין דעם טייל פונ'ם בוך ווערט אויך באַהאַנדלט אויף אַ סיסטע־מאַטישן און היסטאָרישן אופן די אַרבעטער־פּראַגע. זאַקס פירט דאָ פאַר־אונז דורך די גאַנצע היסטאָרישע אַנטוויקלונג פונ'ם סאָציאַל־ראַדיקאַלן געדאַנק, פון דער קליינבירגערלאַכער ריכטונג, דורכ'ן אוטאָפּיסטישן סאָציאַ־ליזם, ביז צום וויסנשאַפטלאַכן סאָציאַליזם. ווייל זאַקס' צוועק מיט שרייבן דאָס בוך איז געווען ניט בלויז צו לערנען, נאָר צו לערנען און באַקערן. און באַקערן וויל זאַקס ניט מיט אַן אַגיטאַציע, וואָס אַפּעלירט בלויז צו די געפילן, נאָר אַזאַ אַגיטאַציע, וואָס זאָל אויך און הויפּטזאַכלאַך אַפּעלירן צום אינטעלעקט.

אָבער דער טאָן פונ'ם בוך איז ניט אַלעמאָל אַן איינגעהאַלטענער, געלאַסענער, אַקאַדעמישער. זאַקס, דער מאַנער פון סאָציאַלן יושר, דער פּראָטעסטירער קעגן עקספּלואַטאַציע, אומרעכט און אונטערדריקונג, פאַר־געסט גאַנץ אָפט, אַז ער איז אַ וויסנשאַפטלאַכער מאַרקסיסט, וואָס האַנדלט בלויז מיט היסטאָרישע קאַטעגאָריעס, און שאַרפע ווערטער רייסן זיך ביי אים אַרויס קעגן די, וואָס לעבן אויף דער פּראַצע פון די אַרבעטער, קעגן דער פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג פונ'ם פרייען מענטשן. און דוקא דאָס איז די גרויסע מעלה פון זאַקס'ן, וואָס מיט זיין גאַנצער וויסנ־שאַפטלאַכקייט פאַרגעסט ער ניט, אַז ער האָט צו טאָן מיט לעבעדיקע מענטשן, און לעבעדיקע מענטשלאַכע אינטערעסן. אַ גרויסע ירידה פון אַ סך וויסנשאַפטלאַכע סאָציאַליסטן נעמט זיך אייגנטלאַך דערפון, וואָס די וויסנשאַפט האָט ביי זיי פאַרנומען דעם פּלאַץ פונ'ם מענטשן, און אין נאָמען פון די היסטאָרישע פּראָצעסן פאַרקוקן זיי און באַרעכטיקן אַ סך געמיינהייטן, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן זייערע מיטמענטשן.

עס וואָלט געווען אַ טעות און אַן עולה, ווען איך זאָל איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז מיט די צוויי ביכער, „די לערע פון סאָציאַליזם" און „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", האָב איך אויסגעשעפּט די גאַנצע פּרוכטבאַרע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלאַכע קאַריערע פון א. ש. זאַקס. אַ וויכטיקער פּראָדוקט פון זיין וויסנשאַפטלאַכן פאָרשן איז, צום ביישפּיל, זיין בוך „פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איר אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג". אין דעם בוך גייט פאַר אונז פאַרביי די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פון די ערשטע פאָרשונגען ביז די סאַמע נייעסטע טעאָריעס. די ביאָגראַפישע טיילן פון'ם בוך זיינען ניט נאָר פון אַ וויסנשאַפטלאַכן, נאָר אויך פון אַ ריין-קינסטלערישן ווערט, ווי עס ווערט, צום ביישפּיל, באַשריבן די באמת רירנדיקע און פּאַטעטישע געשיכטע פון סען סימאָן. צווישן די וויכטיקסטע ווערק פון א. ש. זאַקס קאָן מען אויך ניט פאַרביי־גיין „די פּאַריזער קאָמונע", וואו עס ווערט אויף אַ טיף-מענטשלאַכן, קינסטלערישן שטייגער איבערדערציילט די דראַמאַטישע מאָמענטן פון אויפשטייג און פאַלן פון דער פּאַריזער קאָמונע. זיכער מוז אויך צו־גערעכנט ווערן צו זאַקס' וויסנשאַפטלאַכער ארבעט דאָס קליינע, באַלערנד און נוצלאַך ביכל איבער זיין ליבלינגס געגנשטאַנד „באָטאַניק". איך האָב שוין אויך דערמאָנט, אַז זיין וויסנשאַפטלאַכע ארבעט, ווי זיין וויסנשאַפט־לאַך צוטריט צו פראַגן, שפּיגלט זיך אָפּ ניט בלויז אין זיינע מער ערנסטע סאָלידע ווערק, נאָר אויך אין זיין פּובליציסטישער ארבעט, וואו ער פּרואווט, ווי ווייט מעגלאַך, באַטראַכטן יעדן געזעלשאַפטלאַכן ענין אונטער'ן ליכט פון דער ספּעציפישער וויסנשאַפט, וואוהין די פראַגע פּאַסט זיך אַריין. אין דער הינזיכט איז זאַקס, ווי מיר דאַכט זיך, דער איינציקער אין אידישן זשורנאַליזם.

געווען ווי איך וואָלט אָט די אַלע טעמעס ארומגערעדט, האָב איך אָבער, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, זיך געוואָלט באַגרעניצן אויף די ווערק, וואָס טראָגן, ווי איך האָב שוין באַמערקט, אַ מער בולט'ן און פאָרמאַלן וויסנשאַפטלאַכן כאַראַקטער.

ש. ניגער

# א. ש. זאַקס׳ „חרוב׳ע וועלטן“

א. ש. זאַקס האָט פיל געשריבן וועגן וויסנשאַפטלאַכע, דערהויפּט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע, פראַגן. אין וויסנשאַפט איז דער עיקר — וויסן, פאַרשטיין. ניטאָ אין איר קיין פּלאַץ פאַר „סענטימענטן“, פאַר פּערזענלאַכע איבערלעבענישן. אָבער א. ש. זאַקס איז אויך אַ זשורנאַליסט. ווי אַ מענטש פון דער פּרעסע, קאָן ער זיך פאַרגינען צו זיין אַ ביסל עמאָציאָנעל און צו געבן אַן אויסדרוק פּערזענלאַכע געפילן, בענקענישן, זכרונות. האָט ער פאַרעפנטלאַכט אַ בוך, אין וועלכן ער האָט אריינגעוועבט זיינע בענקשאַפטלאַכע יוגנט-עראינערונגען. דאָס איז דאָס בוך מיט׳ן עלעגישן נאָמען „חרוב׳ע וועלטן“.

עס איז צום ערשטן מאָל ארויס אין „ליטעראַרישן פאַרלאַג“, ניו יאָרק, 1917, און עס האָט אַזוי אויסגענומען ביים עולם, אַז אין ווינציקער ווי אַ יאָר ארום איז שוין נויטיק געווען אַ צווייטע אויפלאַגע.

דאָס איז געווען אין די לעצטע יאָרן פון׳ם וועלט-קריג, און אונזער אויסגעמאַטערט, אונזער פאַרפּייניקט אידיש לעבן אויף יענער זייט ים איז באמת געווען פול מיט דער שטימונג פון חורבן — פון „חרוב׳ע וועלטן“.

פון די אידישע שטעט און שטעטלאַך אין ליטע, אין זשאַמוט, וואו א. ש. זאַקס איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, איז געוואָרן אַ תל. אידן זיינען אכזריות׳דיק (אין 24 שעה!) פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע היימען באַלד ווי די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. „ווי בוימער ארויסגעריסן מיט זייערע וואָרצלען פון דעם באָדן וואו זיי האָבן געוואַקסן און געצויגן זייער יניקה, אַזוי איז אויך דאָס אידישע לעבן אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן פון דעם לאַנד, מיט וועלכן עס איז געווען פאַרבונדן הונדערטער יאָרן. (ז. 7). און אַז אַ היסטאָרישע עפּאָכע, אַז אַ גאַנצער לעבנס-שטייגער גייט-אַוועק ניט אומצוקערן זיך צוריק, הויבט זיך אָן אַ צייט פון בענקענישן, פון ליכטיק-טרויעריקע עראינערונגען.

עס פאַרשווינדן די פינסטערע שאָטנס פון׳ם אַלטן לעבן, עס געדענקען זיך נאָר די העלע מינוטן, די גוטע שעה׳ן, די ליבע ימים-טובים.

טאָמער איז געווען עפּעס בייזס, טונקלס, אין דער אָפּגעגאַנגענער עפּאָכע, איז עס שוין מער ניט געפערלאַך, אָבער דער שטראַל ליכט פון אַמאָל — אין דער ווייכער, וואַרעמער טונקלקייט פון זכרונות לייכט ער אַזוי מילד, אַזוי שטיל און אַזוי וואונדערלאַך. די פאַרגאַנגענהייט (אַזוי ווי די צוקונפט) האָבן מענטשן שטענדיק זיך פאַרגונען צו מאָלן שענער, ווי זי איז געווען (און וועט זיין). דאָס איז אַזוי ווי עפּעס אַ מין קאָמפּענסאַציע פאַר'ן היינט, וועלכער איז צו האַרט, צו ממשותדיק צור צולאָזן אילוזיעס. ערגעץ מוז דאָך זיין גוט (זאָגט אונז דער אינסטינקט פון זעלבסט-דערהאַלטונג): אויב ניט דאָרט, וואו מ י ר זיינען, איז דאָרטן, וואו עס האָבן זיך געפונען אונזערע זיידעס און באָבעס אָדער, וויניציקסטנס, אין יענעם וואונדער-לאַנד, וואו אונזערע אייניקלאַך און אור-אייניקלאַך וועלן לעבן... און וואָס געדיכטער עס איז די כמאַרע אויפ'ן הימל, וואָס פינסטערער די נאַכט איז, אַלץ מער חלומ'ט מען וועגן דער זון, וואָס האָט נעכטן געשיינט, און דער, וואָס וועט שיינען מאָרגן...

נאָך יעדן גרויסן חורבן קומט-אָן דערפאַר אַ פּעריאָד פון בענקען נאָכ'ן אַמאָל, פון איין זייט, און פון נייע האָפענונגען — פון דער אַנדער זייט.

אין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, דערציילט אונז אַ אידישע לעגענדע, איז געבוירן געוואָרן משיח. און אויך דער ערשטער כראָניקער און מעמואַרן-שרייבער, דער ערשטער יוסיפוס פלאַוויוס ווערט געבוירן, ווען אַ תקופה קומט צום אָפּשלוס.

זיין ציל איז צו שטעלן אַ מצבה אויפ'ן קבר פון דער נאָך נישט אָפּ־געקילטער פאַרגאַנגענהייט. שטעלן אַ מצבה און אויסקריצן אויף איר די שבחים פון דעם נפטר — מאַכן אַ סך-הכל פון זיין געענדיקטן חשבון...

איז טאַקע באַלד נאָך דער מלחמה די ליטעראַטור פון אַלע פעלקער, אויך די אידישע ליטעראַטור, פאַרפלייצט געוואָרן פון אַן עראינערונגס־שטראָם.

אין אונזער אידישער שפּראַך איז די „חרוב'ע וועלטן" פון א. ש. זאַקס, אויב איך האָב נישט קיין טעות, געווען דער ערשטער אָנזאָג פון אָט-די שטראָמען כראָניקעס און זכרונות, וועלכע האָבן זיך אַ גאָס געטאָן אויף אונז באַלד נאָכ'ן קריג. „חרוב'ע וועלטן" איז אין דעם זינען געווען אַ פּיאָנערן־אַרבעט. מיט דעם דאָזיקן בוך האָט זיך געעפנט אַ גאַנצער קאַפּיטל אין דער נייער אידישער ליטעראַטור — דער קאַפּיטל פון זכרונות.

א. ש. זאַקס איז געווען דער ערשטער, אָדער איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך גענומען שטעלן מצבות אויף די קברים פון די ח ר ו ב 'ע

וועלטן. „בעת מיר שרייבן די דאָזיקע צײלן,״ לייענען מיר אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויפלאַגע (ניו יאָרק, 1918) — „זיינען די ידיעות, וואָס קומען-אָן פון די שלאַכטפעלדער, וואו עס ווערט באַשטימט דער גורל פון פעלקער און נאַציאָנען, ניט קיין גאַנץ פריילאַכע פאַר אונז אידן. מיט די ענדערונגען פון דער אייראָפּייאישער פּאָליטישער קאַרטע ווערט דאָס אידישע לעבן צעריסן, צעבראָקלט, צעפּיצלט, און ווער ווייס אויב אָט די אָפּגעזונדערטע טיילן וועלן מיט דער צייט צוריק קאָנען צוזאַמענוואַקסן אין איין גאַנצן אָרגאַניזם? זאָלן מיר, לכל הפחות, געדענקען דאָס ריינע, דאָס שיינע, דאָס פּינטעלע איד פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס.״ און דאָס ציל פון זיין בוך איז געווען טאַקע ניט צו לאָזן פאַרגעסן ווערן „דאָס ריינע, דאָס שיינע״, וואָס איז געווען אין דעם אַלטן „פּינטעלע איד״, אין דעם אַלטן לעבנס-שטייגער פון די אידישע פאָלקס-מאַסן.

א. ש. זאַקס דערמאָנט אויך דאָס אומריינע און דאָס אומווירדיקע, וואָס איז געווען אין דער פאַרצייטיקער וועלט, אָבער ער טוט דאָס זעלטן און אָן חשק. אָפּטער און מיט מער אינטערעס — אין אַנדערש מאָל אפילו מיט אַ ברען און אַ הייסער באַגייסטערונג — שילדערט ער די שיינע פירונגען און די מדות טובות פון אַמאָליקע אידן. ער גייט אַזוי ווייט, אַז אין איינציקע פּרטים באַטראַכט ער זיי שיר ניט ווי אַ מוסטער פאַר אונזער דור און ער רופט אונז נאָכצוטאָן זיי. „אויף מאַנכע איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן, וועלכע זיינען אויסגעראָט גע-וואָרן, שרייבט ער אין דעם ערשטן קאַפּיטל, וועט קיינער קיין טרער נישט פאַרגיסן. מען וועט זיי באַגלייטן מיט דער ברכה „ברוך שפּטרנו״. אָבער אויף פילע מדות און מנהגים, וועלכע האָבן עקזיסטירט אין דעם אידישן לעבן פון ליטע און זאַמוט, טוט שטאַרק ווי דאָס האַרץ. פיל זיטן פון דעם אַלטמאָדישן אידישן לעבן זיינען עפּעס באַגאָסן מיט אַ באַזונדערן חן, מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע, און קיין ציוויליזאַציע און קולטור קאָן זיי נישט פאַרבייטן״. דערמאָנענדיק ווייטער דעם „דעמאָקראַטישן גייסט״ פון אונזער צייט, פרעגט ער: „. . . אָבער ווייסט איר, אַז די דעמאָקראַטיע אין אונזער אידישן לעבן פון ליטע איז געווען ניט אין ערך העכער און ערלאַכער, ווי אין די דעמאָקראַטיע פון אפילו אונזערע העכסט ציוויליזירטע רעפּובליקן?״ (ז. 8) און ער דערקלערט, אַז „ניט נאָר פאַר סענטימענטאַלע ראָמאַנטיקער, וועלכע בענקען און לעכצן נאָך דאָס אַלטע און פאַרשוואונדענע, וואו זיי קאָנען אומגעשטערט מאָלן זייערע אידיליען, איז דאָס כלל-לעבן אין דער ליטע אינטערעסאַנט,

נאָר אפילו די ניכטערע רעאַלע פּאָליטיקער קאָנען אויך אין פיל פּרטים אַרונטערנעמען אַ מוסר השכל פון די אַלטמאָדישע מנהגים" (ז. 9.) און ער באַשרייבט די אַלטמאָדישע מנהגים אָפט ווי אַ „ניכטערער רעאַלער פּאָליטיקער", נאָך אָפטער אָבער — ווי אַ „סענטימענטאַלער ראָמאַנטיקער"...

עס האָט דאַן, אין סוף פון די מלחמה־יאָרן, אָנגעהויבן זיך יענער איבערברוך אין די שטימונגען פון דער ראַדיקאַלער אידישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע, וועלכער האָט זי געבראַכט צו דער איבערראַשונג פון פאַרשיידענע ווערטן און דערהויפּט — פון דעם אידישן נאַציאָנאַליזם. וויים איך ניט, צו איז אויך א. ש. זאַקס פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט די נייע נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע ווינטן, אָדער ער האָט אויך פריער געדיינקט און געפילט, אַזוי ווי ער האָט געשריבן אין זיין „חרוב'ע וועלטן" און ער האָט נישט געדאַרפט וואַרטן אויף די גירושים, אויף די גזרה'ס און אַנדערע אומגליקן פון דער מלחמה, כדי צו דערפילן אין זיך דעם „פּינטעלע איד", — דאָס איז מיר נישט באַקאַנט, אָבער זיין בוך איז, יעדנפאַלס געוועזן סימפּאַטאָמאַטיש, אויב ניט פאַר אים אַליין, איז פאַר די נאַציאָנאַלע בייגעקענישן, וועלכע האָבן בעת'ן וועלט־קריג אויפגעוואַכט אין דער אידישער אַמעריקע.

איצט קלינגט דער טאָן פון די באַשרייבונגען אין איניקע ערטער, דערהויפּט אין די קאַפּיטלאַך, וואו עס רעדט זיך וועגן די אידישע ימים טובים, — אַ ביסל צו סענטימענטאַל. אָבער אַ גרויסער טייל פון די „חרוב'ע וועלטן" האָט אויפגעהיט זיין קולטור־היסטאָרישן, פאָלקלאָריסטישן און מעמואַריסטישן ווערט. אַ סך קאַפּיטלאַך, דערהויפּט אין דעם ערשטן טייל („זיטן און מנהגים"), האָב איך ערשט דאָ ניט לאַנג איבערגעלייענט מיט אמת'ן אינטערעס. די פּרטים פון אַזעלכע זאַכן, ווי די קינדערשע חברה'ס, די גמילות חסדים, די קלפּי, עכוב הקריאה, השגת גבול, א. ד. ג. זיינען זייער וויכטיק (נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען נישט אינגאַנצן ניי אין דער אידישער מעמואַרן־ליטעראַטור). זיי זיינען וויכטיק סיי פאַר'ן היסטאָריקער פון דעם אידישן עקאָנאָמישן, סאָציאַלן, רעליגיעזן לעבנסשטייגער, סיי פאַר געוויינטלאַכע אידישע לעזער, וואָס ווילן אָפּפרישן אין זייער זכרון און נאָך אַמאָל זען פאַר די אויגן די רעליגיעזע און געזעלשאַפטלאַכע סביבה פון זייער קינדהייט.

פאַר די, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלעבט צווישן פרומע פאַרצייטיקע אידן, איז אַ ל ץ אין בוך אינטערעסאַנט, אפילו די באַשרייבונגען פון די אידישע ימים טובים. אונז זיינען זיי צו גוט באַקאַנט, זיי זיינען אונז איינגעבאַקן אין האַרצן און מיר דאַרפן נישט לייענען וועגן

זיי קיין פרעמדע עראינערונגען. אָבער די, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען אָפּגעריסן פונ׳ם אידישן לעבן — זיי וועלן אָננעמען פאַר ליריק אפילו דעם סענטימענטאַליזם, וועלכער מאַכט אייניקע שטעלן אינ׳ם בוך אַ ביסל צו מליצה׳דיק.

בכלל איז די שפּראַך אינ׳ם בוך לעבעדיק, לייכט, און אַנדערש מאָל אַ ביסל צו לייכט, צו אַמעריקאַניש-זשורנאַליסטיש. אַזאַ מין סימפּאַטישע באַשרייבונג פונ׳ם אַלטן אידישן לעבן וואָלט אויך שפּראַכלאַך געדאַרפט זיין אויסגעהאַלטן אינ׳ם וואַרעמען טאָן פונ׳ם אַלטהיימישן אידיאָם. עס וואָלט זיך וועלן באַגעגענען דאָ אָפטער יענע היימישע ווערטער און ווערטלאַך, וועלכע וועלן שוין איצט נישט באַנוצט. אָבער מען טרעפט זיי, און עס איז זייער אנגענעם זיי צו טרעפן אין אַזאַ בוך, ווי „חרוב׳ע וועלטן“. אין אַן אַלטער, פאַרגייענדיקער וועלט איז גוט צו הערן אַלטע, לאַנג שוין פאַרגעסענע, קלאַנגען. און איך האָב זיך אמת געפרייט, ווען איך האָב באַגעגנט אַזעלכע אַלטע ווערטער, ווי „פרעפּלען“ („אַ כתה, וואָס פּרעפּלט“, ז. 14), „געהעפּט“ (הויף, ז. 15), „פאַרצויגן“ (געצערטלט, געפּעסטשעט, ז. 19), „באַמיטלט“ (פאַרמעגלאַך, ז. 22), „גאַלקעווען“ (אָפּגעבן די שטים, ז. 50), „קראַפּירן“ (ז. 78) ?

אייניקע אַלטע ווערטער זיינען געווען פאַר מיר אינגאַנצן ניי. איך האָב זיי קיינמאָל ניט געהערט. דאָס זיינען מסתמא לאָקאַליזמען. אַ שטייגער: „ק ר ו י ס ט ע נ ע ן“ — איבערקלייבן זיך אין אַן אַנדער דירה. (דער דאָזיקער אַלטהיימישער לאָקאַליזם געפינט זיך, אגב, אויף דעמזעלביקן ז. 17, וואו איך האָב אומגעריכטערהייט געטראָפן אַזאַ טי- פּישן אַמעריקאַניזם ווי „געהאַט אַ גוטע צייט“, אין דעם זין פון „האָבן אַ גוד טאַים“), „אַ רוזע-בוזע“ (אַ געלאַגע, ז. 23), „באַרופן“ (רופן צו אָרדענונג, אָנשרייען, ז. 24), „גע׳ספר׳טע“ (גע׳כתיבה׳טע) אותיות (ז. 26) א. א. ז. וו.

די דאָזיקע אָפּגעניצטע אויסדריקן טרעפן זיך נישט גענוג אָפט אין בוך, אָבער דאָס ביסל פאַרוועלקטע ווערטער, וואָס איז דאָ, איז גענוג צו שאַפן דעם אַראָמאַט פון „חרוב׳ע וועלטן“ — דעם שטיל-ביינקשאַפט- לאַכן אַראָמאַט פון בלעטער, וואָס זיינען נאָך האַלב-גרין און האַלב שוין צעקנייטשט און געל.

ד ר. פ. ש נ י א ו ר ס אָ ן

# נייע וועגן פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע

(איינפירונג אין דער סאָציאַלער מענטש־וויסנשאַפט)

## 1.

די פראַגע פון די מעטאָדן און וועגן פון דער פאָרשונג איז אַנט־שיידנדיק פאַר יעדער וויסנשאַפט, און בפרט פאַר דער סאָציאַלער פּסיכאָ־לאָגיע, וואָס דער אָביעקט אירער איז, מחמת זיין אומגעהייערער קאָמ־פּליצירטקייט, ווייזט אויס, שווער צוקומלאָך פאַר דער עמפּירישער פאָרשונג. אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע האָט די פראַגע וועגן מעטאָד אַ באַזונדערס וויכטיקן באַטייט. ניט אַריינגייענדיק אין די פּרטים פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער פּראָבלעמע, וועלן מיר דאָ אַרויסשטעלן בלויז איינציקע מאָמענטן, וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער אויפקלערונג פון דער פּראָבלעמע.

ל אַ צ אַ ר ו ס האָט, כידוע, אין זיין אַרבעט „איבער דעם בעגריף און די מעגליכקייט איינער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע" (1851) צום ערשטן מאָל אויפגעשטעלט דעם באַגריף און די מעגלאַכקייט פון אַ פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, אַלס אַ באַזונדערער וויסנשאַפטלאַכער דיסציפּלין, וואָס שטודירט, להיפוך צום „גייסט פונ'ם יחיד", דעם „כלל־גייסט" אָדער דעם „נאַציאָנאַל־גייסט". אָט די באַגריפן, וואָס שפּאַרן זיך אָן דירעקט אויף דעם „אָביעקטיוון גייסט" אָדער „פאָלקס־גייסט" פון דער העגעליאַנישער פילאָסאָפיע, האָבן אַריינ־געטראָגן אין דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע אַ פולע עלעמענטן פון דער היס־טאָרישער און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער מעטאַפיזיקע. ערשט ווילהעלם װ ו א נ ד ט'ן איז עס געלונגען צו רייניקן די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע פון פרעמדע עלעמענטן און אַוועקצושטעלן זי אַלס אַן אָביעקטיווע וויסנשאַפט־לאַכע דיסציפּלין, וואָס די אויפגאַבע אירע איז „די אונטערזוכונג פון אַזעלכע פּסיכאָלאָגישע פּראָצעסן, וואָס מאַכן אויס דעם יסוד פון דער אַנט־וויקלונג פון די מענטשלאַכע קאָלעקטיוון און פון דער אַנטשטייאונג פון

געמיינזאַמע גייסטיקע פּראָדוקטן.״ *) די פעלקער-פּסיכאָלאָגיע און די
אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע באַזירן, יעטווידע אויף איר אַרט, אויף דעם
אָביעקטיוון שטודיום פון דער פּסיכישער ווירקלאַכקייט, און זיי בילדן, דער-
גאַנצנדיק איינע די אַנדערע, די אַלגעמיינע פּסיכאָלאָגיע.

אָבער שוין ביי דער וויסנשאַפטלאַכער באַגרינדונג פון דער פעלקער-
פּסיכאָלאָגיע טרעטן ביי ו ו א ו נ ד ט ׳ן אַרויס מאָמענטן, וואָס פרעסן־
איין די פעלקער-פּסיכאָלאָגיע אין דעם שמאָלן ראַם פון מעטאָדאָלאָגיש־
באַגרענעצטע מעגלאַכקייטן פון אַן אָביעקטיווער וויסנשאַפטלאַכער אונטער-
זוכונג. לויט ו ו א ו נ ד ט ׳ן קען די סאָציאַל-פּסיכישע ווירקלאַכקייט
שטודירט ווערן, אָדער זי ווערט שטודירט, ניט אין איר גאַנצן פאַרנעם,
נייעקט בלויז אין די לפי-ערך ווייניקע טיילן אירע, וואָס זיינען צוגענגלאַך
פאַר אַן אָביעקטער וויסנשאַפטלאַכער פאָרשונג.

ו ו א ו נ ד ט , דער פאָטער פון דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד אין
דער פּסיכאָלאָגיע, האָט מיט זיין אָביעקטיווקייט אָנגעצייכנט די גרענעצן
פון דער אָנווענדבאַרקייט פונ׳ם עקספּערימענט. הגם עס געלינגט אים
אָנצואווענדן דעם עקספּערימענט אויף פאַרשיידענע געביטן פון דער איג־
דיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע, זיינען עס אָבער פאָרט בלויז די לפי-ערך עלעמענ-
טאַרע און איינפאַכע פּסיכישע דערשיינונגען, וואָס זיינען צוגענגלאַך פאַר
דעם עקספּערימענט; די קאָמפּליצירטע דערשיינונגען אָבער פון דער
סאָציאַל-פּסיכישער ווירקלאַכקייט לאָזן זיך מיט דעם עקספּערימענט ניט
אָנכאַפּן. אָבער אויב מיר ווילן, אַז די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע זאָל זיין
געפעסטיקט אויף אַ וויסנשאַפטלאַך אָביעקטיוון שטודיום, ווי די אינדיוויי־
דואַל-פּסיכאָלאָגיע, טאָ וואָס זשע קען מען געפינען אַזוינס אנשטאָט דעם
עקספּערימענט, וואָס זאָל אונז קענען פאַרשאַפן אַן עמפּיריש-באַגרינדעטע
זיכערקייט און אָביעקטיווקייט? ו ו א ו נ ד ט האָט געפּרואווט צו
געפינען אין דער פעלקער-פּסיכאָלאָגיע אַזעלכע „אָביעקטיווע״ פאַקטן, וואָס
זאָלן קענען פאַרנעמען דעם אָרט פונ׳ם „עקספּערימענט״. ער געפינט אַזעלכע
פאַקטן אין די זיכערע רעאַלע דאָקומענטן פון דער מענטשלאַכער קולטור,
אין די אָביעקטיווע סעדימענטן פון די „געמיינזאַמע גייסטיקע פּראָדוקטן
פון אַן אַלגעמיין-גילטיקן ווערט״ אָדער, ווי ל א צ א ר ו ס און ש ט יי נ ־
ט אַ ל זאָגן, „אין די אָביעקטיווע עלעמענטן אָדער כוחות פון דעם פאָלקס־
גייסט״.

אויף אַזאַ אופן ווערט די פעלקער-פּסיכאָלאָגיע איינגעשרומפּט אויף
דאָס שטודיום פון „אָביעקטיווע עלעמענטן״ און נעמט אַרום אין עיקר

*) וואונדט, „פעלקער־פּסיכאָלאָגיע״.

„שפּראַך, מיטוס און מנהג“. דער גאַנצער גוואַלטיקער ים פון אומ־קאָנקרעטיזירטע און אומקאָנקרעטיזירבאַרע דערשיינונגען אין דער פּליסנ־דיקער סאָציאַל־פּסיכישערווירקלאַכקייט בלייבט אַזוי אַרום חוץ למחנה פון דעם וויסנשאַפטלאַכן זע־פעלד פון דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע. די וויסנ־שאַפטלאַכע אָביעקטיוויטעט איז דאָ דערגרייכט געוואָרן מיט'ן קרבן פון אַן אומגעהייערער באַגרענעצונג פון דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע, וואָס איז ניט ביכולת דירעקט צו שטודירן די פּליסנדיקע פּראָצעסן פון דער סאָציאַל־פּסיכישער אַקטיווקייט, און טראַכט, ווייזט אויס, גאָר ניט וועגן דעם.

אָט־דער צימצום פון דער פעלקער־פּסיכאָלאָגיע ווייזט זיך אַרויס אויך אויף אַן אַנדער אופן, און איז שוין קאָנטיק אין דעם נאָמען גופא. אויב די סאָציאַל־פּסיכישע ווירקלאַכקייט איז בלויז אין די „אָביעקטיווע“ עלעמענטן אירע צוגענגלאַך פאַר אַן אָביעקטיוון שטודיום, דעמאָלט מוז זי שטודירט ווערן דער עיקר אויף פעסט־אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון, דער הויפּט אויף פעלקער און מלוכות, וואָס קענען טאַקע אין דעם געפעסטיקטן היס־טאָרישן קיום זייערן פּראָדוצירן געמיינזאַמע גייסטיקע פּראָדוקטן פון אַן אַלגעמיין־גילטיקן ווערט און קאָנסערווירן אָט־די סעדימענטן. מיט אַנדערע ווערטער: פון דער אַלגעמיינער „סאָציאַל“־פּסיכאָלאָגיע ווערט אַ „פעלקער“־פּסיכאָלאָגיע. אויף יענעם זייט פון דער אוממיטל־באַרער פאָרשונג בלייבן אויסן די גוואַלטיקע געביטן פון דער „מאַסן“־פּסיכאָלאָגיע, די אומענדלאַכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער פּליסנדיקער „מאַסן“־פּסיכאָלאָגישער ווירקלאַכקייט.

שוין אָפט האָט מען אַרויסגעשטעלט פאַרשיידענע טענות קעגן וואונדט'ס באַצייכנונג „פעלקער־פּסיכאָלאָגיע“. דער מענטש איז דאָך ניט בלויז אַ מיטגליד פון אַ „פאָלקס“־ציבור, נייערט אויך פון פאַר־שיידענע אַנדערע ציבורים. „אפשר — זאָגט וואונדט אַליין — קען זיך אויסווייזן, אַז על־פּי שכל וואָלט עס געווען ריכטיק אַוועקצושטעלן לגבי דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע אַ סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע.“ פונ־דעסטוועגן בלייבט וואונדט ביים נאָמען „פעלקער־פּסיכאָלאָגיע“ אויך דערפאַר, ווייל „אויף די העכערע שטאַפלען פון דער קולטור איז דאָס פאָלק יעדנפאַלס דער וויכטיקסטער פון אַלע לעבנס־קרייזן, פון וועלכע עס קומען אַרויס די „פּראָדוקטן“ פון געמיינזאַמען לעבן.“ געוויס, וויבאַלד מען האָט די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע צוגעשניטן אויף אַ פּסיכאָלאָגיע פון די „פּראָדוקטן“, דעמאָלט איז זי בעל־כרחה אַ פעלקער־פּסיכאָלאָגיע.

אָבער, ווען די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע האָט אויף דער ליניע לאַצאַרוס־וואונדט בפועל־ממש אַרויסגעשטופּט די „מאַסן“־פּסיכאָלאָגיע פון

דעם זע־פעלד אירן, האָט זיך די לעצטע פונדעסטוועגן אַנטוויקלט אומאָפּהענגיק פון וואונדט'ס פעלקער־פּסיכאָלאָגיע. אַרויסגייענדיק פון יורידישע פּראָבלעמען (דהיינו, פון דעם פּראָבלעם פון מאַסן־פאַרברעכן), האָט זיגעלע, דער איטאַליענישער פאָרשער, אָנגעהויבן צו שטודירן די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. די אָנשויאונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, האָבן געהאַט אַ באַשטימטע השפּעה אויף די מאַסן־פּסיכאָלאָגישע אַרבעטן פון לע־באָן, טאַרד א. א., און דאָדערט שטויסן מיר זיך אָן אויף אַ כאַראַקטעריסטישן געגנזאַץ. בעת די וואונדט'שע פּסיכאָלאָגיע האָט אויפ.'ן אָרט פון דעם ניט־אָנווענדבאַרן עקספּערימענט אַוועקגעשטעלט, ווי זי מיינט, אַ פּאַסיקן אָביעקטיוון מעטאָד, פאַרמאָגט די מאַסן־פּסיכאָלאָגיע פון זיגעלע־לעבאָנ'ס שיטה סתם קיין שום אָביעקטיווע פאָרשונגס־מעטאָדן ניט, און זי איז גאָרניט אויסן צו האָבן אַזעלכע. אויב וואונדט'ס פעלקער־פּסיכאָלאָגיע שטרעבט צו אַן עמפּיריש־געפונדעוועטער אָביעקטיווקייט, איז אָט־די נייע מאַסן־פּסיכאָלאָגיע ספּעקולאַטיוו־טעאָרעטיש און שטיצט זיך אויף צופעליקע באַאָבאַכטונגען. עס איז גענוג, ווען מען פאַרגלייכט די פאַרשיידענע אויפפאַסונגען וועגן דעם עצם פון דער מאַסע. צווישן אָט־די אויפפאַסונגען קען מען אונטערשיידן די „נייבילדונגס־טעאָריע", די „סובסטראַקציאָנס־טעאָריע" און די „אַדיציאָנס־טעאָריע" (נייבילדונג־טעאָריע, חיסור־טעאָריע און חיבור־טעאָריע.)

שוין די אָביעקטיוו־עמפּירישע אונטערזוכונג פון די „פּראָדוקטן פון דעם געמיינזאַמען גייסטיקן לעבן" ברענגט די וואונדט'שע פעלקער־פּסיכאָלאָגיע צו דער אויספירונג, אַז „די געזעלשאַפט איז אַן אַדאַפּטאַט: שטענדיק מערער איידער די סומע פון די קאָנסטיטואירנדיקע מיטגלידער, וואָס זייער קעגנזייטיקע איינווירקונג שאַפט ספּעציפישע נייבילדונגען."*) ביים אָביעקטיוו־עמפּירישן שטודיום פון דער שפּראַך, דעם מיטוס, די מנהגים א. ד. גל., ווערט עס בולט קלאָר, אַז ביי אַ פאַראייניקונג פון מענטשן באַווייזן זיך פּסיכישע און פּסיכאָ־פיזישע פּראָצעסן, „וואָס אין דעם באַוואוסטזיין פון אַ יחיד קענען זיי זיך אָדער בכלל ניט באַווייזן אָדער לכל הפחות ניט אין אַזאַ אויסבילדונג, אין וועלכער זיי אַנטוויקלען זיך צוליב דער קעגנזייטיקער איינווירקונג פון יחידים." מיר האָבן אָבער שוין אין אַן אַנדער אָרט באַוויזן**), אַז די מאַסע איז ניט אַן איינפאַכע, נייערט אַ סטרוקטורעלע נייבילדונג. יעדע מאַסע

*) וואונדט, „גרונדריס דער פּסיכאָלאָגיע", לייפּציג, 1908.

**) זע מיין אַרבעט אין „עטאָס", 1 יאָרגאַנג, 1 העפט, קאַרלסרוע.

האָט איר באַשטימטע סטרוקטור בהסכם מיט דער כאַראַקטער און דעם תוכן פון די אַלגעמיינע אינטערעסן, וואָס שאַפן די מאַסע און האַלטן זי צוזאַמען, און אָט די סטרוקטור ווערט מאָדיפיצירט דורך די אינדיווידועלע באַזונדערקייטן פון אָט די באַטייליקטע פּערזאָנען און דורך די קאָנקרעטע תנאים פון אָרט און צייט. אַזוי אַרום ריידן מיר וועגן אַ סטרוקטורעלער נייבילדונג.

דער היפּוך פון דער טעאָריע פון נייבילדונג איז די אַדיציאָנס-טעאָריע, וואָס טרעט אַרויס באַזונדערס שאַרף ביי ס פּ ע נ ס ע ר׳ן. „דער קאָלעקטיוו — מיינט ס פּ ע נ ס ע ר — איז בלויז אַן אַגרעגאַט, אַ סומע, וואָס קען דעדוצירט ווערן פון דער באַקאַנטשאַפט מיט די עלעמענטן.“ אָבער ד ע ר טעזיס איז עמפּיריש פּשוט ניט מעגלאַך, וואָרים אין אַ ציבור שטייען דאָך די יחידים ניט בלויז איינער ל ע ב ן דעם אַנדערן, נייערט זיי ו ו י ר ק ן א י י נ ע ר א ו י ף ד ע ם א נ ד ע ר ן. אָט-די קעגנזייטיקע ווירקונג, וואָס מען קען זי דאָך ניט לייקענען, האָט דאָך, ווי יעדער לעבעדיקער פּראָצעס, איר אייגענעם גאַנג און אירע אייגענע אינווייניקסטע געזעצן. אויב אַזוי, קען דאָך דער ציבור ניט דעדוצירט ווערן פון די אייגנשאַפטן פון די יחידים, נייערט פון די, אין יעדן איינצלנעם פאַל קאָנקרעט-ספּעציפישע, קעגנזייטיקע ווירקונגען פון אָט-די יחידים. די עפנטלאַכע מיינונג, למשל, איז דאָך ניט בלויז די סומע פון צונויפגעלייגטע מיינונגען פון די יחידים.

איצט לאָמיר זיך צוקוקן צו דער סובסטראַקציאָנס-טעאָריע פון ז י ג ע ל ע - ל ע ־ ב א ָ נ ׳ ס מאַסן-פּסיכאָלאָגישער שיטה.

ז י ג ע ל ע אַקצעפּטירט ס פּ ע נ ס ע ר׳ס אַדיציאָנס-טעאָריע בנוגע אָרגאַניזירטע האָמאָגענע מאַסן. אָבער וואָס איז שייך ניט-אָרגאַניזירטע העטעראָגענע מאַסן (דהיינו, אַ באַנק פון געשוואָרענע, פאָלקספאַרזאַמלונגען, אויפלויפעניש אויף די גאַסן) בויט ז י ג ע ל ע זיין סובסטראַקציאָנס-טעאָריע, וואָס לויט איר איז אַ ציבור ניט די סומע, נייערט ק נ א פּ ע ר ווי די סומע פון די עלעמענטן. און אַזוי הערן מיר פון פאַרשיידענע מאַסן-פּסיכאָלאָגן כסדר נייע נוסחאות פון דעמזעלביקן פּזמון וועגן דער ירידה פון דעם אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן ניוואָ פון מענטשן וואָס פאַרייאַניקן זיך אין מאַסן, און דערביי פאַרשטייען פאַרשיידענע אויטאָרן אונטער דעם וואָרט „מאַסן“ ניט בלויז צופעליקע גאַסן-מאַסן, נייערט סתם כל׳ערליי קאָלעקטיווע פאַראייניקונגען פון מענטשן. אינטעלעקטועל און מאָראַליש, זאָגן זיי, איז די מאַסע ניט שטאַרקער, נייערט שוואַכער איידער איינצלנע מיטגלידער, וואָס גייען אַריין אין איר באַ־

שטאַנד. די אַלע אידייען זיינען ניט פונדירט מיט אָביעקטיווע מעטאָדן פון אַן אוממיטלבאַרער פאָרשונג פון קאָנקרעטע ארויסווייזונגען פון פאַרשיידענע מאַסן ביי פאַרשיידענע תנאים, נייערט זיי שטיצן זיך אויף צופעליקע באַאָבאַכטונגען, וואָס זיינען ווילקירלאַך פאַראַלגעמיינערט געוואָרן. ניט געקוקט דערויף, ווערן אָט-די אידייען אַרויסגעזאָגט אין דער פאָרם פון קאַטעגאָרישע באַהויפּטונגען, ווי דאָס כלומרשט׳דיקע „געזעץ פון דער קאָלעקטיווער העמונג" (טאָרמאַזירונג), און מען דערפירט זיי אָפט ביז צו אַ פּאַראַדאָקסאַלער גוזמא. „פון אַ פאַראייניקונג פון קלוג-דיינקענדיקע מענטשן, — זאָגט למשל פּ ע ר י ס — באַקומען מיר אַלס רעזולטאַט אַ קאָלעקטיוו פון מענטשן, וואָס פאַרמאָגן ניט קיין קלוגע אידייען." מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט גענעראַליזאַציעס, וואָס זיינען סותר דעם עלעמענטאַרסטן ווירקלאַכקייטס-געפיל. די געלערנטע ווייסן דאָך פון אייגענעם נסיון דעם הויכן ווערט אָדער דעם געווין פון קאָלעקטיווע סעמינאַרישע אַרבעטן, אָדער דעם גרויסן באַטייט פון וויסנשאַפטלאַכע קאָנגרעסן און פאַרזאַמלונגען, וואו די דיסקוסיע ברענגט ניט בלויז אַן אַלזייטיקע באַלייכטונג פון די פּראָבלעמען, נייערט זי רופט אַרויס דערגאַנצנדיקע און וועקנדיקע קעגנזייטיקע ווירקונגען. אין אַלע צייטן האָבן די פּעדאַגאָגן קאָנסטאַטירט און געשאַצט די נוצלאַכע און וואוילטועדיקע השפּעה פון דעם לימוד אין קלאַסן און זיין אומערזעצלאַכן באַטייט פאַר דער אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער דערציאונג פון קינדער. די עקספּערימענטאַלע אונטערזוכונגען פון מ י י ע ר און ש מ י ד ט איבער אינדיווידועלע און קלאַסן-אַרבעטן האָבן אין אַ שטרענגערער פאָרם באַשטעטיקט אָט די פריערע אוממיטלבאַרע דערפאַרונג פון די פּעדאַגאָגן.

פונקט אַזוי האַלט עס מיט דעם צווייטן „געזעץ" פון׳ם מאַסן-לעבן, דהיינו, מיט דעם „געזעץ פון דער סומירונג פון די געפילן". דאָס געזעץ זאָגט, אַז ביי דער קאָלעקטיווער טאָרמאַזירונג פון דער אינטעלעקטועלער טעטיקייט ווערט אָבער דאָס געפילס-לעבן פון דעם יחיד אין דער מאַסע געשטייגערט. קעגן אָט-דעם געזעץ, וואָס איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אויפ׳ן סמך פון ספּעקולאַטיוו-ווילקירלאַכע גענעראַליזאַציעס פון צופעליקע באַאָבאַכטונגען, אַמפּערט זיך אויך דאָס עלעמענטאַרע ווירקלאַכקייט-געפיל. פון-לאַנג-אָן האָבן מענטשן געמאַכט די דערפאַרונג, אַז געמיינזאַמע צרות אין דער מאַסע ווירקן ווייניקער מאוים׳דיק, איידער אין דער איינזאַמקייט. אויף אַ טרויער-פאַרזאַמלונג ווערט אָפט די שווערע שטימונג פון די, וואָס טרויערן מער פון אַלעמען, ליכטיקער און לייכטער דורך דעם געמיינזאַמען מיטגעפיל. „קודם-כל דאַכט זיך מיר — זאָגט

פישער, — אַז ניט יעדעס געפיל איז פייאיק געשטייגערט צו ווערן דורך מאַסנהאַפּטיקע פילקייט. ווען איך פאַרגלייך די ווירקונג פון אַ געזעלשאַפט, אַ גרופּע און אַ מאַסע אויף עסטעטישע געפילן, קען איך אַזאַ מין שטייגערונג ניט שטענדיק געפינען.״ אַפילו ביי דער אויפשטעלונג פון „געזעצן״ אָפּערירן די אויטאָרן ניט מיט אַ מעטאָדיש-אָביעקטיוו צונויפגענומענעם מאַטעריאַל פון באַאָבאַכטונגען, נייערט בלויז מיט צופעליקע באַאָבאַכטונגען און איינדרוקן, וואָס שווימען אַרויס ריין סוביעקטיוו צופעליק אין דעם זכרון ביי דעם אָדער יענעם פאָרשער.

ביי די אַבסטראַקט-טעאָרעטישע באַשרייבונגען פון די מאַסן גייען אַ סך מאַסן-פּסיכאָלאָגן אַרויס פון אַ ווילקירלאַך־צוגעקליבענעם מאַסן־טיפּ, וואָס זיי פאַראַלגעמיינערן פונקט אַזוי ווילקירלאַך. באַזונדערס אונטערשיידן זיי ניט די נאָרמאַלע אָדער די געוויינלאַכע מאַסן-בילדונגען פון די אומנאָרמאַלע אָדער אומגעוויינלאַכע, ביי אויסעראָרדנטלאַכע תנאים געשאַפענע, מאַסן־בילדונגען. די לעצטע זיינען, ווי מיר האָבן געוויזן אין אַן אַנדער אָרט, דער אָביעקט פון מאַסן־פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע. „מען קען ניט לייקענען — זאָגט פרייד — אַז די כאַראַקטערן פון די גרויסע מאַסן, באַזונדערס ביי דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זיינען משפיע אויף זייערע (זיגעלע׳ס, לע-באָנ׳ס) שילדערונגען.״ *)

דער סוביעקטיוויזם, וואָס איז ניט איינגעצאַמט דורך אָביעקטיווע מעטאָדן, נעמט אָן אין דער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע ניט זעלטן משונה׳דיקע פאָרמען. גאַבעלי, למשל, דערקלערט די אויבנדערמאָנטע סובסטראַקציאָנס-טעאָריע מיט דעם משל וועגן דער אויסקלייבונג פון אַ רעקטאָר פון אַן אוניווערסיטעט דורך דער קאָלעגיע פון פּראָפעסאָרן: „מען קלייבט אויס דעם אומבאַדייטנדיקסטן, וואָס צייכנט זיך ניט אויס און וואָס זיין אויסקלייבונג איז אַמווייניקסטן פּוגע די אַמביציע פון אַנדערע.״ „אָפט וויל מען אויף דעם פּאָסטן זען דעם טאָלעראַנטסטן, נאָכגעבנדיקסטן מענטשן, וואָס פאַרמאָגט קיין השפּעה ניט, מיט איין וואָרט — דעם אַמווייניקסטן ענערגישן און אַמווייניקסטן אַנטשלאָסענעם מענטשן. דער אויסגעקליבענער וועקט ניט קיין צוטרוי ניט ביי זיינע אָנהענגער און ניט ביי זיינע קעגנער.״ בעכטערעוו ענטפערט דערויף קורץ: „זאָלן אַנדערע משפּט׳ן אָט-די באַהויפּטונגען; דער נסיון פון מיין לעבן איז אַן אַנדערער.״ באמת, בלויז פאָרווייסנשאַפטלאַך וויסן קען אויף אַזאַ אומקאָנטראָלירטן אופן פאַראַלגעמיינערן צופעליקע און סוביעקטיווע איינדרוקן.

*) Massenpsychologie und Ich-Analyse.

אונזערע ביזהעריקע באַטראַכטונגען קענען צונויפגענומען ווערן אין די פאָלגנדיקע טעזיסן:

וואונדט׳ס פעלקער-פּסיכאָלאָגיע האָט מיט איר פאָרדערונג פון אַן עמפּיריש-פונדירטער אָביעקטיווקייט אָפּגעקירצט די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע צו דער פּסיכאָלאָגיע פון „פּראָדוקטן", און אַזוי אַרום איז די „סאָציאַלע" פּסיכאָלאָגיע געוואָרן אין עיקר אַ „פעלקער"-פּסיכאָלאָגיע. זיגעלע׳ס מאַסן-פּסיכאָלאָגיע אָבער האָט מחמת דעם דוחק אין אָביעקטיווע מעטאָדן אָנגעוואָרן דעם וויסנשאַפטלאַכן עמפּירישן יסוד, און איז געבליבן שטעקן אין דעם אומגעצוימטן סוביעקטיוויזם.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע וועט מעגלאַך ווערן דעמאָלט, ווען מיר וועלן געפינען וועגן און מעטאָדן, וואָס זאָלן אונז דערלאָזן אויסצופאָרשן ניט בלויז די „פּראָדוקטן פון דעם געמיינזאַמען גייסטיקן לעבן", נייערט אויך די פליסנדיקע פּראָצעסן פון דעם באַוואוסטן פּסיכישן לעבן. דעמאָלט וועט די סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע, אין דעם ווייטערדיקן גאַנג פון איר אַנטוויקלונג אויף וואונדט׳ס וועג פון דער עמפּיריש-פונדירטער אָביעקטיווקייט, זיין ניט בלויז אַ פּסיכאָלאָגיע פון „פּראָדוקטן", נייערט פון דער סאָציאַל-פּסיכישן לעבן בכלל, ניט בלויז „פעלקער"-פּסיכאָלאָגיע, נייערט „מאַסן"-פּסיכאָלאָגיע אָדער, ריכטיקער, סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע אין אמת׳ן זין פון וואָרט.

פון דעם שטאַנדפּונקט פאַרדינען אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט די אַרבעטן פון מעדע און בעכטערעוו, וואָס האָבן, אומאָפּהענגיק איינער פון דעם אַנדערן, געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו אַריינצוטראָגן אין דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד. מען דאַרף געדענקען, אַז ווען וואונדט האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו באַגרענעצן דעם אָביעקט פון דער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע בלויז אויף די „פּראָדוקטן", האָט ער עס געטאָן נאָר דערפאַר, ווייל דער עקספּערימענט האָט ניט געקענט אָנגעווענדט ווערן, און ווייל די „פּראָדוקטן" זיינען כלומרשט די איינציקע אָביעקטיווע פאַקטן, וואָס קענען פאַרבייטן דעם עקספּערימענט. אָבער, ווען מען וועט איינפירן דעם עקספּערימענטאַלן מעטאָד, וועט עס, הייסט דאָס, מיט דער צייט מעגלאַך זיין אַרויסצופירן די סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע איבער די גרענעצן פון די פּראָדוקטן אויף דעם ברייטן וועג פון אַן אָביעקטיווער אונטערזוכונג פונ׳ם סאָציאַל-פּסיכישן לעבן. עס איז דעריבער כדאי צו אונטערזוכן, ווי ווייט עס האָט זיך די אויבן-אָנגערופענע אויטאָרן איינגעגעבן צו באַנוצן דעם עקספּערימענט פאַר דער פאָרשונג פון סאָציאַל-פּסיכישע דערשיינונגען.

2.

קודם-כל וועלן מיר אויפווייזן אויף די עקספּערימענטאַלע אַרבעטן פון מ י י ע ר,*) וואָס האָט געמאַכט דעם פּרואוו אָוועקצושטעלן אַ פאַר-גלייכנדיקע אונטערזוכונג איבער אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע אַרבעטן פון שול-קינדער. פאַראייִנם האָט מ י י ע ר אונטערזוכט די ווירקונג פון פאַרשיידענע השפּעות פונ'ם לערער אויף דעם כאַראַקטער און דעם איכות פון דער אינדיווידועלער און דער קלאַסן-אַרבעט. ער האָט געפונען, אַז די קלאַסן-אַרבעט איז געשטאַנען העכער איידער די איינצל-אַרבעט. לויט מ י י ע ר'ן, באַווייזט דער קלאַס אַ וואוילטועגדיקע השפּעה אויף די פּראָצעסן פון דער אַרבעט. אויך ש מ י ד ט**) האָט געמאַכט פאַרגלייכנ-דיקע עקספּערימענטאַלע אונטערזוכונגען איבער שול-אַרבעטן און הויז-אַרבעטן, און איז געקומען צו דעמזעלביקן פּועל-יוצא.

און אַט האָט אויך מ ע ד ע***) אויסגעפירט עקספּערימענטאַלע אונ-טערזוכונגען בנוגע דער איינצל-אַרבעט און קאָלעקטיוו-אַרבעט פון אַ שול-קינד, אָבער ער האָט דאָס געטאָן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב און איז צום ערשטן מאָל אויסן געווען צו אונטערזוכן די מאַסן-פּסיכיק פון פאַרשיידענע שילער-גרופּן. אַלס אָביעקטן האָט מ ע ד ע באַנוצט אויך סטודענטן פון דעם לייפּציגער אוניווערזיטעט, אָבער אין עיקר האָבן זיינע פאָרשונגען אַרומגענומען שילער פון לייפּציגער פאָלקס-שולן (געמיינדע-שולן), און קודם-כל די אינגלאַך פון די עלעמענטאַר-שולן אין דער שטאָט ז אַ ר ו י. צוליב פאַרשיידענע טעמים האָט עס מ ע ד ע פאַר בעסער „דורכצופירן די אַרבעט אויף שילער פון דעם ערשטן קלאַס פון פאָלקס-שול.“ ער גייט אויפ'ן וועג, וואָס דער „סוקצעסיאָנס-מעטאָד“ הייסט, און פאָרשט די איינצל-אַרבעטן און קאָלעקטיוו-אַרבעטן ביי גלייכע פּערזאָנען. אַלס „קאָ-לעקטיווע שוועל“ באַצייכנט מ ע ד ע „די גרענעץ, ביי וועלכער דער אַנדערער הייבט אָן אָדער הערט אויף איינצואווירקן אויף מיר.“

פאָלגנדיק שטרענג דעם עקספּערימענטאַלן פּסיכאָלאָגישן מעטאָד, און באַנוצנדיק ביי די פאַרשיידענע עקספּערימענטן די פּאַסיקע אַפּאַראַטן,

*) „איינצעל און געזאַמט-לייסטונג דעס שול-קינדעס“, אַרכיוו פיר די געז-זאַמטע פּסיכאָלאָגיע, לייפּציג, 1904.

**) „עקספּערימענטאַלע אונטערזוכונגען איבער די הויז-אויפגאַבען דעס שול-קינדעס“, 1904.

***) „עקספּערימענטאַלע מאַסען-פּסיכאָלאָגיע“, לייפּציג, 1920.

הייבט ער יעדן עקספּערימענט אָן אויף איינצלפּערזאָנען און גייט דערנאָך אריבער אויף גרופּעס פון 2, 3, 4 און מער פּערזאָנען (די גרעסטע גרופּע איז באַשטאַנען פון 16 אָדער 17 באַטייליקטע). לויט דער אינטענסיווקייט פון דער קעגנזייטיקער איינווירקונג אין דער גרופּע אונטערשיידט ער צווישן סטאַטישע און דינאַמישע קאָלעקטיוון. וואָס שוואַכער די קעגנזייטיקע ווירקונג איז, אַלץ מער דערנענטערט זיך דער קאָלעקטיוו צום סטאַטישן טיפּ; וואָס שטאַרקער די קעגנזייטיקע ווירקונג — דעם דינאַמישן טיפּ. דיאונטערזוכונגען פאַרשפּרייטן זיך אויף פאָלגנדיקע געביטן: אויטאָמאַטישע באַוועגונגען („מיטבאַוועגונגען"), אַקוסטישע אינטענסיווקייט־שוועלן, שמערץ־עמפּינדלאַכקייט, די צייטלאַכע פּאָו־העלטאַנישן פון דער ווילנס-האַנדלונג און די לעבעדיקע אַרבעט פון דעם ווילנס-אימפּולס, אויפמערקזאַמקייט, זכרון און אַסאָציאַציע. אין די ראַמען פון די אַלע געביטן זיינען אָבער אונטערזוכט געוואָרן בלויז די מער־עלעמענטאַרע און איינפאַכע פּסיכישע דערשיינונגען.

אויפ'ן סמך פון זיינע אונטערזוכונגען קומט מ ע ד ע צום אויספיר, אַז די רעאַקציעס פון דעם אינדיווויד ווערן פאַרענדערט שוין אין אַ גרופּע פון 2 פּערזאָנען, און דערביי זיינען די קעגנזייטיקע ווירקונגען אין אַזאַ גרופּע אָפט שטאַרקער, איידער אין אַ גרופּע, אַ גרעסערער אין צאָל. אין יעדן קאָלעקטיוו זיינען פאַראַן איינווירקונגען פון צוויייערליי אַרטן: טאָרמאַזירנדיקע (פאַרהאַלטנדיקע) און סטימולירנדיקע. בכלל האָט מען געקענט באַאָבאַכטן, אַז „די בעסערע שילער" אין דער איינצל־אַרבעט ווערן ערגער אין דער גרופּע-אַרבעט, בעת ווען די „ערגערע" פאַרבעסערן זיך. ריידנדיק וועגן די רעזולטאַטן פון זיינע ווילנס-אונטערזוכונגען, זאָגט מ ע ד ע: „די שטייגערונג פון דער אַרבעט-פייאיקייט פון די שלעכטערע איז מער ווי צווייטמאָל גרעסער איידער די פאַרמינערונג פון דער אַרבעט־פייאיקייט פון דער בעסערער העלפט."

מ ע ד ע גלויבט, אַז מען קען דערקלערן די טעלעאָלאָגיע פון אָט־דער עלעמענטאַרער קעגנזייטיקער ווירקונג דורך דעם, וואָס עס איז פאַראַן אַ טענדענץ צו איינהייט, וועלכע איז קאָנטיק אָן אומגעהייער צוועקמעסיקע צופּאַסונג ביי אַזעלכענע מענטשן, וואָס זיינען פון דער נאַטור באַשטימט צו אַרבעטן אין גרופּעס. „דאָס איז דער טאַקט אָדער גלייך-טריט פון די מאַסן, וואָס אַרבעט זיך אוים אויטאָמאַטיש."

מ ע ד ע האָט אין דער זעלביקער צייט אונטערזוכט די ווירקונג פון אייפער און סאָלידאַרישקייט, ווי אויך איניקע אַנדערע מאָמענטן פון דער דינאַמישער גרופּע.

אַט-די אונטערזוכונגען זיינען אָבער ניט מבטל וואונדט'ס טעזיס וועגן דער ניט-אָנווענדבאַרקייט פון'ם עקספּערימענט אויף סאָציאַל-פּסיכישע פענאָמענען. אמת טאַקע, עס האָט זיך מעדע'ן איינגעגעבן צו באַנוצן דעם עקספּערימענט אויף צו אונטערזוכן אייניקע קאָלעקטיוו־פּסיכישע דערשיינונגען ביי די גרופּעס, וואָס ער האָט געשאַפן. אָבער, הגם די אונטערזוכונגען גופא זיינען זייער וויכטיק, באַווייזן זיי פּאָרט די אומגעהייער-שמאָלע גרענעצן פון דער אָנווענדבאַרקייט פון'ם עקספּערימענט. ערשטנס, זיינען דעם עקספּערימענט צוגענגלאַך בלויז איינפאַכע עלעמענטאַרע גרופּען-בילדונגען. ביי דער אונטערזוכונג פון סטודענטן האָט זיך מעדע אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. אָבער אפילו שול-קינדער קענען עקספּערימענטאַל אונטערזוכט ווערן בלויז ביי אַ לפי-ערך קליינער צאָל מיטגלידער און ביי לאַבאָראַטאָריש־פּאַראייינפאַכטע תנאים, אָבער באין אופן ניט ביי דעם אומענדלאַך־פאַרשיידנפאַרביקן באַשטאַנד און קעגנזייטיקע באַציאונגען אין די נאַטירלאַכע שול-קאָלעקטיוון. עס איז געוואגט, ווען פון דער לאַבאָראַטאָריש-פּאַראייינפאַכטער סטרוקטור פון אַ באַגרענעצטער גרופּע ווערט אַרויסגעפירט אַ פּועל־יוצא בנוגע דער אומענדלאַך-קאָמפּליצירטער סטרוקטור פון נאַטירלאַכע קאָלעקטיוון. וואָרים יעטווידע מאַסע האָט אַ באַשטימטע סטרוקטור, וואָס באַשטימט הויפּטזעכלאַך דעם כאַראַקטער פון דער מאַסע און פון אירע איינצלנע גלידער. אַ דעמאָנסטראַציע אויף די גאַסן, אַ לוויה, אַן אַגיטאַציע-פאַרזאַמלונג אָדער אַ קאָנפערענץ — אין יעדן איינצלנעם פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ ספּעציפישער סטרוקטור, וואָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער מאַסע און פון אירע איינצלנע עלעמענטן.

צווייטנס, אפילו אין אַ באַגרענעצטער גרופּע מיט אַ לאַבאָראַטאָריש־פּאַראייינפאַכטער סטרוקטור זיינען דעם עקספּערימענט צוגענגלאַך בלויז די לפי־ערך איינפאַכע און עלעמענטאַרע, עקספּערימענטאַל-אַרויסגערופענע פּסיכישע דערשיינונגען. אויב אַזוי, איז עס דאָך נאָך געוואַגטער אַרויסצופירן פון עלעמענטאַרע פּראָצעסן אַ פּועל-יוצא וועגן די אומענדלאַך-קאָמפּליצירטע דערשיינונגען פון'ם סאָציאַל־פּסיכישן לעבן. וואונדט האָט עס טאַקע אונטערגעשטראָכן די ניט-אָנווענדבאַרקייט פון'ם עקספּערימענט אויף די „קאָמפּליצירטע“ סאָציאַל־פּסיכישע דערשיינונגען.

דריטנס, ווערן אין די עקספּערימענטן פון מעדע אונטערזוכט ניט די רעאַקציעס פון דער גרופּע אַלס אַ סטרוקטור-גאַנצקייט, נאָר די פּעולות און די רעאַקציעס פון איינצלנע אינדיווידועז אין איזאָלאַציע און אין גרופּן. גענויער גערעדט, טוט יעדער איינצלנער אונטערזוכטער

מיטגליד פון דער מ ע ד ע'ש ע ר גרופּע „זיין אייגענע" אַרבעט, פּירט־אוים „זיין אייגענעם" עסק און איז דערביי אונטערגעוואָרפן שוואַכערע אָדער שטאַרקערע השפּעות מצד די אַנדערע מיטגלידער פון דער גרופּע. אַנדערש איז עס אָבער ביי די נאַטירלאַכע קאָלעקטיוון, וואָס בילדן אַ סטרוקטורעלע גאַנצקייט, וואו יעדער איינצלנער טוט ניט בלויז „זיין" אַרבעט, נייערט ער האָט זיין סטרוקטורעל-פּרעדעטערמינירטן „חלק" אין דער „געמיינזאַמער" זאַך. ווען אַ פאַרזאַמלונג נעמט אָן אַ געמיינזאַמע רעזאָלוציע אָדער אַ מאַסע מאַכט אַ געמיינזאַמען שריט, דעמאָלט האָבן מיר צו טאָן ניט מיט אַ ס ו מ ע פון אַקציעס פון איינצלנע פּערזאָנען, נייערט מיט אַ קאָלעקטיוון אַקט, אין וועלכן יעדער איינער האָט זיין פּאַסיקן חלק.

דערפון איז קלאָר, אַז די עקספּערימענטן פון מ ע ד ע, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין זייער וויכטיק, קלערן אויף בלויז די לאַבאָראַטאָרישע גרופּן-פּסיכאָלאָגיע פון אַ באַשטימטן מין, אָבער די רעזולטאַטן פון די אונטער־זוכונגען טאָרן ניט סתם אַריבערגעטראָגן ווערן אויף דער אַלגעמיינער מאַסן-פּסיכאָלאָגיע.

אַ שריט פאָראוים האָבן געמאַכט די אַרבעטן פון ב ע כ ט ע ר ע ו ו,*) וואָס האָט דורכגעפירט זיינע אונטערזוכונגען אומאָפּהענגיק פון מ ע ד ע'ן. אויך ער אונטערזוכט איינצלנע און קאָלעקטיווע אַרבעטן פון שול-קינד, אָבער אָט־די ב ע כ ט ע ר ע ו ו'ס אונטערזוכונגען (וועגן שול-קינד) זיינען נאָך ניט פאַרענדיקט און מיר וועלן דעריבער ניט איינגיין אויף זיי. ב ע כ ט ע ר ע ו ו'ס איינגטלאַכע קאָלעקטיווע עקספּערימענטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף די צוהערער פון פּעדאַגאָגישע הויכשולן אין לענינגראַד. די אָביעקטן פון די עקספּערימענטן, פרויען און מענער, זיינען געשטאַנען אין פאַרשיידענעם עלטער (18-40 יאָרן). זייער צאָל האָט זיך אין די פאַרשיידענע גרופּעס געוויגט צווישן 13 און 66. די אונטערזוכונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אויף אָט וועלכע געביטן: באַאָבאַכטונגס-פייאיקייט, אונטערשיידונג פון ענלאַכע אָפּבילדונגען (אַנאַליז), דערקענונג פון אַן ענלאַכקייט צווישן פאַרשיידענע אָביעקטן (סינטעז), קאָלעקטיווע באַציאונג צו דער אויפפירונג, שאַפונגס-קראַפט, באַשטימונג פון רוים און צייט.

די עקספּערימענטן זיינען דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן. דער גאַנצער קאָלעקטיוו איז, אַלס אַן איינהייט, צוגעצויגן געוואָרן צו דער

*) „די ערגעבניסע דעם עקספּערימענטס אויף דעם געביט דער קאָלעקטיווען רעפלעקסאָלאָגיע", צייטשריפט פיר די אנגוואנדטע פּסיכאָלאָגיע, 1929, העפט 5-6.

אַרבעט. אַלס „אויפּרעגער“ זיינען באַנוצט געוואָרן ספּעציעלע אָנשויאונגס־אָביעקטן, וואָס זיינען באַוויזן געוואָרן דער אוידיטאָריע אין משך פון 10-15 סעקונדן. נאָכדעם ווי מען האָט דערקלערט די אויפגאַבע, האָבן אַלע איינצלווייז באַקומען דעם אָדער אויפצושרייבן אויף צעטלען דאָס, וואָס עס איז געווען נויטיק צו שילדערן אין דעם עקספּערימענט באַלד נאָך דער באַזייטיקונג פון דעם אָביעקט. דערנאָך האָט מען צונויפגעקליבן אַלע צעטלען. איצט נעמט מען אַלע איינצלנע אָפּשניטן פון דעם טעקסט אויף די צעטלען און מען דיסקוטירט זיי קאָלעקטיוו, דערנאָך שטימט מען אָפּ, כדי צו באַקומען אַ דעפיניטיווע קאָלעקטיווע החלטה וועגן דעם באַקלערטן אָביעקט. דערנאָך באַקומט ווידער יעדער איינער דעם אויפטראָג, אויפצושרייבן די אָפּווייכונגען פון זיינע מיינונגען (נאָך אַ דיסקוסיע און אָפּשטימונג) אויף אַ באַזונדערן צעטל.

שוין ביי די פאַרשיידענע אונטערזוכונגען איבער דער רעפּראָדוקטיווער טעטיקייט האָט ב ע כ ט ע ר ע וו „געקאָנט קאָנסטאַטירן אַ באַרייכערונג פון דער רעפּראָדוקטיווער טעטיקייט פון דער פּערזענלאַכקייט נאָך אַן אַלגעמיינעם אויסטויש פון די מיינונגען, הן אין קוואַנטיטאַטיווער והן (אָפט) אין קוואַליטאַטיווער הינזיכט“. צום אונטערשייד פון מ ע ד ע ׳ ן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די „בעסערע“ (אין דער איינצל־אַרבעט) געווינען ביי אַ קאָלעקטיווער טעטיקייט (ביי מעדע׳ן ווייזן זיי אַ קלענערע אָדער אַ גלייכע פּעולה), אין דער צייט ווען „ערגערע“ ווייזן אַרויס אַ נאָך גרעסערן געווינס פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט. אָט דער אונטערשייד פון די רעזולטאַטן ביי מ ע ד ע ׳ ן און ב ע כ ט ע ר ע וו ׳ ן דערקלערט זיך דערמיט, אַז (ווי בעכטערעוו זאָגט אַליין) אין די בעכטערעוו׳שע אונטערזוכונגען ווירקן אַזעלנע סטימולירנדיקע פאַקטאָרן, ווי די קאָלעקטיווע אַקטן פון דיסקוסיע און אָפּשטימונג.

אָט דער פאַקט גיט צו די בעכטערעוו׳שע עקספּערימענטן אַ גאַנץ באַזונדערן באַטייט, ווייל זיי נעמען אַרום ניט בלויז די איינצל־אַרבעט און די קאָלעקטיוו־אַרבעט פונ׳ם איינצלנעם אינדיווויד, נייערט אויך די קאָלעקטיווע אַקטן אין זייער סטרוקטורעלער „שותפות׳דיקייט“ אָדער די „גאַנצע“ טעטיקייט פון קאָלעקטיוו. וואָרים דיסקוסיע און אָפּשטימונג זיינען גיכער אַ „שעפערישער סינטעז“ איידער די סומע פון טעטיקייטן פון איינצלנע אינדיווידוען. דאָ טוט יעדער איינער ניט „ז י י ן“ אַרבעט, וואָס ווערט צוגעלייגט צו די אַרבעטן פון די אַנדערע, נייערט יעדער איינער האָט זיין סטרוקטורעל און אינדיווידועל פאַרשיידענעם חלק אין דער „צ ו ז אַ מ ע נ ד י ק ע ר אַ ר ב ע ט“ פון דעם קאָלעקטיוו. אין די

ב ע כ ט ע ר ע װ ׳ ש ע אונטערזוכונגען פון די עלעמענטאַרע פּסיכישע פּראָצעסן איז פאַראַן לפּי ערך וויניק מאַטעריאַל און אינוויניקסטע מאָטיוון אָדער נאַטירלאַכע סטימולן פאַר אַ דיסקוסיע אָדער אַן אָפּשטימונג, וואָס טרעטן אַ סך בולט׳ער אַרויס אין בעכטערעוו׳ס ביידע (לויט דער געשילדערטער מעטאָדיק דורכגעפירטע) אונטערזוכונגען וועגן קאָמפּליצירטע פּסיכישע פּראָצעסן, וועגן דער „קאָלעקטיווער באַציאונג צו דער אויפפירונג“ און דער „קאָלעקטיווער שאַפונגס-קראַפט“. ביי דער ערשטער אונטערזוכונג האָט מען אין פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען אַרומגעקלערט די באַציאונג צו דער באַשטראָפונג פון אַ אינגל מיט שמיץ, ווייל ער האָט באַגאַנגען אַ גניבה, וואָס איז געווען דעמאָנסטרירט אויף אַ בילד. אויף דער צווייטער פאַרזאַמלונג האָט מען אַוועקגעשטעלט דאָס פּראָבלעם, אויסצופאַרטיקן אַ פּראָיעקט פון אַ מאָנומענט פאַר דעם פּאָעט נ ע ק ר א־ ס אָ װ. ביי די אונטערזוכונגען האָט זיך אַרויסגעשטעלט, „אַז דער קאָלעקטיוו מאָ ד י פ י צ י ר ט לגמרי און פאַרבעסערט די רעזאָלוציע, וואָס איז שוין פריער געווען צוגעגרייט דורך אינדיווידועלע אָנווייזונגען. פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון איינצלנע מיטגלידער „ווערן געלייטערט אין דעם קאָלעקטיוון שמעלצפייער, און פון אים קומען אַרויס בלויז אַזעלכע פּראָיעקטן, וואָס זיינען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דעם פּראָבלעם.“

צום באַדויערן, האָט ב ע כ ט ע ר ע װ אין זיין אַרבעט ניט באַשריבן דעם מאַטעריאַל, דעם כאַראַקטער און דעם גאַנג פון די דיסקוסיעס. ער איז אונז מודיע דעם פאַקט, אַז עס איז געווען אַ דיסקוסיע, און גיט אונז צו וויסן בלויז די רעזולטאַטן פון דער געוועזענער אָפּשטימונג. נאָכמער: ב ע כ ט ע ר ע װ נעמט גאָר ניט אין באַטראַכט די השפּעה פון דעם כאַראַקטער און פונ׳ם גאַנג פון דער דיסקוסיע אויף די באַקומענע רעזולטאַטן פון זיינע אונטערזוכונגען. דערביי איז דאָך די דיסקוסיע געווען דער איינציקער קאָלעקטיווער פּראָצעס, וואָס האָט פאַרבונדן די איינצלנע אינדיווידועןן צו אַ סטרוקטורעלער גאַנצקייט, אַזוי אַז פון דעם כאַראַקטער און פון דער איכות פון דער דיסקוסיע האָט אָפּגעהענגט די קעגנזייטיקע ווירקונג, וואָס זי האָט אַרויסגערופן. ווי יעדער לעבעדיקער פּראָצעס, אַזוי האָט אויך די דיסקוסיע איר אייגענעם גאַנג און אירע אינוויניקסטע געזעצמעסיקייט בהסכם מיט די באַשטייענדיקע תנאים און קעגנזייטיקע באַציאונגען. צי איז די דיסקוסיע געווען נאַטירלאַך און לעבעדיק אָדער אָנגעצויגן און טויט, צי האָט זי געוועקט ליידנשאַפטן, סיכסוכים, חילוקי דעות, אַמביציעס, אָדער צי איז זי געגאַנגען רואיק און זאַכלאַך, גלאַט אָדער מיט אינצידענטן, צי האָבן זיך אַרויסגעוויזן די

אָדער יענע פּילצאָליקע פאַקטאָרן ווי ביי יעדער דיסקוסיע, ווי למשל די השפּעה פון בארעדעוודיקייט, פון לאָגישער שטרענגקייט, פון „כיטרע קונצן", דעמאַגאָגיע וכדומה — דאָס אַלץ דערציילט ב ע כ ט ע ר ע ו ו נ י ט, און ער נעמט דאָס גאָר ניט אין באַטראַכט. ער באַשרייבט אונז אַ פּסיכאָלאָגיע פון רעזולטאַטן אָדער פון „פּראָדוקטן" פון אַ קאָלעקטיוו־טעטיקייט, וואָס דאָס האָט פאַר זיך אַליין אַ גרויסן ווערט, אָבער ער גיט אונז ניט קיין שילדערונג און ניט קיין אונטערזוכונג פון אָט דער טעטיקייט גופא, וואָס באַשטימט דאָך אַלס אַזעלכע דעם כאַראַקטער פון די רעזולטאַטן און איז דאָך דער וויכטיקסטער אָביעקט פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע.

ב ע כ ט ע ר ע ו ו דרינגט, למשל, אַז דער אונטערשייד פון די רעזול־טאַטן פון דער דיסקוסיע אין פאַרשיידענע פאַרזאַמלונגען איז באַדינגט בלויז דורך די פאַרשיידענע צונויפשטעלן פון די פאַרזאַמלונגען. אָבער אין אמת'ן קען דאָך דער אונטערשייד שטאַמען פון דעם כאַראַקטער און דעם גאַנג פון דער דיסקוסיע און פון דער התלהבות פון די צוהערער, וואָס איז אַרויסגערופן דורך דער דיסקוסיע. די אייגענע פאַרזאַמלונג קען פאַרשיידן פאַרלויפן, ווענדט זיך ווי דער גאַנג פון די דעבאַטן, ווי די אָרדנונג און דער כאַראַקטער פון דער אַרויסטרעטונג זיינען. וואָרים אַניט, קומען מיר דאָך ווידער צו דער דערמאָנטער אַדיציאָנס־טעאָריע, וואָס פירט אַרויס דעם קאָלעקטיוו'ס אייגנשאַפטן פון די עלעמענטן זיינע. בעכטערעוו אָבער האָט דאָך עקספּערימענטאַל קאָנסטאַטירט דאָס „מערער־זיין" און דאָס „אַנדערש־זיין" פונ'ם קאָלעקטיוו. די הויפּט־מעלה פון בעכ־טערעוו'ס עקספּערימענטן לגבי די מ ע ד ע' ש ע עקספּערימענטן באַשטייט דאָך דעריין, וואָס בעכטערעוו האָט צום ערשטן מאָל געמאַכט דעם פּרואוו צו בילדן גרופּס ניט נאָר מיט אַ לאַבאָראַטאָריש־פּאַראייִנפאַכטער סטרוקטור, נייערט אויך מיט אַ קאָמפּליצירטער סטרוקטור פון דיסקוסיע־פאַרזאַמלונגען. ס'האַנדלט זיך וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ מאָס עס קען עקספּערימענטאַל אַרויסגערופן ווערן אַ לעבעדיקע דיסקוסיע, און צי זיינען אַזעלכע עקס־פּערימענטאַלע דיסקוסיע ניט קיין קלאָגעדיקע סוראָגאַטן פון נאַטירלאַכע פילגעשטאַלטיקע דיסקוסיעס.

ווי עס זאָל ניט זיין, האָט יעדע עקספּערימענטאַלע גרופּע־בילדונג אירע שמאָלע גרענעצן. עס קען נאַטירלאַך ניט געמאָלט זיין צו שאַפן אויף אַן עקספּערימענטאַלן וועג רעוואָלוציאָנערע מאַסן, מאַסן־מיטינגען אָדער פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. יעדע קינסטלאַכע אינסצענירונג אין עקס־פּערימענטאַל־באַגרענעצטע ראַמען גיט אונז אַ סטרוקטורעל פרעמדן סוראָ־גאַט פון דער קאָמפּליצירטערווירקלאַכקייט, וואָס קען ניט נאָכגעמאַכט

ווערן. נאַטירלאַכע מאַסן קענען און מוזן שטודירט ווערן אין דער גאַנצער אומענדלאַכער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע סטרוקטורן, מיט שטרענג־אָביעקטיוו מעטאָדן פון אַ דירעקטער און פאַרגלייכנדיקער באַאָבאַכטונג. פון דער אַנדער זייט קענען קאָמפּליצירטע פענאָמענען פון׳ם פּסיכישן לעבן, אַפילו אין די עקספּערימענטאַל-געבילדעטע גרופּעס גופא, ניט אויסגעפונען ווערן דורך עקספּערימענטאַלער ציילעניש אָדער מעסטעניש, נייערט זיי קענען און מוזן שטודירט ווערן ווידער אַמאָל דורך אַ סיסטעמאַטישער באַאָבאַכטונג פון דער גאַנצער רייכקייט פון זייער אָרגאַנישער קאָמ־פּליצירטקייט.

ד ר. א. ק אָ ר אָ ל נ י ק

# סיבות און מאָטיוון

(אַפּאָריזמען איבער דעם געשיכטלאַכן פּראָצעס)

עס איז ביז ניט לאַנג כמעט געווען אַן אַקסיאָם: די פיזישע וועלט איז די ממשלה פון שטרענגער קאַוזאַליטעט. איינס מיט אַנאַנדער געבונדן און פאַרקייטלט; קיין רוים, קיין מעגלאַכקייט פון פרייהייט. אַ קייט פון דערשיינונגען. קאַנט האָט געפרעגט: „ווי איז די פרייהייט צו פאַר־איינינען מיט דער קאַוזאַליטעט?" און האָט געענטפערט אויף זיין שטייגער און נאָך זיין מעטאָדע: די קאַוזאַליטעט באַציט זיך אויף די „דערשיינונגען", די פרייהייט איז אין דער „פאַרנונפט". אַן ענטפער וואָס באַפרידיקט ניט און צווינגט ווייטער צו פרעגן. און די דענקער פון דער נאָך־קאַנטישער צייט האָבן איינגעטלאַך — אין אַ גרעסערער מאָס אָדער אין אַ קלענערער — געזוכט צו פאַרענטפערן דעם הארבן פּראָבלעם. העגעל האָט פון דער פרייהייט געמאַכט אַ פאָדערונג, אַ לאָגישע נויטווענדיקייט, אַן אויפגאַבע. דאָס הייסט, ער האָט זי אַריינגעשטעלט אין דער ריי פון קאַוזאַליטעט. און דאָס איז זיכער ניט קיין ענטפער. עס איז בלויז אַ דער־ווייטערן דעם פּראָבלעם אויפ'ן אָרט פון דערנענטערן אים. און וואָס האָבן מיר געוואונען פון דער פילאָזאָפיע וואָס ריקערט און אַנדערע האָבן אויפגעשטעלט — די אַנטקעגנשטעלונג פון דער פיזישער און מאָראַלישער וועלט? זיי האָבן סוף כל סוף בלויז איבערגעזאָגט קאַנט'ן. דאָ — פרייהייט, דאָרט נויטווענדיקייט — בלויז דער קאַנטישער סינטעז האָט זיי געפעלט.

די גרונד־פראַגע בלייבט: וואָס איז סיבה, וואָס איז נויטווענדיקייט? איז זי דאָ אין דער פיזישער וועלט — מוז זי זיין אויך אין דער „מאָראַלישער", דער געשיכטלאַכער — אָדער מיר שטעלן זיך אַרויס פון דער נאַטור־קייט — און דאָס איז אַן אַבסורד און אַ מין אַלטער אַנטראָפּאָ־צענטריזם אין אַ נייער אויסגאַבע. איז די קאַוזאַליטעט באמת אַזוי סואַווערען — דעמאָלט איז ניטאָ קיין באַפרייאונג, און פרייהייט ניט מעגלאַך, — און די איינציקע טעאָריע פון געשיכטע איז דעמאָלט די

מאַרקסיסטישע, דער דעטערמיניזם צוגעפירט צום לעצטן לאָגישן מאָמענט.

גוט — און פאַרוואָס אויך ניט? פאַרוואָס טאַקע ניט אַקצעפּטירן די מאַרקסיסטישע געשיכטע-פילאָזאָפיע — און זיך באַרואיקן מיט איר?

געוויס — מען האָט פאַרזוכט און עס איז ניט געראָטן. מען האָט געפּרוּווט שרייבן וועלט-געשיכטע לויט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אָדער עקאָנאָמישן דעטערמיניזם — און דער פאַרזוך איז ניט געלונגען. אַפילו פּערעראַ׳ס געשיכטע פון רוים אָדער זשאָרעס׳ געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דערקלערן ניט, שעפּן ניט אויס די רעאַלע פּאַסירונגען. העגעל האָט אָנגעוויזן אויף דער ערשטער באַדינגונג פון אַ היסטאָריקער: „די געשיכטע ג ע ט ר י י אויפּפאַסן". אָבער ווי קען מען עס? האָט ער עס געטאָן? עס איז גענוג דורכצובלעטערן זיין „פילאָזאָפיע פון געשיכטע", כדי צו זען ווי פ אַ ל ש ער האָט אויפגעפּאַסט די געשיכטע. אפשר ניט אין דעם לעצטן עצם. ווער ווייסט — מעגלאַך אַז דער „צוועק", דער „זין", דער „וועג" פון דער געשיכטע איז אַזוי ווי העגעל האָט אים דיקטירט. אָבער דאָס זיינען אַלץ פראַגן פון וועלט-אַנשויאונג, פון ריכטונג, פון צוגאַנג — און איך וואָלט געזאָגט, פון נביאות.

אָבער די ק אָ נ ק ר ע ט ע געשיכטע האָט העגעל, האָבן אַלע גרויס-סיסטעמיקע געשיכטע-פאָרשער פאַלש און אומגעטריי אויפגעפּאַסט און באַהאַנדלט. זייער מעטאָדע איז אַ מאַקראָסקאָפּישע — געשיכטע אָבער איז מיקראָסקאָפּיש. און איך וויל טאַקע פאַרשטיין — וויסן, אָפּשאַצן, פאַרוואָס דער נייַנטער טערמידאָר איז געראָטן, אָדער ווידער מיט וואָס דערקלערט זיך דער צוזאַמענברוך פון דער קערענסקי-רעגירונג, איז ניט גענוג צו וויסן די „סיבות" אין דעם ברייטסטן זין — מען מוז אויך קענען די „מאָטיוון" פון די מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט די געשיכטע.

אָבער וואָס איז אייגנטלאַך דער אונטערשיד צווישן סיבות און מאָטיוון? וואָס איז דער חילוק—ווי מיר רופן אָן די קאַוזאַלע פאַרקניפּטקייט און פאַרבונדנקייט? און זיינען דען מאָטיוון ניט דאָס אייגענע ווי סיבות? איז דאָס בלויז סוביעקטיוו אַנטקעגן אָביעקטיוו? און וואָס איז דען סוביעקטיוו אויב ניט קיין אָביעקטיוויטעט אין איר ווערן? און צי איך זאָג, אַז די נאַכט פון דעם נייַנטן טערמידאָר, ווען דער גורל פון דער פראַנצויזישער געשיכטע איז גע׳חתמ׳עט געוואָרן, האָט זיך געענדיקט אַזוי ווי זי האָט זיך געענדיקט, ד. ה. מיט דעם פאַל פון ראָבעספּיער — צוליב דעם שלאַגס-רעגן וואָס האָט אָפּגעהאַלטן די פראַנצויזישע מאַסן פון אַן אויפשטאַנד, אָדער צוליב דעם ווילן פון די קאָנווענט-מיטגלידער, דעם יאוש-מוט פון

טאַליאַן און באַוער און די איבעריקע. אַזוי אָדער אַזוי, וואָס גיט עס אין דער פאַרשטענדעניש פון דער קאַוזאַלער פאַרקניפּונג?

פאַקטיש אפשר ניט. אין דער געשיכטע, אַלס געשיכטע, מאַכט עס גאָר ניט קיין אונטערשייד. אָבער אין דעם מעטאַפיזישן עצם פון די פּאָסירונגען, ד. ה. אין זייער לעצטער תוך — איז דער אונטערשייד זייער גרויס.

סיבה איז ליניאַר. אין איין ליניע, פּונקט נאָך פּונקט. „סיבה" מיינט אייגנטלאַך ניט מער ווי דאָס פריערדיקע, דאָס פאָראויסגעזעענע, און פאָלגע מיינט ניט מער ווי דאָס וואָס פאָלגט. דער אַלטער באַגריף פון דער שפּעטערישער קאַוזאַליטעט איז צעשטערט שוין פון די יוהם און ענדגילטיק אָפּגעשאַפט דורך קאַנט'ן.

מען קען זיך ניט פאָרשטעלן די סיבה אַלס דעם גרונד. די קויל, וואָס דרינגט דורך צום האַרץ און טויט דעם מענטשן, איז ניט די „סיבה" פון דעם טויט. עס איז ניט מער ווי איין פּראָצעס, וואָס גייט פאָראויס אַנדערע פּראָצעסן — און יעדער פון זיי האָט גאָר ניט וואָס צו טאָן מיט דעם רעזולטאַט. עס איז אַ ריי פון פּונקטן אויף דער אייגענער ליניע, און מיר פאַרבינדן עס — צוליב באַקוועמלאַכקייט פון דעם אויסדרוק — אין איין באַגריף. אין דער פיזיק — און דער נאַטור-וויסנשאַפט בכלל — האָט מען זיך שוין באַפרייט פון דעם אַלטן קאַוזאַל-באַגריף. און דאָס איז אפשר געווען איינער פון די גרעסטע אויפטוען פון אנרי פּואַנקאַרע, וואָס ער האָט באַוויזן אַז די פיזיקאַלישע דערשיינונגען לאָזן זיך דער-קלערן דורך די פאַרשיידענע טעאָריעס און השערות, ד. ה. אַז דער קאַוזאַל-סיסטעם איז ניט קיין אַבסאָלוטער.

און נאָך מער ווי פּואַנקאַרע האָט עס באַטאָנט דער פיזיקער ווערנער הייזענבערג מיט זיין באַרימטער טעאָריע פון „אומבאַשטימטקייט". די פיזיק — ווייל אַזוי פּאַרטיפּט, ווייל אַזוי פאַרפיינערט און ווייל זי באַנוצט זיך מיט דעם שאַרפסטן אינסטרומענט פון דעם דענקען — דער מאַטע-מאַטיק — קומט אַלץ מער און מער צו דעם סקעפּטיציזם בנוגע די לעצטע יסודות, און דער עיקר בנוגע צו דעם קאַוזאַליטעט-פּרינציפּ.

און ווען אין דער פיזיק אַזוי — ווי גרויס מוז שוין ווערן דער ספק אין דער געשיכטע-וויסנשאַפט — וואו דער סיבה-באַגריף איז תמיד געווען אַזוי אומקלאָר און אומשעפעריש.

הייסט עס — כאַאָס? מיינט עס — פּונקטן אָן צוזאַמענהאַנג?

אָבער דאָ קומט אונז צו הילף דער אַנדערער באַגריף: מאָטיוו.

און דאָס מיינט — אריבערטראָגן דאָס געשיכטלאַכע פון דעם לינעאַרן אין אַ נייער דימענסיע.

דער שלאַגס-רעגן אין דער נאַכט פון דעם ניינטן טערמידאָר האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו דעם קאָנוועגט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פונקט ווי די אָדער אַן אַנדערע עקאָנאָמישע דערשיינונג איז ניט קיין דירעקטע, ד. ה. אויסשליסלאַכע, סיבה פון דער און דער געשיכט־לאַכער פאַסירונג. אָבער דער צאָרן פון טאַליוו׳ן, די זון פון ביירע׳ן, דער יאוש פון די מיטל־פּאַרטייען און די דערוויייל נאָך ניט פאַרשטאַנענע, ניט אויסגעפונענע איבערלעבונגען פון ראָבעספּיער — זיי האָבן אַ דירעקטע שייכות צו די פּאַסירונגען און קאָנוועגט, צו דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אַרויסגעפירט אַ גרופּע דערשיינונגען — אַזוי צו זאָגן לינעאַרע — אויף אַן אַנדערן וועג, אויף אַ נייעם שטח. זיי האָבן דאָס אינדיווידועלע איבערגעשמאָלצן אין דעם קאָלעקטיוון, אריינגעפירט דעם עלעמענט פון „פילקייט" אין דעם איינליניקן פּראָצעס פון איינהייטן.

און אין דעם זין איז געווען גערעכט העגעל, ווען ער האָט אויפ־געשטעלט די טעאָריע פון „דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג" — פון דעם איבער־גאַנג פון קוואַנטיטעט אין קוואַליטעט. אָבער עס איז אויך געווען גערעכט זיין אָפּאָנענט, דער היסטאָריקער ראַנקע, וואָס האָט דערווייטערט די זעבלסטשטווויכטיקייט אין אייגענער עקזיסטענץ פון יעדן געשיכטלאַכן מאָמענט.

בלייבט איבער, אַז דער סיבה־באַגריף מוז זיין אַן אָדער־אָדער. אָדער דעטערמיניזם אָדער פרייהייט, אָדער אייביקער איבערגאַנג אָדער די אָפּגעשלאָסנקייט פון דער דערשיינונג.

און מען מוז ווערן איינזייטיק — און דאָס מיינט ניט עקזאַקט, און אומגעטריי צו די פאַקטן.

בלויז דער מאָטיוון־באַגריף קען מאַכן אַ פשרה צווישן די צוויי אָנ־שויאונגען. עס איז אַזוי צו זאָגן דער קאַטאַליטישער פאַקטאָר.

געווים, די טעאָריע פון מאָטיוון איז צו שווער, צו ברייט, זי זאָל קאָנען דערקלערט ווערן אויף איין מאָל. מען דאַרף זי אויך ניט דער־קלערן, מען מוז מיט איר אָפּערירן. זי איז אַן אינסטרומענט, — ווי די מאַטעמאַטיק פאַר דער פיזיק — פאַר דער געשיכט־וויסנשאַפט. און עס איז אפשר אוממעגלאַך צו פאַרשטיין דעם פּראָצעס ווי עס איז געמאַכט געוואָרן די ערשטע צוואַנג...

ל. לעהרער

# סאָציאַלע גרופּירונגען און סאָציאַלע ספּערעס און זייער ווירקונג אויף אינדיווידועלע שייכות-סיסטעמען

אזוי לאַנג ווי מענטשן וועלן מיט זיך פאָרשטעלן באַזונדערע אָר־גאַניזמען, וואָס זיינען פּיזיש ניט צוגעטשעפּעט איינער צום צווייטן — און די דאָזיקע לאַגע וועט מסתמא נאָך אָנהאַלטן אַ גאַנץ היפּשע צייט — וועט זיין גאַנץ שווער צו פאָרשטיין אַ דעם איינצלנעם אי די סאָציאַלע גרופּע. קוקנדיק פון דרויסן באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז יעדער מענטש איז ניט בלויז אַן אָרגאַנישע נאָר אויך אַ פּסיכישע זעלבסשטענדיקע איינס, אַן אבסאָלוט אָפּגעזונדערטער צענטער פון אַלע זיינע פּיזישע און גייסטיקע טעטיקייטן. מיר ווייסן, למשל, אַז ראובן איז אַנדערש פון שמעון׳ען. ראובן איז ניט בלויז אַ נאָמען, אַ שפּראַכלאַכע באַקוועמלאַכקייט פאַר אַ באַשטימטן ווענד-פּונקט אין דער מענטשלאַכער וועלט, נאָר דער עיקר אַ פירמע וואָס שטעלט פאָר אַן אבסאָלוט אייגנאַרטיקן פּסיכישן פּראָדוקט וואָס האַלט שטענדיק אָן דאָס זעלביקע געשטאַלט — דעם „איך". מיר ווייסן, אַז ראובן איז אַזאַ און אַזאַ סאָרט מענטש. מיר שטעלן זיך פאָר אין פאָראויס, אַז אין געוויסע פאַלן וועט ער האַנדלען אויף אַ באַשטימטן אופן. און ווען עמיצער פרעגט ביי אונז: ווער איז עס אָט דער דאָזיקער ראובן? זיינען מיר גרייט אָפּצוגעבן אַ באַריכט אַזוי, אַז יענער זאָל וויסן מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן.

דאָס איז, אמת, בלויז אַן אויבן-אויפיקער איינדרוק. וואָרים אין קאָנקרעטער פּראַקטיק איז ראובן גאָר ניט אַזוי איינהייטלאַך, גאָרניט אַזוי פּשוט און גאָרניט אַזוי שטענדיק גלייך צו זיך אַליין. אין טאָג-טעגלאַכן לעבן ווייסן מיר, אַז ראובן איז ניט בלויז אַנדערש פון שמעון׳ען, נאָר טאַקע אויך אַנדערש פון ראובנ׳ען גופא. ער איז אַמאָל שטרענג און אַמאָל מילד, אַמאָל גרויסהאַלטעריש און אַמאָל באַשיידן, אַמאָל קאַרג און אַמאָל פרייגעביק, אַמאָל ווייך און אַמאָל קריגעריש, אַמאָל אויפגערעגט און אַמאָל געדולדיק, א. א. וו. יעדער איינער ווייס, אַז ווען עס קומט אויס צו רעקאָמענדירען אַ מענטשן פאַר אַ געוויסער ארבעט זיינען פאַראַן בלויז

אַ קליינע צאָל אייגנשאַפטן וועגן וועלכע מען פילט אַז מען קען רעדן קורץ, שאַרף און מיט באַשטימטקייט, בעת וועגן די איבעריקע זוכן מיר אָפּצוקומען מיט האַלבע ווערטער, אומבאַשטימטע מיינונגען, מיט „מער אָדער ווייניקער", מיט „עס ווענדט זיך", מיט „אַמאָל יאָ און אַמאָל ניט", און גאָר פּשוט מיט „איך ווייס ניט".

ווען מיר נעמען צוהילף אונזער אייגענע דערפאַרונג איז נאָך ערגער. מיר ווייסן, אַז אין אונז קומען כסדר פאָר קאָנפליקטן צווישן קעגנערישע פאַרלאַנגען; אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט ברירות; אַז ניט אַלע־מאָל קלייבן מיר אויס דיזעלביקע ריכטונג אין האַנדלונגען; אַז שטילערהייט זיינען מיר איצט גרייט אָפּצולייקענען וואָס מיר האָבן ערשט נעכטן גע־האַלטן פאַר גוט און ריכטיק; אַז מיר בייטן מיינונגען וועגן זיך אַליין און וועגן אונזערע נאָענטסטע; אַז מיר בעטן זיך איבער מיט געפילן, באַציאונגען, האַנדלונגען און געדאַנקען, וואָס מיר האָבן מיט אַ רגע פריער באַשלאָסן אַז זיי טאָרן קיין דריסת הרגל ניט האָבן אין אונזער לעבן; אַז מיר קענען זיך אַפילו אַליין ניט דערקענען „וואָס פון אונז איז געוואָרן"; אַז דאָס וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַלטן פאַר אַן אָביעקטיוון פאַקט — וועגן זיך אָדער אַנדערע — איז אין דער אמת'ן געווען בלויז אַן אויס־טייטשונג וואָס אַ געוויסע סיטואַציע האָט אויף אונז אַרויפגעצוואונגען. בקיצור, אויב אַ מענטש איז, ווי פּראָפעסאָר שניאורסאָן דריקט זיך אויס, אַ „פיל־געשטאַלטיקע גאַנצקייט", קען מען אָבער פון דירעקטער באַ־אָבאַכטונג באין אופן ניט אויסגעפינען וואָס עס איז די נפקא מינה צווישן דער אַנדערשקייט וואָס צווישן ראובנ'ען און שמעונ'ען און דער אַנדערש־קייט וואָס צווישן ראובנ'ען און ראובנ'ען גופא אין פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן.

דער פועל יוצא איז, אַז בעת מיר קוקן פון דרויסן און ווערן צופיל באַאיינפלוסט פון באַשטימטן און שטענדיק־זעלביקן נאָמען און אויסזען פון מענטשן, כאַפּן מיר אויף אַ פסיכישע איינס מיט אַ פעסטן און זיכערן „איך". אָבער ווען מיר פאַרטראַכטן זיך און אַנאַליזירן געשעענישן וואַרפן זיך אין אונזערע אויגן צעשוואומענע אייגנשאַפטן, האַנדלונגען, געדאַנקען און געפילן וואָס בייטן זיך לויט דעם כאַראַקטער פון סיטואַציעס אין וועלכע מיר זיינען פאַרוויקלט, און פון מענטשן מיט וועלכע מיר פירן אַן בשותפות'דיק אונזער לעבן אין דעם אָדער יענעם מאָמענט.

פונקט אַ פאַרקערטע דערשיינונג באַמערקן מיר, ווען מיר באַטראַכטן דאָס סאָציאַלע לעבן. קוקנדיק פון דרויסן זעען מיר קודם כל די איינצלנע, מענטשן פון וועלכע יעדע גרופּע ווערט צונויפגעשטעלט. מיר זעען באַזונדערע

מענטשן, יעדער מיט זיין נאָמען און זיין אויסזען, באַזונדערע באַוועגונגען, כאַראַקטעריסטישע שטימען, פאַרשידענע שפּראַכלאַכע און עמאָציאָנעלע אויסדרוקן, מיינונגען, א. א. וו. קוקן מיר אָבער אריין אינ׳ם ענין א ביסל טיפער באַקומט זיך גאָר אַן אנדער בילד. מיר ווייסן, אַז די גרופּע ביים פאַמיליען-טיש איז א גאַנץ באַשטימטע איינס, און איז אנדערש ווי די זעלביקע גרופּע אין א קאָרטן-שפּיל, אָדער אין געשעפטלאַכע פאַרהאַנדלונגען, אָדער ביי א וואַל-פאַרזאַמלונג, אָדער ביי א פאַרלעזונג.

נאָך קלאָרער ווערט דאָס, ווען מיר פאַרטיפן זיך אין אונזער אייגענער דירעקטער דערפאַרונג. מיר ווייסן, אַז אונזערע לעבנס-סטאַנדאַרטן און פּייאַיקייטן בייטן זיך לויט דער גרופּירונג אין וועלכער מיר זיינען פאַרוויקלט. דאָס געשלעכטלאַכע לעבן פון מענטשן, למשל, קען אויסגעדריקט ווערן דורך גאַסן-ווערטער, דורך פאָלקסטימלאַכע אויסדרוקן און דורך וויסנשאַפטלאַכער טערמינאָלאָגיע. אפילו דער אָפּגעהיטנסטער און מאָראַלישריינסטער מענטש וועט זיך, אין א זייער אינטימן און נאָענטן קרייז, דערלויבן אמאָל צו באַנוצן א גאַסן-וואָרט, ספּעציעל ווען עס האַנדלט זיך וועגן א וויץ. אָבער אין א גרופּירונג וואָס איז ניט אַזוי אינטים וועט ער האַלטן פאַר געמיין און מיאוס, ווען עמיצער וועט וואַגן צו באַנוצן אַזעלכע אויסדרוקן. און דאָרט וואו די פאָלקסטימלאַכע שפּראַך פּאַסט זיך אריין וועט עס קלינגען קאָמיש ווען מען וועט זיך באַנוצן מיט ריין-וויסנשאַפטלאַכער טערמינאָלאָגיע. פאַרקערט ווידער, ביי א פאַרלעזונג, אָדער ערנסטער דיסקוסיע, וועט עס קלינגען ווי צו פּראָסטאַקיש און „ניט אַם פּלאַץ“, ווען מען וועט רעדן וועגן „לעבן“ אָדער „וואוינען“ מיט א פרוי בעת „אין דער אמת׳ן“ האַנדלט זיך עס גאָר וועגן „סעקסועלע באַציאונגען“.

דאָ ליגט אייגנטלאַך די פּסיכאָלאָגיע פונ׳ם באַגריף „געלעגנהייט“, וואָס מיר באַנוצן אַזוי אָפט ווי עפּעס וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, כאָטש ריין לאָגיש גענומען איז עס שוין גאָרניט אַזוי קלאָר. קליידער וואָס פּאַסן זיך פאַר א באַל, אָדער א חתונה, וועלן אויסזען פּשוט לעכערלאַך ווען מען וועט זיי באַנוצן אויף צו גיין צו־גאַסט, אָדער אויף א שפּאַציר, אָדער ביי א פאַרזאַמלונג. יעדע געלעגנהייט האָט זיך אירע קליידער, אירע דערלויבטע און פאַרבאָטענע האַנדלונגען.

אפילו איינפאַכע פּייאַיקייטן בייטן זיך לויט גאַנץ באַשטימטע גרופּירונגען און אויפגאַבן. א געניטער קעלנער אין א רעסטאָראַן וועט אויפנעמען צען באַשטעלונגען, געדענקען יעדע פון זיי, און די מענטשן צו וועלכע יעדע געהערט. אָבער דער זעלביקער קעלנער וועט שוין גאָר ניט האָבן אַזא גוטן זכרון אַזוי שנעל ווי ער טרעט אַרויס פון זיין קעלנער-

גרופּירונג, ד. ה. ווען ער טוט אפילו די זעלביקע אַרבעט אָבער ניט פּראָפעסיאָנעל, נאָר צווישן פריינט, און זיין באַציאונג צו מענטשן ווערט אַן אַנדערע. אַ פריינט — אַ מענטש וואָס האָט אַ זעלטענעם זכרון פאַר די ביכער פון די ענינים מיט וועלכע ער גיט זיך אָפּ — איז געוואָרן אַ הויפּט־באַאַמטער אין אַ ביבליאָטעק וואָס האָט מיט זיין פאָרשונגס־פעלד גאָרניט וואָס צו טאָן. אין אָט דעם נייעם פעלד, פאַר וועלכן ער גיט אָפּ אַ סך שעה'ן יעדן טאָג, קען ער גאָר ניט זאָגן אויף אויסווייניק. דאָ ווערט ער אין גאַנצן געפירט פון קאַרטלאַך און קאַטאַלאָגן.

עס איז ניט נייטיק צו ברענגען נאָך ביישפּילן פון אַ דערשיינונג, וואָס איז יעדן פון אונז אַזוי גוט באַקאַנט. מיר זעען, אַז פּונקט ווי אַ דרויסנדיקער בליק אויפ'ן איינצלנעם מענטשן זעט אין אים אַ פעסטן און שטענדיק־זעלביקן „איך", אַזוי געפינען מיר נאָך אַ געהעריקער פאַרטיפונג אינ'ם לעבן פון אַ סאָציאַלער גרופּירונג אַ באַשטימטן און כאַראַקטעריסטישן „מיר", וואָס יעדער „איך" שפּיגלט אָפּ אין זיין פילן, האַנדלען, דענקען און לעבנס־שטייגער.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס לכתחילה האָט זיך אין דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע געוואָרפן אין די אויגן די ראָלע פונ'ם איינצלנעם און די גרופּע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מער אָדער ווייניקער מעכאַנישער צונויפקום פון פּריוואַטיקע יחידים. ווי האָבּס וויל האָבן אין זיין ווערק „לויתן", איז די געזעלשאַפט בטבע אומסאָציאַל. זי באַשטייט פון אַ צאָל איינצלנע, וואָס זיינען לויט זייערע נייגונגען אין גאַנצן פאַר זיך, און קענען בלויז זיך אַליין אין זינען האָבן. דער מענטש איז דורך און דורך עגאָאיסטיש. אַלץ וואָס ער טוט און פאַרלאַנגט איז קודם כל אַ פּראָבע צו באַשיצן דאָס אייגענע לעבן. וואָרים מען דאַרף תמיד געדענקען, זאָגט האָבּס וועגן דעם מענטשן, אַז „ווען ער פאָרט אונטערוועגנס באַוואָפנט ער זיך; ווען ער גייט שלאָפן פאַרשליסט ער די טיר; אפילו ווען ער איז אין זיין היים פאַרשליסט ער זיינע קאַסטנס; און ער טוט דאָס, כאָטש ער ווייס אַז עס זיינען פאַראַן געזעצן און מלוכה־באַאַמטע, וואָס זיינען באַוואָפנט און קענען זיך אָפּרעכענען פאַר יעדן שאָדן וואָס מען קען אים אָנטאָן." די שפּעטערדיקע אוטיליטאַריסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון פּעילי, בענטהאַם און דזש. ס. מיל, אַנטוויקלען ווייטער די פילאָזאָפיע אויף וועלכער האָבּס בויט זיין בליק וועגן דער טבע פון סאָציאַלן לעבן.

אין דער איצטיקער צייט איז דער דאָזיקער בליק שוין אין גאַנצן פאַרשוואונדן. עס ווערט אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז עס איז פאַראַן

אַ טיפער און זייער אינטימער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם „איך“ און דעם „מיר“. אונטער דער ווירקונג פון דיואי, קולי, באַלדווין, טאַמאַס, און אַנדערע, האָט מען אָנגעהויבן איינצוזען אַז עס איז אוממעגלאַך צו פאַרשטיין דעם סאַמע מעכאַניזם פון דער פערזענלאַכקייט ווען מיר באַטראַכטן אים אָפּגעריסן פון באַשטימטע סאָציאַלע גרופּירונגען.

לעצטנס האָט די עקספּערימענטאַלע מעטאָדע אַלץ מער אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, און דאָס האָט נאָך בולט'ער אַרויסגעבראַכט די ווירקונג פון געזעלשאַפטלאַכן לעבן אויפ'ן איינצלנעם מענטשן. שוין אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן דייטשישע פּסיכאָלאָגן, ווי מייער און שמידט, פּרובירט פעסטשטעלן די אונטערשיידן צווישן אַן אַרבעט וואָס מען טוט אַליין און דער זעלביקער אַרבעט ווען מען טוט זי אין פאַרבינדונג מיט אַנדערע. שפּעטער האָט מוימאַן *) דורכגעפירט אַזעלכע עקספּערימענטן אויסצוגעפינען דעם ווערט פון היים־אַרבעט פאַר שול־קינדער, וואָס יעדעס קינד טוט פאַר זיך באַזונדער, אין פאַרגלייך מיט אַרבעט אין קלאַס, ווען די אַרבעט ווערט געטאָן צוזאַמען מיט אַנדערע. אין משך פון די לעצטע פופצן יאָר האָט מען אַלץ מער און מער גענומען דורכפירן עקספּערימענטן פאַר ריין סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע צוועקן **), און עס ווייזט זיך בסדר אַרויס, אַז אין אַלע פאַלן בייט זיך דער כאַראַקטער פון פּסיכישע פונקציעס צוליב דעם ביי־זיין פון אַנדערע מענטשן און צוליב די פאַרבינדונגען מיט זיי. די ווירקונג רירט אָן אַזעלכע איינפאַכע פונקציעס ווי די שנעלקייט פון אַרבעט־פּראָצעסן, באַשטימען די אָנגענעמקייט, אָדער אומאָנגענעמקייט פון געוויסע ריחות, אָדער הנאה פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס, ביז אַזעלכע אומגעהייער קאָמפּליצירטע פונקציעס ווי עטישע אורטיילן, אָדער מיינונגען וועגן פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן.

מיט יאָרן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו עקספּערימענטירן איבער דער סאָציאַלער ווירקונג אויף דער אָפּשאַצונג פון די לענג פון ליניעס.***)

---

*) Haus- und Schularbeit.

**) F. H. Alport, The Influence of the Grouping Association and Thought, J. Exp. Psychol. 1920; H. T. Moore, The Comparative Influence of Majority and Expert Opinion on Individual Judgments, Am. Jour. Psychol. 1921; Neumann, A Study of International Attitudes of High School Students, 1926.

***) Clarke University, Report of the President and Departments, 1916, p. 49.

דער אַפּאַראַט איז באַשטאַנען פון אַ ווייסן פיר-עקיגן טאָוול. אויף דער אויבערשטער העלפט, אין צענטער פון טאָוול, איז געווען צוגעקלעפּט אַ שמאָלע שוואַרצע ליניע. אַראָפּצוצו איז געווען אַ לענגערע שוואַרצע ליניע אויף דער רעכטער זייט פון טאָוול, און נאָך אַזאַ ליניע אויף דער לינקער זייט. די דאָזיקע ביידע ליניעס זיינען געווען פאַרדעקט מיט אַ דעקל וואָס האָט זיך באַוואויגן מיט דער הילף פון שטריק און רעדלאַך אין אַ האָריזאָנטאַלער ריכטונג. די אויגאַבע איז באַשטאַנען אין אָפּציען דאָס דעקל אַזוי פיל ביז, לויט דער אָפּשאַצונג פונ'ם אויג, די אונטערשטע ליניע וועט זיין גלייך אין לענג צו דער אויבערשטער סטאַנדאַרט ליניע. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פון איין מענטשן אַליין, און דערנאָך צוזאַמען מיט נאָך איינעם. אין יעדן פאַל האָט דער עקספּערימענטער געגוי אָפּ-געמאָסטן די רעזולטאַטן פון דער אָפּשאַצונג. עס האָט זיך דערנאָך ארויס-געוויזן, אַז בעת די אַרבעט ווערט געטאָן אַליין איז פאַראַן אַ טענדענץ צו פאַרקלענערן די לענג פון דער סטאַנדאַרט ליניע, בעת די אַרבעט ווערט געטאָן פון צוויי מענטשן צוזאַמען איז די טענדענץ אַ פאַרקערטע, צו פאַר-גרעסערן די לענג פון דער סטאַנדאַרט ליניע. אויף אַן ענלאַכן אופן זיינען שפּעטער געמאַכט געוואָרן עקספּערימענטן איבער אַנדערע איינפאַכע פונקציעס, און די רעזולטאַטן זיינען געווען די זעלביקע.

כאָטש אָט די רעזולטאַטן זיינען זיכער וויכטיקע, האָב איך אָבער שפּעטער איינגעזען, אַז די גאַנצע ריכטונג פון דער דאָזיקער עקספּערימענ-טאַלער אַרבעט אַנטהאַלט אין זיך אַ פונדאַמענטאַלע באַגרענעצטקייט: עס קומט אויס אַז, ערשטנס, מוז תמיד זיין אַ זיכערע נפקא מינה צווישן אַ מענטשנ'ס פונקציעס ווען ער איז פ י ז י ש אַליין און דעמאָלט ווען ער געפינט זיך פּנים אל פּנים מיט אַנדערע; צווייטנס, אַז זיין אַליין איז מחייב עפּעס שטענדיקס און אומפאַרענדערלאַכס אין פּסיכישע פונקציעס; און, דריטנס, אַז דאָס פ י ז י ש ע בייזיין פון אַנדערע מענטשן שליסט איין אין זיך אַלץ, אָדער דעם עיקר, וואָס דער סאָציאַלער פאַקטאָר דריקט מיט זיך אויס.

אין טעאָרעטישער סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע ווערט דער דאָזיקער טעות ניט געמאַכט. די פאָרשונגען פון זיגהעלע, גוסטאַוו לע באָן, אָדער ראָס, ווייזן גאַנץ קלאָר אַז אַ גרויסער אָנגעלאָף פון מענטשן צוליב עפּעס אַ צוועק, וואָס מען וואָלט געקענט רופן אַ „המון", פאַרמאָגט אין זיך גאַנץ ספּעציעלע פאָרמען פון סאָציאַלער סטימולירונג, און סאָציאַלע אָפּרופן, וואָס זיינען לחלוטין אַנדערש איידער ביי אַנדערע געלעגנהייטן. מיט איין וואָרט, פּונקט ווי דער „איך" — בעת מיר האָבן אין זינען פּסיכאָלאָגיע

און ניט מעטאַפיזיק — איז אַ ריי פון פאַרשידנאַרטיקע מאַניפעסטאַציעס אין פאַרבינדונג מיט פאַרשידענע סיטואַציעס, אַזוי איז אויך דער „מיר“ ניט קיין שטענדיקער איינהייטלאַכער „עפּעס“, נאָר ער בייט זיך תמיד אין פאָרם פון אויסדרוק און פסיכישן צוזאַמענהאַנג לויט'ן כאַראַקטער פון דער סאָציאַלער פאַרבינדונג. און לויט דעם שטאַנדפּונקט וואָס ווערט דאָ פאַרטיידיקט רעדן מיר טאַקע וועגן דער זעלביקער זאַך בעת מיר קלייבן זיך פאַנאַנדער אין פראַגן וועגן „איך“ און „מיר“, עס ווענדט זיך בלויז אָן דעם מאָמענט וואָס מיר מאַכן פאַר דעם פּאָקוס פון אונזער אויפמערקזאַמקייט. דאָס וועט אייגנטלאַך הייסן, אַז די פאַרשידענע און קעגנגעזעצטע מאַניפעסטאַציעס פון יעדן איינצלנעם, דער „איך“ וואָס איז אין קאָנקרעטן לעבן אַ סך „איכן“, שטאַמט דערפון וואָס ער איז תמיד פאַרוויקלט אין אַ סך „מירן“.

מיר דאַכט זיך, דעריבער, אַז אַן אַנאַליז פון מענטשלאַכע האַנדלונגען אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן בכלל איז פאַרפירעריש, ווייל דעמאָלט ווערט „געזעלשאַפטלאַך לעבן“ אַן אַבסטראַקציע. וואָרים אין קאָנקרעטן לעבן איז ניט פאַראַן אַזאַ זאַך ווי געזעלשאַפטלאַך לעבן בכלל, נאָר גאַנץ באַשטימטע סיטואַציעס, יעדע מיט איר אייגנקייט און אייגנאַרטיקייט. און כאָטש סיטואַציעס זיינען פאַרבונדן צווישן זיך, און די שייכות'ן צווישן זיי געפינען זיך אויף פאַרשידענע מדרגות פון נאָענטקייט און ווייטקייט, ווערט אָבער יעדע רעגולירט פון אַן אינווייניקסטן פסיכישן מעכאַניזם, וואָס לייגט אַרויף זיין באַזונדערן שטעמפּל אויף די באַטייליקטע.

אָן אָנהייב פון אַזאַ צוגאַנג צו סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען געפינען מיר ביי טשאַרלז האָרטאָן קולי, ווען ער ווייזט אָן אויף דער וויכטיקייט פון דער „פּרימערער גרופּע“. אונטער דעם דאָזיקן טערמין פאַרשטייט קולי אַזאַ גרופּע, וואָס איר כאַראַקטער איז „אָן אינטימע פּנים אל פּנים'דיקע פאַרבינדונג און קאָאָפּעראַציע. זיי זיינען פּרימער לויט עטלאַכע אויסטייטשונגען, אָבער דער עיקר אין דעם וואָס זיי זיינען דורכאויס נייטיק כדי שאַפן די סאָציאַלע טבע און די אידעאַלן פונ'ם איינצלנעם. דער פּועל יוצא פון אינטימער פאַרבינדונג איז, פּסיכאָלאָגיש, אַ צוזאַמענשמעלצונג פון איינצלנע אין אַן אַלגעמיינער גאַנצקייט...“ *) אַזעלכע גרופּעס, לויט קולי'ן, זיינען די פאַמיליע, שכנים, אָדער חברים, מיט וועלכע קינדער שפּילן זיך. מען קען גלייך זען, אַז קולי האָט דערהויפּט אין זינען קינדער, ד. ה. די ווירקונגען פון גרופּעס אויף די סאַמע ערשטע טריט פון אינדיווידועלער מענטשלאַכער אַנטוויקלונג. רעדן מיר אָבער

*) Social Organization, Charles Horton Cooley, 1909, p. 23.

וועגן דער דערוואַקסענער געזעלשאַפט, וואו סאָציאַלע גרופּעס, מיט זייערע באַזונדערע אָפּענע, אָדער פאַרשטאַנענע, קאָדעקסן האָבן אַזאַ געוואַלטיקן איינפלוס אויפ'ן לעבן פון מענטשן, איז, פאַרשטייט זיך, שוין שווער צו־צושרייבן די גרעסטע וויכטיקייט צו יענע וואָס לעבן אין פּערזענלאַכן קאָנטאַקט.

דער אמת איז, אַז מיט'ן אויפקום פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע האָט בכלל פּערזענלאַכע נאָענטקייט פאַרלוירן דעם אַמאָליקן כוח. די קאַטוילישע קירך שאַפט אַ סך מער איינהייטלאַכקייט אין האַנדלונגען צווישן מענטשן וואָס זעען זיך קיינמאָל ניט, איידער, זאָגן מיר, אַ שטאָטישער קלוב צווישן זיינע מיטגלידער וואָס באַגעגענען זיך אַזוי אָפט און פאַרברענגען פּנים אל פּנים. אידישע און ניט-אידישע קינדער האָבן אין אַלע צייטן געמעגט ווי אָפט און ווי אינטים זיך שפּילן, אָבער ביידע זיינען פונדעסטוועגן געבליבן גלידער פון לעבעדיקע סאָציאַלע אָרגאַניזמען מיט באַזונדערע נאָרמען און לחלוטין אַנדערע לעבנס-שטייגערס. פאַרשידענע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, סעקטעס, אָרדנס, און אַנדערע וויית-פאַרצווייגטע סאָציאַלע גרופּעס האָבן אַרויסגעוויזן ריזיקע כוחות אין צוזאַמענהאַלטן מיליאָנען מענטשן פון אַ סך ווינקלען פון דער ערד, אָן שום פּערזענלאַכן קאָנטאַקט. אין דער איצטיקער צייט איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַ זעלטענער ביישפּיל פון דער זעלביקער דערשיינונג.

טאָמאַס גיט אָן אַנדער דערקלערונג וועגן פּרימערע גרופּעס, שוין מער אין הסכם מיט דער איצטיקער צייט. די אַלע נאָרמען און קאָדעקסן, אַרויסגעצוואונגענע אָדער פרייוויליקע, וואָס אַ געזעלשאַפט נעמט אָן, רופט ער אָן „דעפיניציעס". יעדע געזעלשאַפט דעפינירט, אָדער גיט אַרויס איר משפט וועגן דער ריכטיקייט, אָדער אומפּאַסיקייט פון געוויסע האַנדלונגען אין געוויסע סיטואַציעס. דאָס זיינען סיסטעמען פון אומגעשריבענע פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע כללים, וואָס רופן אַרויס די ווערטער און עפּיטעטן פון לויב אָדער פאַרוואָרף פאַר די מיטגלידער פון אַ גרופּע. אָנווייזנדיק אויף אָט דעם באַקאַנטן פאַקט, זאָגט טאָמאַס: „מיר זיינען געוואוינט אָנצורופן „פּרימערע גרופּעס" יענע געזעלשאַפטן, וועלכע, דורך קרובה'שאַפט, אָפּגעזונדערטקייט, פרייוויליקע צוגעבונדנקייט צו געוויסע סיסטעמען פון דעפיניציעס, פאַרשאַפן זיך אַן עמאָציאָנעלע איינשטימיקייט צווישן זייערע מיטגלידער." *) ווי ביישפּילן פון אַזעלכע פּרימערע גרופּעס

*) W. I. Thomas, The Persistence of Primary Group Norms In Present Day Societies, etc., Suggestions of Science Concerning Education, 1917, p. 171.

רופט ער אָן דעם המון, די געשוואָרענע ריכטער, די סלאַוואָנישע „זאדרוגא“, דעם אַלטן רוסישן „מיר“ און דעם פּרימיטיוון „שבט“. די אַלע גרופּעס זיינען נאַטירלאַך גאַנץ פאַרשידן אין כאַראַקטער, אָבער ביי טאַמאַס'ן ווערן זיי פאַראייניקט דורך דער אייגנשאַפט פון „עמאָציאָנעלער איינשטימיקייט“.

אזא ברייטע דעפיניציע פון דער פּרימערער גרופּע שוואַכט אָבער אין גאַנצן אָפּ איר וויכטיקייט ווי אַ באַשטימטער פאַקטאָר אין סאָציאַלן לעבן. וואָרים „עמאָציאָנעלע איינשטימיקייט“ זאָגט אונז צו ווייניק, דער עיקר איז דער כאַראַקטער פון די עמאָציעס וואָס די גרופּע איז בכוח אַרויס-צורופן, זייער דויערנדיקייט און דער איינגעשטעלטער מעכאַניזם זיי צו קאָנטראָלירן. אָן אָנגעלאָפענער עולם אין גאַס, אַ המון, קען אָפּטאָן שרעק-לאַכע זאַכן, אָבער סוף כל סוף איז דאָס אַ צייטווייליקע פאַרבינדונג, און געזעלשאַפטלאַך על פּי רוב צעשטערעריש, ווייל ער טראָגט אין זיך ניט קיין מער אָדער ווייניקער אָרגאַניזירטע פאָרמען פון קאָנטראָל. ווי קען מען אזא צופעליקע גרופּע פאַרגלייכן מיט דעם שטענדיקן קלאָרן כאַראַקטער און איינגעשטעלטע דרכים פון אַ שבט? עטלאַכע אילוסטראַציעס וועלן קלאָר מאַכן דעם דאָזיקן פּונקט. דער מנהג פון פאַרברענען לעבעדיקע אַלמנות אויף די קברים פון זייערע מענער איז שוין כמעט אין גאַנצן אויסגעראָט אין אינדיען. אָבער עס האָט גענומען דער ענגלישער רעגירונג צענדליקער יאָרן ביז זי האָט דאָס געקענט באַווייזן. אזא פרוי ווערט אָנגערופן סאַטי, פון אַן ענלאַך וואָרט אין סאַנסקריט וואָס דער טייטש דערפון איז אַ „געטרייע פרוי“. ווען לאָרד וויליאַם בענטינק האָט אין 1882 דורכגעפירט אַ געזעץ וואָס פאַרבאָט דעם דאָזיקן שרעקלאַכן מנהג האָבן 18000 מענטשן, צווישן זיי די בכבוד'סטע פאַמיליעס פון קאַל-קוטאַ אונטערגעשריבן אַ פּעטיציע וואָס בעט מען זאָל דערלויבן דעם דאָזיקן איינפיר. דאָס דערמאָנט אָן דעם ביטערן קאַמף פון די ערשטע קריסטן אין רוים אונטערצוברענגען די גרויזאַמע גלאַדיאַטאָרן פאַרשטע-לונגען. און עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז זיי האָבן דאָס דער-גרייכט. קיד דערציילט וועגן די קאַפירן, אַז ווען אַ קינד ווערט אַלט צען טעג, קלייבט מען אויס אַ פּלאַץ לעבן אַ בוים, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַ בליץ, מען גראָבט אויס אַ גרוב לעבן וואָרצל פון בוים און מען לייגט אהין אַריין דאָס קינד. די מוטער קייט געוויסע קרייטעכצער און שפּייט זיי אויפ'ן קינד. דערנאָך טרעט זי אָפּ אויף אַ געוויסן שטח, און גייענדיק טאָר זי זיך ניט אומדרייען, מעג דאָס קינד ווי שטאַרק שרייען. נאָך אַ קורצער ווײַלע קערט זי זיך אום, נעמט אַרויס דאָס קינד פון גרוב, און פילט זיכער אַז זי האָט אַריינגעגאָסן קוראַזש אין קליינעם הערצל.

אין דער מיטלאַלטער ווען עמיצער איז געוואָרן אַ מאָנאַך האָט ער געמוזט אוועקגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און זיך אָפּזאָגן פון רעכט אויף ירושה. אפילו צו האַלטן אַ בריוו ווי זיינס אַן אייגענע זאַך האָט ער גדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש. אים איז געווען פאַרווערט צו האָבן אייגענע מיינונגען וואָס ווערן ניט געשטיצט פון זיינע עלטסטע. ער האָט ניט געקענט באַשטימען וואָס עס זאָלן זיין זיינע אינ-טערעסן, אָדער ווי אַזוי צו פאַרטיילן זיין צייט. אַלץ אין לעבן, אפילו אומוויכטיקע קלייניקייטן, איז געווען אַרומגערינגלט מיט כללים און געבאָטן און מצוות און עבירות.

אין טייל מאָנאַסטישע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אינגאַנצן פאַר-באָטן צו ריידן. אין אַזעלכע פלעצער פלעגן די מאָנאַכן אויסדריקן זייערע פאַרלאַנגען דורך צייכנס. ווען עמיצער האָט למשל געוואָלט אַ רעליגיעז בוך האָט ער עס אָנגעוויזן דורך אויסשטרעקן זיין האַנט און מאַכן אַ באַוועגונג אַזוי ווי ער וואָלט געמישט די בלעטער פון אַ בוך. אָבער אויב ער האָט געוואָלט אַ בוך פון די רוימישע אָדער גריכישע קלאַסיקער, האָט ער עס געדאַרפט אויסדריקן דורך מאַכן אַ באַוועגונג פון אַ הונט בעת ער קראַצט זיך דאָס אויער. אויף אַזאַ'ן אופן זיינען דורך אָט די שטומע צייכנס אויסגעדריקט געוואָרן די פאַרלאַנגטע און אָנגענומענע באַציאונגען צו רעליגיעזע און וועלטליכע ביכער.

אַזעלכע טיף-איינגעוואָרצלטע, ווייט-פאַרשפּרייטע און לאַנג-דויערנ-דיקע אופנים פון אָפּרופן זיך אויף כסדר'דיקע לעבנס-סיטואַציעס קענען ניט אוועקגעשטעלט ווערן אויף איין ברעט מיט'ן צופעליקן אויפברויז פון אַ המון, אָדער לייכט-פאַרבייגייענדיקע „עמאָציאָנעלע איינשטימיקייט" פון אַ גרופּע געשוואוירענע ריכטער. אויב מיר האָבן אין זינען דאָס קאָנקרעטע לעבן פון מענטשן און ווילן פאַנאַנדערטיילן די גרעסערע און קלענערע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אין די דאָזיקע פּראָצעסן דעמאָלט קען מען ניט אוועקשטעלן אויף דער זעלביקער זייט פון דער קלאַסיפיקאַציע אַזעלכע ריזיקע פאַקטאָרן ווי „שבט" צוזאַמען מיט זעלטענע און קורץ-דויערנדיקע גרופּעס.

אָבער מען מוז מודה זיין, אַז דער עצם פאַרזוך צוצוגיין צו דער פראַגע פון שטאַנדפּונקט פון עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלאַכע נאָרמען איז אַ וועג וואָס אַנטהאַלט אין זיך גרויסע הבטחות. מען קען דאָס באַין אופן ניט זאָגן וועגן דער מעטאָדע וואָס זוכט אַ באַגרעניצטע צאָל

אינסטינקטן, טענדענצן אָדער פאַרלאַנגען און וויל דורך זיי דערקלערן די אומגעהויערע קאָמפּליקאַציעס פון סאָציאַלע פּראָצעסן. מעקדוגל רעכנט אויס זיבן פּרימערע אינסטינקטן און די אייגענע צאָל פּרימערע עמאָציעס מיט וועלכע זיי גייען צוזאמען. טאָמאַס רעדוצירט עס צו פיר פאַרלאַנגען און מאַכט פּלאַץ פאַר נאָך אַ וויי‌טערער רעדוקציע צו הונגער און סעקס. דאַנלאַפּ געפינט, אַז עס זיינען פאַראַן ניין פונדאַמענטאַלע באַגערן אויף וועלכע סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע דאַרף זיך שטיצן. דער איבערגאַנג פון אינסטינקטן צו פאַרלאַנגען איז געמאַכט געוואָרן אונטער פרויד'ס איינפלוס. אָבער דער עצם פאַרזוך צו געפינען אַ קליינע צאָל הויפּט-מאָטיוון, כאָטש פון גרויסן טעאָרעטישן ווערט, האָט דעם חסרון וואָס ער שטרייכט אונטער ענלאַכקייטן דאָרט וואו די אונטערשידן זיינען אָן אַ שיעור וויכטיק אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

פּשיבישעווסקי באַמערקט ערגעץ, אַז אין סעקסועלן לעבן איז פאַראַן אַ קנאַפּער אונטערשיד צווישן מענטשן, מעגן זיי אפילו געהערן צו די פאַרשידנסטע סאָציאַלע קלאַסן און זיין אומגעהייער וווייט איינער פון צווייטן אינטעלעקטועל. ווען אַ פּויער קומט אהיים און טרעפט זיין פרוי מיט אַ פרעמדן מאַן, וועט ער אים אויספּאַטשן און ארויסוואַרפן. ווען דאָס זעלביקע זאָל טרעפן מיט אַן אריסטאָקראַט וועט ער זיין געשלעכט-קאָנקורענט ארויסרופן אויף אַ דועל. איןביידע פאַלן איז דער פּסיכישער אינהאַלט דער זעלביקער: אַ פאַרלאַנג צו דערווייטערן דעם פרעמדן מאַן. דער אונטערשיד ליגט בלויז אין דער פאָרם אין וועלכער דער פאַרלאַנג דריקט זיך אויס. אין דער אמת'ן איז אָבער דאָ די פאָרם אַ סך וויכטיקער ווי דער אינהאַלט. וואָרים דער חילוק איז דאָך ניט בלויז אין דעם וואָס אין ערשטן פאַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ קריגעריי, און אין צווייטן פאַל — מיט אַ האַנדלונג וואָס קען זיך ענדיקן מיט מאָרד — שוין גאָר ניט קיין קליינע נפקא מינה — נאָר דער עיקר אין דעם וואָס אין צווייטן פאַל ווערט אויפגעהאַלטן אַ גאַנץ באַשטימטע אינסטיטוציע, אַ געזעלשאַפטלאַכער איינפיר — דועלירן — וואָס גיט דעם צוזאַמענלעבן פון מענטשן גאָר אַן אַנדער אויסזען. עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז אין פּשיבישעווסקי'ס ביישפּיל האַנדלט זיך עס וועגן „געשלעכט" אין ענגן זינען פון וואָרט. דאָ זיינען פאַרוויקלט אַזעלכע שפּראַ-צונגען פון סאָציאַלער אַנטוויקלונג ווי מאָנאָגאַמיע, פאָרמען פון באַציאונגען צווישן די געשלעכטער, רעכט פון אַ מאַן, סטאַטוס פון פרוי, דערלויבטע אָדער געוואונטשענע האַנדלונג בנוגע ליבע-קאָנקורענטן, דועלירן. און ווען מען זאָל גענוי באַשרייבן אַזאַ פאַל וואָלט מען זיכער אויסגעפונען

נאָך אַ סך איינצלהייטן פון ריין סאָציאַלן אָפּשטאַם וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן.

ווען מען זאָל דאָס אַלץ רעדוצירן צו געשלעכטלאַכע פאַרלאַנגען וועט מען דערמיט זיכער אויסדריקן אַ געוויסן אמת. עס וועט אָבער זיין אַן איינזייטיקער און אַבסטראַקטער קוק אויף דעם ענין וואָס פאַרשטעלט מער ווי ער דעקט אויף. וואודוואוירט באַמערקט ריכטיק, אַז מען קען ניט דערקלערן קיין טעטיקייט דורך פעסטשטעלן די אינסטינקטיווע שטראָמען וואָס האָבן געטריבן צו איר. ווייל יעדע טעטיקייט, אין משך פון איר אָנגאַנג, רופט ארויס נייע מאָטיוון וואָס טרייבן זי ווייטער און אַלץ נייע ריכטונגען. אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן באַמערקט מען דאָס אויף שריט און טריט. אויב די לכתחילה׳דיקע אינסטינקטיווע שטראָמען וועלן אויפגעפּאַסט ווערן ווי דער „אינהאַלט“, און די קאָנקרעטע האַנדלונגען ווי די „פאָרמען“, דעמאָלט מעג מען זאָגן אַז אין געזעלשאַפטלאַכן לעבן האָבן מיר צו טאָן ניט אַזוי ווייט מיט „אינהאַלט“ ווי מיט „פאָרם“.

מחמת די דאָזיקע סיבות איז וויכטיק צו באַטראַכטן די סאָציאַלע גרופּע דירעקט, פון שטאַנדפּונקט פון אירע איצטיקע נאָרמען, לעבנס-אופנים און די ספּעציעלע האַנדלונגען וואָס זי רופט ארויס ביי אירע מיטגלידער. דאָ זעען זיך ארויס גרויסע מעגלאַכקייטן פאַר עקספּערי-מענטאַלע פאָרשונגען, ממילא פאַרדינט דער דאָזיקער צווייג פון סאָציאַל-פּסיכאָלאָגיע מען זאָל אויף אים לייגן גרויסע האָפנונגען.

ווען עס וועלן זיך אָנזאַמלען רעזולטאַטן פון אַזעלכע עקספּערימענ-טאַל אַרבעטן, און מאַטעריאַלן פון פאָרשונגען איבער די באַזונדערע כאַ-ראַקטער-שטריכן פון סאָציאַלע גרופּעס, וועט מען קענען בויען אַ קלאַ-סיפיקאַציע פון סאָציאַלע איינסן לויט אינווייניקסטער טבע, לויט איינ-פלוס אויף׳ן ארומיקן לעבן, און לויט די פּסיכישע כאַראַקטער-שטריכן וואָס יעדע איינס רופט ארויס אין לעבן פון אירע איינצלנע מיטגלידער. ביז דעמאָלט וועט די קלאַסיפיקאַציע מוזן זיין אַ דערווייליקע און אַן אַלגעמיינע. אָבער שוין איצט לאָזט זיך באַטראַכטן יעדע גרופּע אין ליכט פון אַן אַלגעמיינער סקאַלע וואָס ציט זיך פון באַשטימטע, ווייט-גרייכנדיקע, קלאָרע און דויערנדיקע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן, ביז אַזעלכע וואָס זיינען צעשוואומען, רירן אָן בלויז אויבערפלעכלאַכע האַנדלונגען פון׳ם איינצלנעם, בייטן זיך אָפט אין גרעסערע אָדער קלענערע פּרטים, און די גאַנצע צוזאַמענדיקייט איז מער צופעליק און האָט ניט קיין לאַנגן אָנהאַלט. ביים אונטערשטן ברעג פון דער סקאַלע האָבן מיר צו טאָן מיט אַ קיבוץ וואו יעדער מיטגליד האַלט זיך פאַר באַוואוסטזיניק אָנגע-

שלאָסן אַז אים און איז גרייט צו טראָגן אַלע קאָנסעקווענצן פון אָט דעם סאָרט מיטגלידערשאַפט. ביים אויבערשטן ברעג איז שוין אַזאַ באַוואוסט-זיניקייט ניטאָ, בכלל ניטאָ קיין געפיל פון אָנגעשלאָסנקייט, פון אינטי-מער אָנגעהעריקייט, און דער וועג איז פריי זיך אויסצושליסן ביי דער ערשטער געלעגנהייט. מיר וועלן די ערשטע אָנרופן „סאָציאַלע גרופי-רונג", און די צווייטע „סאָציאַלע ספערע".

א שבט, א קלאַן, א „געהיימע געזעלשאַפט" אין דער פרימיטיווער וועלט, וועלכע וועבסטער האָט אַזוי קלאָר באַשריבן אין זיין בוך מיט'ן זעלביקן נאָמען, דאָס זיינען כאַראַקטעריסטישע גרופּירונגען. זייערע „דע-פיניציעס" — אין טאַמאַס'עס זינען פון וואָרט — שפּרייטן זיך אויס אויף כמעט אַלע ווינקעלאַך פון פּערזענלאַכן און געזעלשאַפטלאַכן לעבן. זיי שאַפן פּאַרטיקע סטאַנדאַרטן פאַר כמעט אַלע מעגלאַכע אינטערפּרעטאַציעס פון „גוט" און „שלעכט". יעדער מיטגליד פילט, אַז שום איבערלייגונג, אַז אַלע געבאָטן און פאַרבאָטן טראָגן אין זיך א זעלבסטפאַרשטענדלאַכע ריכטיקייט און גילטיקייט, און אַז יעדער וואָס צווייפלט אין דעם איז א פּערזענלאַכער שונא. אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט איז אַזאַ גרופּירונג די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציע, דער געהיימער אָרדן, אין א סך פאַלן די פאַמיליע, און אין געוויסע פאַלן די פּאָליטישע פּאַרטיי.

די סאָציאַלע ספערע לייגט ניט ארויף אַזאַ שווערע משא פון דויערנ-דיקער און פילזייטיקער צוגעבונדנקייט. אָבער אויך זי אַרבעט אויס געוויסע נאָרמען פון האַנדלונגען, דענקען און פילן. עס זיינען פאַראַן ספּעציעלע פאָרמען פון אויפפיר וואָס זיינען פּאַסיק פאַר'ן טעאַטער, פאַר שפּאַצירן אין גאַס, און בכלל פאַר פלעצער וואו מענטשן קומען זיך צופעליק צונויף פאַר געוויסע צוועקן. פאַר פרויען איז די מאָדע אויך א כאַראַקטעריסטישע סאָציאַלע ספערע. יעדע סאָציאַלע ספערע טראָגט אין זיך איר אייגענעם אומגעשריבענעם פּסק דין וועגן „שיין" און „מיאוס", וועגן דעם וואָס עס זאָל באַטראַכט ווערן פאַר „אָנשטענדיק", און וואָס מען דאַרף האַלטן אַז עס איז „געמיין". די טעמעס פון שמועסן ווען מען טרעפט זיך צוזאַמען אין וואַגאָן, אָדער אויף א זומער-פּלאַץ, זיינען גאַנץ אַנדערע ווי די שמועסן ביים רעסטאָראַן-טיש, אָדער אין א געזעלשאַפט פון פריינט. דאָ זיינען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן אונטערשידן אין סטאַנדאַרטן וואָס יעדער ברענגט מיט זיך פון די סאָציאַלע גרופּירונגען מיט וועלכע ער איז פאַר-בונדן פון פריער.

גרופּירונגען און ספערעס — יעדע אָרגאַניזירט די פאַרשידענע אופנים אויף וועלכע די איינצלנע מיטגלידער זאָלן זיך אָפּרופן אויף אַרומיקע

סיטואַציעס. מיר האָבן סיסטעמען פון אויפנעמען געסט, פון באַקענען זיך מיט מענטשן, פון מאַניערן ביים טיש, פון אָפּגעבן כבוד צו עלטערע מענטשן און פרויען, פון באַגעגענען זיך מיט קליינע קינדער, פון אויסדריקן באַזאָרגטקייט וועגן ווייב, קינד, פריינט און באַקאַנטע, פון ווערטער, מעשות, וויצן באַמערקונגען און שפּראַכלאַכע ווענדונגען וואָס מיר האַלטן פאַר פּאַסיק פאַר פאַרשידענע געלעגנהייטן, — בקיצור, די אופנים אויף וועלכע מיר רופן זיך אָפּ אויף אַרומיקע געשעענישן זיינען אָרגאַניזירט, זיי זיינען אָפּרוף־סיסטעמען, און זיי זיינען צוגעפּאַסט צו די פּאַסירונגען וואָס זיינען אויך אָרגאַניזירט אין סיסטעמען, גאַנצקייטן, געלעגנהייטן, אָדער ווי מען רופט זיי: סיטואַציעס.

דער זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט־כאַראַקטער פון אָפּרוף־סיסטעמען ווערט אונז נאָך קלאָרער ווען אַ מענטש פּרובירט אַמאָל אָפּצופרעגן די סיסטעמען פון אַ גרופּירונג מיט וועלכער ער איז ניט געניט אינטים פאַרבונדן. אַזאַ מענטש וועט אָפט ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מען דאַרף ציען דעם הוט פאַר אַ דאַמע, אָדער פאַרוואָס מען דאַרף זאָגן „פרייט מיך אייך צו קענען", ווען מען שטעלט אונז פאָר אַ נייעם מענטשן. אָבער פאַר אים בלייבט דאָך אַבסאָלוט קלאָר פאַרוואָס מען דאַרף זאָגן „אַנטשולדיקט" ווען מען טרעט עמיצן אָן אויפ'ן הינער־אויג, אָדער פאַרוואָס מען דאַרף זאָגן „אַ דאַנק" ווען מען טוט אונז אַ טובה, אָדער פאַרוואָס מען דאַרף ענטפערן „ניטאָ פאַרוואָס" ווען מען דאַנקט אונז, אָדער פאַר וואָס עס איז ניט שיין צו טראָגן אַ קאָלנער אָן אַ קראַוואַט. אַזאַ מענטש וועט מסתמא אויך האַלטן פאַר קלאָר און ריכטיק פאַרוואָס „אַנטשולדיקט" איז היינטוועלטיק און מאָדערנע, בעת „זייט מוחל" איז אַלטפרענקיש און ניט פּאַסיק פאַר אַ מענטשן וואָס לעבט אין דער ספערע פון איצטיקער קולטור.

גרופּירונגען און ספערעס אָרגאַניזירן אונזערע אָפּרופן, שאַפן פון זיי סיסטעמען צוגעפּאַסט צו סאָציאַלע סיטואַציעס. ביידע צוזאַמען — אָרגאַניזירטע אָפּרופן און סיטואַציעס — טרעטן אויף אין אונזער לעבן ווי גאַנצקייטן, ווי סיסטעמען וואָס זייערע אינווייניקסטע שייכות'ן פלעכטן זיך צונויף אין איין געוועב. זיי ווערן שייכות־סיסטעמען מיט וועלכע מיר אָפּערירן דורכ'ן גאַנצן לעבן. און עס איז ניט נויטיק אַז מיר זאָלן דווקא זיין צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן. די שייכות־סיסטעמען זיינען אָרגאַנישע טיילן פון אונזער פּסיכישן צונויפשטעל, און דאָס מאַכט אונז פאַר פּונקט אַזעלכע סאָציאַלע באַשעפענישן אפילו ווען מיר זיינען פיזיש אַליין. זיכער האָט פיזישע אָפּגעזונדערטקייט אַ ווירקונג אויפ'ן כאַראַקטער פון האַנד-

לונגען. די ווירקונג איז אזא, אז געוויסע שייכות-סיסטעמען האָבן דעמאָלט מער שאַנסן צו פאַרנעמען דעם פראָנט פון פסיכישן לעבן איידער אַנדערע. אָבער מיר זיינען ניט תמיד די זעלביקע בעת מיר זיינען אַליין, ווייל זיין אַליין איז ניט קיין פעסט-באַשטימטער פאַקטאָר. עס קען ארויסרופן דעם פסיכישן איינפלוס פון פאַרשידענע גרופּירונגען און פאַרשידענע ספערעס. עס ווייזט אויס, אז אַט די שייכות-סיסטעמען האָבן זייערע טיפע וואָרצלען אין דער פונקציאָנעלער אָרגאַניזאַציע פון אונזער נערוון-סיסטעם. דעריבער איז מעגלאַך, אז אפילו איינפאַכע פייאיקייטן זאָלן זיך בייטן סיי אין אינטענסיוויטעט, סיי אין פאָרמען פון די אַרויסגעבראַכטע פּראָדוקטן ווען פאַרשידענע שייכות-סיסטעמען זיינען פאַרוויקלט.

אין אַן אַרטיקל וועגן וואַכטאַנגאָוו'ן גיט איבער דער אַקטיאָר מיכאַאיל טשעכאָוו אַזאַ כאַראַקטעריסטיק: „שפּילנדיק מיט מיר אין ביליאַרד האָט ער דעמאָנסטרירט פאַר מיר די וואונדערלאַכע פייאיקייט, דאָס קענען ו ו י י ז ן. מיר האָבן ביידע ניט איבעריק גוט געקענט שפּילן, און גאַנץ זעלטן געטראָפן אין ציל מיט אונזערע באַלן. נאָר אָט האָט וואַכטאַנגאָוו געזאָגט: „איצט וועל איך דיר אָנהויבן ווייזן ווי מען דאַרף שפּילן אין ביליאַרד." און פּסיכאָלאָגיש איבערנעמענדיק זיך מיט דער נייער ראָלע, האָט ער לייכט און מייסטעריש געטראָפן נאָכאַנאַנד מיט דריי אָדער פיר באַלן. דערנאָך, ווען ער האָט פאַרענדיקט דעם עקספּערימענט פון ווייזן, האָט ער ווידער געשפּילט ווי געוויינטלאַך, גאַנץ שוואַך." און טשעכאָוו דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס „דער פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד פון אַ מענטשן איז גאַנץ אַנדערש ווען ער ווייזט יענעם און ווען ער טוט אַליין עפּעס אַ זאַך. דער מענטש וואָס ו ו י י ז ט, ווערט זיכערער, באַקומט אַ געוויסע לייכטקייט און טראָגט ניט די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט ווי יענער וואָס טוט די זאַך. דעריבער איז ב אַ ו ו י י ז ן אַ סך גרינגער ווי טאָן, און עס גיט זיך כמעט שטענדיק איין. וואַכטאַנגאָוו האָט פאָלקאָם באַזעסן די פּסיכאָלאָגיע פון ווייזן." *) ווען מיר זיינען מוחל טשעכאָוו'ן פאַר וועלן אונטערשטרייכן אז דעם אַקטיאָר'ס עובדא (דאָס טאָן) איז אַ גע-הויבענערע איידער דעם רעזשיסער'ס (דאָס ווייזן), ליגט אַ טיפער אמת אין דער גאַנצער באַאָבאַכטונג. ווייזן און טאָן, כאָטש אין ביידע פאַלן טוט מען די זעלביקע זאַך, זיינען טעטיקייטן וואָס האָבן אַ שייכות צו באַזונדערע גאַנץ באַשטימטע גרופּירונגען, און יעדע פון זיי איז געבונדן מיט גאַנץ אַנדערע שייכות-סיסטעמען. דער אַקטיאָר וואָלט געהאַט ניט ווייניקער

*) „ליטעראַרישע בלעטער", 1928, נומ. 42.

שוועריקייטן ביים „ווייזן", ווי דער רעזשיסער ביים „טאָן". די סיסטעמען זיינען געוואַלטיק קאָמפּליצירט און לאָזן זיך אזוי איינפאַך ניט דערקלערן. אָבער קלאָר איז, אַז אַזאַ ענדערונג אין פּייאַיקייטן איז זייער מעגלאַך צוליב דער ענדערונג אין די שייכות-סיסטעמען. די פריערדיקע ביישפּילן וועגן דעם קעלנער און דעם ביבליאָטעקאַר קענען דערקלערט ווערן אויך אויפ'ן זעלביקן אופן.

אַ זייער באַגאַבטער לערער — וואָס איז באַקאַנט פאַר זיינע פּעדאַגאָגישע פּייאַיקייטן, פאַר זיין געדולד און פאַר זיין טאַקט און אומגיין מיט קינדער — דערציילט מיר, אַז אים האָט זיך קיינמאָל ניט איינגעגעבן דורכצופירן אַ רואיקע לעקציע מיט זיין אייגן קינד, ווען ער וויל אים פאַרלייכטערן די אַרבעט אין סקול. ביי זיין אייגן קינד פאַרלירט ער שנעל זיין געדולד, בייזערט זיך אויף אַן אומגערעכטן אופן און פאַרוואַנדלט זיך בכלל אין אַן אַלטפרענקישן מלמד. פאַראַן רעדנער וואָס זיינען תמיד וויציק אין פּריוואַטע שמועסן, אָבער האָבן גרויסע שוועריקייטן זיך צו דערטראַכטן אפילו צו אַ וויציקער באַמערקונג אין אַן עפנטלאַכער רעדע. דער פאַרלאַנג צו דערציילן גראָבע וויצן אין אַן אינטימער סביבה איז ביי טייל מענטשן פּשוט אַ קרענקלאַכע געוואוינהייט, אָבער זיי וועלן זיך האַלטן אין די ריכטיקע גרענעצן ווען זיי געפינען זיך אין אַ ברייטערן קרייז, אָדער אין אַ קרייז מיט וועלכן זיי זיינען ניט אינטים פאַרבונדן. די געוואוינהייט ווערט אזוי שטרענג געהאַלטן בלויז פאַר עטלאַכע אינטימע פריינט, אַז אַנדערע מענטשן וועלן קיינמאָל ניט וויסן און זיך אפשר ניט פאָרשטעלן, אַז „אָט אָ דער" קען באַנוצן אַזעלכע רייד, אָדער דערציילן אַזעלכע וויצן.

איך האָב אַנומלטן באַגעגנט אַ פריינט און אים איבערגעגעבן די נייס פון דער צייטונג, אַז עס איז פאָרגעקומען אַן אויפרייס אין אַ שפּיטאָל און אַ סך קראַנקע האָבן פאַרלאָרן זייערע לעבנס. דער מענטש איז ממש דערשיטערט געוואָרן פון דער טרויעריקער בשורה. זיין ערשטע פראַגע איז געווען: „אין וועלכן שפּיטאָל?" פון זיין טאָן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט ניט צו פרעגן בלויז „אין וועלכן שפּיטאָל", נאָר „אין וועלכן שפּיטאָל אין ניו יאָרק". איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס אומגליק האָט געטראָפן ניט אין ניו יאָרק נאָר אין קליוולאַנד. גלייך האָט זיך זיין פּנים געביטן, די שאַרפקייט פון דער דערשיטערונג איז פאַרשוואונדן. כאָטש ווי איך האָב באַלד אויסגעפונען האָט ער ניט געהאַט די מינדסטע אורזאַך צו גלויבן, אַז עמיצער פון זיינע פריינט אָדער באַקאַנטע געפינט זיך אין אַ ניו יאָרקער שפּיטאָל. די ווערטער „ניו יאָרק" און „קליוולאַנד"

האָבן ארויסגערופן צוויי באַזונדערע שייכות־סיסטעמען, מיט גאַנץ באַזונדערע עמאָציאָנעלע באַציאונגען, און דער אַלגעמיינער איינדרוק פון „נאָענטקייט" און „ווייטקייט" האָט געשאַפן די פאַרשידנקייט אין די אופנים פון אָפרופן זיך אויף זיי.

ווען מיר באַגעגענען זיך מיט סיטואַציעס, פאַר וועלכע מיר האָבן ניט קיין איינגעשטעלטע שייכות־סיסטעמען, ווערן מיר אינטעלעקטואַליסטיש, האָבן אַ טענדענץ צו אַנאַליזירן, און באַנעמען דערשיינונגען מיט דער הילף פון דעטאַלע לאָגישע פּראָצעסן. דער פּריערדיקער ביישפּיל פון אַ מענטשן וואָס קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס מען דאַרף זאָגן „פרייט מיך אייך צו קענען" ווען מען טרעפט זיך מיט אַ נייעם פריינט, איז אַ גוטע אילוסטראַציע. יענער אַנאַליזירט די ווערטער לויט זייער בוכשטעבלאַכן טייטש, אַנאַליזירט די סיטואַציע פון פאַרשטעלן אַ נייעם פריינט, און געפינט אויס, אַז מען לעבט ניט איבער אין אַזעלכע מאָמענטן דאָס געפיל פון „פרייד". ממילא קומט ביי אים אויס, אַז מען זאָגט „עס פרייט מיך" בלויז אויף אָפּצונאַרן, מען וויל יענעם איינרעדן אַז מען פרייט זיך, ווען אין דער אמת'ן איז גאָר קיין פרייד ניטאָ. די דאָזיקע אינטעלעקטואַליסטישע טענדענץ, וואָס איז אַ ברכה אין מענטשלאַכן דענקען, איז אָבער בלויז פאַרפירעריש ווען זי ווערט אָנגעווענדט אויף שייכות־סיסטעמען פון גרופּירונגען אין וועלכע מען איז אַליין ניט אַריינגעפלאָכטן. דער עצם פאַרזוך צו אַנאַליזירן און אויפפאַסן ווערטער לויט זייער בוכשטעבלאַכן טייטש איז אין דעם פאַל אין גאַנצן פאַלש. אַ שייכות־סיסטעם איז אַ גאַנצע זאַך, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, און פאַרלירט דאָס לעבן, דעם אינווייניקסטן זינען, ווען מען נעמט זיך פאַר דער פּראָצעדור פון פּאַלמעסן. פּונקט אַזוי איז פאַלש די טענה פון געוויסע אַפּיקורסים, אַז פאַר פרומע לייט איז גרינג זיך מקריב צו זיין פאַר זייער גלויבן, ווייל זיי ווייסן אַז וואָס מער זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון עולם הזה אַלץ מער וועלן זיי באַקומען עולם הבא. יעדער איינער פון די דאָזיקע אַפּיקורסים האָט מסתמא געהאַט פרומע טאַטע־מאַמע, און אַ ביסל נאָכטראַכטן וועגן דעם ענין וואָלט זיי געדאַרפט איבערצייגן אַז זייערע עלטערן זיינען ניט געווען אַזעלכע געניטע בעלי חשבונות און האָבן ניט געוואוינגן און געמאָסטן וויפיל שור הבר, לויתן, און יין המשומר זיי וועלן באַקומען פאַר יעדער מצוה. דאָס איז אַן אויסגעצייכנטער ביישפּיל, צו וואָסערע לעכערלאַכקייטן מען קען קומען ווען מען באַטראַכט שייכות־סיסטעמען אין ליכט פון לאָגיש־דערגרייכטע רעזולטאַטן. אין אַ סך פאַלן איז די דאָזיקע מיינונג פון אַפּיקורסים אויך ניט קיין פּועל־יוצא פון אַנאַליזירנדיקן ישוב הדעת, נאָר פּשוט אַ שייכות־

סיסטעם איבערגענומען אין זיין גאַנצקייט פון דער „אַפּריקורסישער״ סאָציאַלער גרופּירונג אָדער ספערע. אָבער גראָד איז דאָס איינער פון יענע צאָלרייכע סיסטעמען, וואָס באַקרעפטיקן זיך און האַלטן אויף זייער איינקייט דורך לאָגיש-קלינגענדיקע רייד, וואָס גיבן זיי אַן אינטעלעקטועלע סאַנקציע.

אין וויסנשאַפטלאַכן דענקען זוכט מען מיט אַלע כוחות זיך צו באַפרייען פונ׳ם דרוק פון פאַרהאַרטעוועטע שייכות-סיסטעמען, און ניט אַלעמאָל גיט זיך דאָס איין. שוין דאָס וואָס מען קען מאַכן די שייכות-סיסטעם אַליין פאַר אַן אָביעקט פון נאָכפאָרשן באַווייזט, ווי נייטיק עס איז ניט אריינצופאַלן און ווערן אַ קרבן פון אַן אַנדער שייכות-סיסטעם, כאָטש אין בעסטן פאַל קען דאָס בלויז טיילווייז געלינגען. אָבער מיר ווייסן דאָך אַלע, וואָסערע פיינטלאַכע געפילן דער אידעאַל פון וויסנשאַפטלאַכן דענקען רופט אַרויס אין געדיכטן לעבן פון אַ סאָציאַלער גרופּירונג. אַ מענטש וואָס פאַרטרעט דעם דאָזיקן אידעאַל איז דעמאָלט אַ בטלן, אַ קאַבינעט-מענטש וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַבסטראַקטע טעאָריעס, מיט פּוסטע חקירות, מיט סתם שפּינען פילאָזאָפישע געוועבן, אָלץ חסרונות פון וועלכע „דאָס פּראַקטישע לעבן״ — דאָס הייסט, די שייכות-סיסטעמען וואָס שטאַמען פון סאָציאַלע גרופּירונגען און סאָציאַלע ספּערעס — וויל ניט ליידן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם פאַל, פּונקט ווי אומעטום, קומט פאָר דער קאָנפליקט אויך צווישן צוויי קעגנגעזעצטע שייכות-סיסטעמען. אין וויסנשאַפטלאַכן דענקען ליגט די שייכות-סיסטעם דער עיקר אין דעם, וואָס דער אָביעקטיווער צוגאַנג ווערט אַ אידעאַל; ער ווערט פאַרפלאָנצט אין דער געפיל-ספּערע אַז דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער וועג. אין דעם פּרט האָבן מיר אויך דאָ צו טאָן ניט מיט אַ סיסטעם פון ריינע איבערצייגונגען נאָר מיט אַ לעבנסאַרט וואָס טראָגט אין זיך איר אייגענע זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט.

דאָס גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסט פון דער דאָזיקער שייכות-סיסטעם באַשטייט אין דעם, וואָס זי זוכט צו באַפרייען דעם מענטשלאַכן גייסט פון צופיל פאַרשקלאַפטקייט צו אַקצעפּטירטע אמת׳ן פון גרופּירונגען און ספּערעס אומעטום וואו דאָס איז נאָר מעגלאַך. דאָרט וואו דאָס געלינגט פייערט די וויסנשאַפט אירע גרויסע נצחונות, און די פּאַסטערס, און די איינשטיינס ווערן באַשאָנקען מיט לאָרבער-קראַנצן פון לויב און באַוואונדערונג. דאָרט וואו דער וויסנשאַפטלאַכער צוגאַנג רירט זיך צו צו סיסטעמען וואָס זיינען נאָך ניט באַפרייט פונ׳ם הוילן כוח פון סאָציאַלער הסכמה און סאָציאַלן דרוק, דעמאָלט מוז סאָקראַט אויסטרינקען דעם בעכער גיפט, און דזשאָרדאַנאָ ברונאָ מוז פאַרברענט ווערן אויפ׳ן שייטער-

הויפן. דאָס זעלביקע קומט פאָר אויך היינטיקע צייטן, און אין אַלע געזעלשאַפטן, כאָטש היינט זיינען די שטראָפן אַ סך מילדער. איינגעוואָרצלטע שייכות-סיסטעמען פון'ם אַזוי-גערופענעם פּראַקטישן מענטשן קענען ניט פאַרטראָגן דאָס „דרייען מיט'ן גראָבן פינגער" דאָרט וואו עס גייט להיפוך צו אָנגענומענע עיקרים. עס איז איבעריק צו דערציילן וויפיל דאָס פּראַקטישע לעבן — אין זינען פון די שטענדיקע פּראָצעסן וואָס פירן צו באַפרידיקן אָרגאַנישע נויטן — האָט צו פאַרדאַנקען די חקירות און פּשט'לאַך פון וויסנשאַפטלאַכן דענקען.

מיר האָבן געזען אין אָנהייב, אַז דאָס אַריינטראַכטן זיך אין לעבן פון איינצלנעם מענטשן און פון דער גרופּע פירט דערצו, אַז אין ערשטן פאַל, ביים איינצלנעם מענטשן, זאָל מען געפינען ענדערונגען, סתירות, און אַז עס זיינען בכלל פאַראַן גאַנץ ווייניק אייגנשאַפטן אויף וועלכע מען זאָל קענען זאָגן אַז דאָס איז דער מענטש „אין דער אמת'ן". פון דער צווייטער זייט, באַמערקן מיר אין דער גרופּע אַ געוויסע שטענדיקייט און איינציקייט, וואָס וואַרפט זיך ניט אין די אויגן דעם אויבערפלעכלאַכן באַאָבאַכטער. איצט זיינען מיר שוין גרייט איינצוזען, אַז אין דיביידע פאַלן האַנדלט זיך עס אַקוראַט וועגן דער זעלביקער זאַך. די ענדערונגען און סתירות פון אינדיווידועלע האַנדלונגען שטעלן מיט זיך פאָר פאַרשידענע שייכות־סיסטעמען, וואָס ווערן געבוירן אין לעבן פון סאָציאַלע גרופּירונגען און סאָציאַלע ספערעס. ווי שטאַרק מיר זאָלן ניט אינדיווידואַליזירן די שייכות־סיסטעמען מיט וועלכע מיר אָפּערירן, קענען מיר אָבער ניט אָפּווישן דעם צייכן פון זייער סאָציאַלן אָפּשטאַם און פון'ם גרופּירטן אָדער ספערע-אַרטיקן קוואַל פון וואַנען זיי ציען זייער יניקה.

אסתר ראַבינער

# די באַפעלקערונגס־פראַגע

שוין אין 17טן יאָרהונדערט, אין דער פריעסטער צייט פון דער אַנטוויקלונג פון עקאָנאָמישן געדאַנק, האָט די באַפעלקערונגס־פראַגע פאַרנומען אַ זייער וויכטיקן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיש־איינאָפּייאישער ליטעראַטור. די וויסנשאַפט איז שוין האַן געקומען צום שלוס, אַז די געזעצן אונטער וועלכע עס איז אונטערגעוואָרפן די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג, שליסן אויך איין אין זיך די באַדינגונגען, וואָס שאַפן, אָדער העלפן שאַפן, דעם וואוקס פון פאָלקס־רייכטום. דער געדאַנק איז צוערשט אַנטשטאַנען און וואָס ווייטער זיך אַלץ מער אַנטוויקלט, ווען עס האָבן זיך צעוואַקסן און צעבליט די גרעסערע שטעט און עס האָט זיך אָנגעהויבן וואַרפן אין די אויגן דער גרויסער אונטערשיד אין דער פאָלקס־ווירטשאַפט פון שטאָט און דאָרף. אין דאָרף, וואו די באַפעלקערונג איז אַ קליינע איז די קולטור אַ נידעריקערע, דאָס לעבן איז פּרימיטיוו און די באַדערפענישן זיינען באַגרענעצט. אין דער דאָרפס־ווירטשאַפט עקזיסטירן בלויז צוויי עקאָנאָמישע פאַקטאָרן — פּראָדוקציע און קאָנסומציע. די פּראָדוקטן, ווי בכלל אין דער אַמאָליקער ווירטשאַפט ווערן געשאַפן אין אַ באַשטימטער מאָס דירעקט פונ׳ם פּראָדוצענט פאַר׳ן קאָנסומער. אין שטאָט אָבער, וואו די באַפעלקערונג איז גרויס איז די קולטור אַ העכערע און די באַדערפענישן גרעסערע. די פּראָדוצירער קענען נישט זיין אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט די קאָנסומער און דער דריטער עקאָנאָמישער פאַקטאָר צירקולאַציע הויבט אָן שפּילן זיין וויכטיקע ראָל: פּראָדוקטן ווערן געשאַפן פאַר׳ן מאַרק און במילא צוליב פּראָפיט. דער האַנדל אַנטוויקלט זיך, צעוואַקסט זיך און רופט אַרויס די קאָנקורענץ. די קאָנקורענץ ווידער פירט צו דער אויסבעסערונג פון טעכנישע מיטלען. און די לעצטע גיט אַ גרעסערע הכנסה. ערשטנס שוין מיט דעם אַליין, וואָס די אויסאַרבעטונג פון געצייג באַשעפטיקט אַ סך אַרבעטער הענט, און צווייטנס, דער עיקר וואָס די פּראָדוקציע ווערט אָנגעפירט בעסער, אינטענסיווער, די צאָל פּראָדוקטן אין לאַנד

ווערט גרעסער און די שוין געשאַפענע פּראָדוקטן זיינען אין איכות אַ סך בעסערע. די עקאָנאָמיסטן פון יענער צייט האָבן דאָס איינגעזען, באַטראַכט, אויסגעפּאַרשט און פון דעם אַרויסגעדרינגען אַן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן געזעץ: אַז וואָס גרעסער די באַפעלקערונג אַלץ בעסער, אינטענסיווער איז די ווירטשאַפט, אַלץ בעסער זיינען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און אַלץ גרעסער איז דאָס רייכטום פון לאַנד. אַזוי האָט דער ענגלישער עקאָנאָמיסט פון 17טן יאָרהונדערט וויליאַם פּעטי אין זיין בוך „פּאָליטישע אַריפמעטיק" זייער אַ סך גערעדט וועגן די גרויסע נוצן וואָס אַ גרויסע באַפעלקערונג ברענגט דעם לאַנד.

ביי דער זעלבער מיינונג איז אויך געווען לאַק און אַ סך אַנדערע עקאָנאָמיסטן פון יענער צייט. די פּאָליטיק פון 16-17 און אויך טיילווייז פון 18טן יאָרהונדערט איז אַוועק אין דער ריכטונג. די פּאָליטישע פירער פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער, האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער באַפעלקערונגס-פּראָבלעם. יעדע מלוכה האָט איינגעזען איר גליק אין דער גרויס פון דער באַפעלקערונג און האָט געזוכט אויף וועלכן ס'איז אופן און מיטלען די פאַרמערונג אַרויסצורופן.

אַזוי צב"ש באַגעגענען מיר אין דער רוסישער געשיכטע, אַז אין אָנפאַנג פון 18טן יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג געגעבן זייער אַ סך פּריווילעגיעס אַריבערגעקומענע אויסלענדער. פּעטער דער גרויסער, עליזאַבעט און יעקאַטערינע די צווייטע, האָבן אַוועקגעגעבן ערד צו באַזעצן זיך, צו אויסלענדישע קאָלאָניסטן און האָבן זיי אויך צוגעזאָגט פרייהייט פון גלויבן (אין מאַניפעסט פון 22טען יולי, 1763). אין פּרייסן, האָט פרידריך דער צווייטער אָנגענומען פריי אויסלענדישע בעל־מלאכות אין די פּרייסישע צעכן און האָט זיי אפילו באַפרייט די ערשטע דריי יאָר פון צינזן.

דאָס זיינען געווען אַזוי צו זאָגן אומדירעקטע מיטלען צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג, דורך אַריבערציען די באַפעלקערונג פון איין לאַנד אין צווייטן. אַנדערע לענדער האָבן געפונען דירעקטערע מיטלען, זיי האָבן געזוכט צו פאַרגרעסערן דעם וואוקס אין דער באַפעלקערונג גופא. אַזוי האָט שפּאַניען אַרויסגעגעבן זייער אַ סך פּריווילעגיעס צו די יעניקע, וועלכע האָבן געהייראַט אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָר. דאַנעגן אויף די אַלטע בחורים, (אונטער אַלטע בחורים נאַטירלאַך איז פאַרשטאַנען געוואָרן מענער עלטער פון 18 יאָר) אויף די, אומגליקלאַכע נעבאַך, האָט מען אַרויפגעלייגט זייער גרויסע צינזן און בכלל זיי געשטעלט אין אַ אומגינסטיקער

לאַגע. אַזעלכע און אַנדערע ענלאַכע מיטלען האָבן אָנגענומען כמעט אַלע אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער אויף וועלכע עס איז נישט נויטיק דאָ זיך אָפּצושטעלן. וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסברענגען און אילוסטרירן איז נאָר, אַז די באַפעלקערונגס־פּראַגע איז נישט געווען בלויז אַ ריין טעאָרע־טישע, נאָר זי איז שוין דאַן געוואָרן אַ ברייטע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעם, וועלכע האָט געשאַפן אַ דירעקטע נויטווענדיקייט אויסצופאָרשן ערנסט און גענוי די לעבנס־באַדינגונגען, וועלכע זיינען גינסטיק, אָדער אומגינסטיק פאַר דער פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג. אָבער איידער איך גיי איבער צו די ווייטערדיקע באַהויפּטונגען אין דער וויסנשאַפט וויל איך אָנדייטן דעם הויפּט פּונקט, אָדער די הויפּט פּונקטן אויף וואָס ס'איז באַזירט די גאַנצע באַפעלקערונגס־פּראָבלעם:

1) צי שטייט די פאַרמערונג פון מענטשלאַכן מין אין אַ נאַטירלאַ־כער דירעקטער שייכות מיט'ן וואוקס פון די נאַרונגס־מיטלען?

2) וואָס פון וואָס איז אָפּהענגיק?

3) וואו דאַרף מען זוכן די סבות פון דער אָרימקייט און נויט פון דער באַפעלקערונג, אין דער נאַטור גופא, אָדער אין דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג?

דער ערשטער וואָס איז געקומען מיט אַ דירעקטן אויסגעהאַלטענעם און וויסנשאַפטלאַכן ענטפער איז געווען דער באַוואוסטער ענגלישער עקאָ־נאָמיסט טהאָמאַס ראָבערט מאַלטוס. עס איז אָבער כדאי דאָ פריער צו דערמאָנען אַפּאָר געדאַנקען פון אייניקע פון מאַלטוס'עס פאָרגענער, כדי צו האָבן פאַר זיך דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער באַפעל־קערונגס־פּראַגע אין דער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור.

דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער באַפעלקערונגס־פּראַגע קען איינ־געטיילט ווערן אין דריי פאַזן אין דער פאָרם פון העגל'ס טריאַדע. העגל'ס טריאַדע, אָדער העגל'ס פילאָזאָפישער סיסטעם איז, אַז אַלץ אין דער וועלט באַוועגט זיך און אַנטוויקלט זיך אין ווידערשפּרוכן.

פריער קומט די פּאָזיטיווע פאָרם — דער טעזיס. דערנאָך קומט דאָס אַנטקעגנגעזעצטע דאָס נעגאַטיווע — דער אַנטיטעזיס צולעצט דאָס פּאָזיטיווע אין דער אויסגעברייטערטער פאָלקאָמענער פאָרם — דער סינטעז.

אין די באַהויפּטונגען פון די עקאָנאָמיסטן פון 16טן און 17טן יאָר־הונדערט קומט די ערשטע פאַזע אינ'ם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער באַפעלקערונגס־פּראָבלעם. ווייל די עקאָנאָמיסטן פון די אויבנדערמאָנטע יאָרהונדערטער, אויב זיי האָבן אַפילו נישט פעסטגעשטעלט די גענויע שייכות צווישן די נאַרונגס־מיטלען און דער באַפעלקערונג האָבן זיי אָבער די

ערשטע אַנגעדייטעט אויף דעם און זיי האָבען אָנגענומען אַ פאָזיטיווע שטעלונג, אַז עס איז נויטיק און וויכטיק פאַר בעסערע עקאָנאָמישע לעבנס-באַדינגונגען און פאַר'ן גליק פון יעדן פאָלק צו האָבן אַ וואָס גרעסערע באַפעלקערונג. מיט די ווייטערדיקע און גענויערע אויספאָרשונגען איבער די גרינדלאַכע סבות פון דער פאַרמערונג און פאַרקלענערונג פון מענטשלאַכן מין איז מען געקומען צו דער אַנטקעגנגעזעצטער מיינונג צום אַנטיטעזיס, אַז די פאַרמערונג פון דער באַפעלקערונג איז אָפהענגיק פון די נאַרונגס-מיטלען. — דאָרט וואו ס'איז נאָר דאָ אַ מעגלאַכקייט פאַר דער עקזיסטענץ פאַר אַ פאַמיליען-לעבן — זאָגט מאַנטעסקע, אַ פראַנצויזישער געלערנטער, אין זיין בוך „גייסט פון געזעצן" — וועט שוין די נאַטור אַליין ברייננגען צו דער הייראַט. ער מיינט דעריבער, אַז די רעגירונג דאַרף נישט אָננעמען קיין דירעקטע מיטלען. באַטעריאַ, אַן איטאַליענישער עקאָנאָמיסט, האָט זיך זייער פיל אָפגעגעבן מיט דער פראַגע און איז געקומען צום שלוס, אַז די סיבה פון דער פאַרקלענערונג פון מענטשלאַכן מין ליגט אינ'ם מאַנגל פון די נאַרונגס-מיטלען. „דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג" — זאָגט ער — „וואָלט נישט געוואוסט פון קיין גרעניץ, ווען נישט דער מאַנגל אין לעבנס-מיטלען. די קראַפט פון דער פאַרמערונג ביי מענטשן איז אַנטקעגנגעזעצט דער פרוכטבאַרקייט פון באָדן." הורטאַס, אַ ווענעציאַנער עקאָנאָמיסט, האָט נאָך גענויער אויסגעפאָרשט די פראַגע און באַהויפטעט, אַז אַ דאַנק דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג קען זיך טאַקע דער זאַפאַס נויטיקע פראָדוקטן אין לאַנד פאַרגרעסערן. די צאָל איינוואוינער זיינען אָבער אָפהענגיק פון דער פרוכטבאַרקייט פון באָדן פונ'ם לאַנד. ער שטעלט פאָר דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין אַ געאָמעטרישער פראָפאָרציע און זאָגט, אַז אין פאַרלויף פון 900 יאָר קענען 7 מענטשן אַרויסברייננגען זיבן און אַ האַלב מיליאַרד נפשות. אין דער וועלט פון חיות שטעלט די נאַטור אַליין אָפ די צו גרויסע פאַרמערונג. די מענטשן אָבער דאַרפן זיך באַנוצן מיט זייער שכל און באַוואוסטזיין. אַזוי שנעל, ווי די צאָל איינוואוינער שטייגט אַריבער די מאָס נאַרונג אין לאַנד, וואָס זי דאַרף האָבן פאַר איר עקזיסטענץ, דאַרף מען גלייך אָננעמען מיטלען אָפצושטעלן דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג.

הורטוס באַטאָנט, אַז אין אַזאַ פאַל איז דאָס אומפאַרהייראַטע לעבן פונקט אַזוי נויטיק און וויכטיק ווי די פאַמיליע און ער מיינט, אַז אַ באַגרענעצונג פאַר חתונות מוז מען אומבאַדינגט האָבן, כדי צו פאַרהיטן די באַפעלקערונג פון אָרימקייט, קראַנקייט און שלעכטע מידות.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביז דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע

האט מען די סיבה פון דער אָרימקייט און נויט ביי דער באַפעלקערונג געקאָנט זען נאָר אין דער אָרימקייט פון דער גאַנצער פאָלקס־ווירטשאפט און דאריבער איז די עקאָנאָמיק פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט געווען גערעכט ווען זי האט געזוכט דורך דער פארמערונג פון דער באפעלקערונג צו שאפן א בעסערע אינטענסיווערע ווירטשאפט און אזוי ארום אויס־ראָטן די אָרימקייט און שאפן א בעסערע עקאָנאָמישע ווירטשאפט פאר׳ן גאנצן פאָלק. נאָך דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע האָט זיך געשאפן א גאנץ אנדער לאגע. די גאנצע געזעלשאפט איז איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי קלאסן — אונטערנעמער און אַרבעטער. די פאָלקס־ווירטשאפט איז טאקע געוואָרן בעסער, דאָס רייכטום פונ׳ם לאנד איז געוואקסן, אָבער צו גונסטן די אונטערנעמער, פאר די קאפיטאליסטן און נאָכמער אויפ׳ן חשבון פון די אַרבעטער. די סיבה פון דער אָרימקייט און נויט פון דער באפעלקערונג איז אלזאָ איצט געלעגן נישט אין דער אָרימקייט פון דער פאָלקס־ווירטשאפט בכלל, נאָר אין דער הייגטיקער געזעלשאפטלאכער אָרדנונג, וואָס איז געגרינדעט אויף פריוואט אייגנטום.

די מיינונג איז ארויסגעזאָגט געוואָרן פון א סך סאָציאליסטן. דער אויבנדערמאָנטער עקאָנאָמיסט מאלטוס אין וועמענס טעאָריע איבער דער באפעלקערונגס־פראגע איז טיילווייז אנטוויקלט די גרונט־געדאנקען פון זיינע פאָרגענגער טאבערא און הורטוס איז הויפטזעכלאך ארויסגעטראָטן קעגן דער באהויפטונג, אז די אָרימקייט און נויט וואָס הערשט ביי דער באפעלקערונג איז א פאָלגע פון דער שלעכטער געזעלשאפטלאכער אָרדנונג. און ער האָט געזוכט צו באווייזן, אז די געזעלשאפטלאכע אָרדנונג איז ניט שולדיק אין דעם, נאָר אלע מענטשלאכע צרות זיינען געזעצן פון דער נאטור. אין זיין בוך „דאָס באפעלקערונגס־ געזעץ“ אנטוויקלט מאלטוס פאָלגענדע טעאָריע: ענלאך צו די פלאנצן און חיות האָט דער מענטש אויך א אומגעהייערן חשק און מעגלאכקייט זיך צו פארמערן אָן א גרעניץ.

די איינציקע שטערונג וואָס דערלאָזט נישט צו אזא גרויסער פאר־מערונג איז דער דוחק אין חיונה און לעבנס־מיטלען. פיל יחידים גייען פשוט אונטער אין דעם קאמף פאר דער עקזיסטענץ און דאָס איז אויך נאטירלאך, ווייל די באשעפענישן וואָס קומען אין אן איבעריקער צאָל אויף דער וועלט קענען דאָ קיין פלאץ פאר זיך נישט געפינען. אויב דער מענטש איז אן אויסנאם אין דעם פאל, זאָגט מאלטוס ווייטער, אויב דער מענטש עקספלאָטירט אלץ מער די נאטור און קריגט ארויס אלץ מער פראָדוקטן פאר זיינע באדערפענישן, פארגרעסערט זיך אָבער די צאָל מענטשן אין א סך א גרעסערער פראָפּאָרציע. די באפעלקערונג כפל׳ט

זיך מיט יעדן דור. ווען היינט צב"ש זיינען דאָ צוויי מענטשן, וועלן, לויט מאַלטוס'ן, אין פינף און צוואַנציק יאָר ארום זיין פיר מענטשן. אין דריטן דור — אַכט, אין פערטן — זעכצן א. א. וו. די באַפעלקערונג פאַרגרעסערט זיך בלי שום ספק אין אַ געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע, בעת די לעבנס מיטלען ביי דער אינטענסיווסטערווירטשאַפט קענען זיך ניט פאַרגרעסערן מער ווי אין אַן אריפמעטישער פּראָפּאָרציע (2-4-6-8-10 און אַזוי ווייטער) ווייל דער פּלאַץ פון דער אויסערלאַכער נאַטור מיט וועלכער מיר פירן אַן דעם קאַמף איז דאָך באַגרעניצט. פון איין אַקער לאַנד קען מען קיין צוויי נישט מאַכן און עס וועט מוזן קומען אַ צייט ווען ביידע ליניעס, די באַפעלקערונג און די נאַרונג וועלן זיך אַזוי פאַנאַנדערגיין, אַז עס וועט מוזן ברייננגען צו אַ באַנקראָט, אויב מיר באַמערקן עס נישט איצט, זאָגט מאַלטוס, איז דאָס דערפאַר, ווייל דער נאַטירלאַכער וואוקס פון דער באַפעלקערונג שלאָגט זיך אָן אין געוויסע שטערונגען, וועלכע פירן צום גלייכגעוויכט. די שטערונגען קענען איינגעטיילט ווערן אין צוויי קלאַסן: פון איין זייט די שליחים פון דער נאַטור, ווי הונגער און קראַנקהייט ווי אויך די אוממאָראַלישע גוואַלדטאַטן פון די מענטשן אַליין, ווי פאַרברעכנס און מלחמות; און פון דער צווייטער זייט ווידער קען זיין אַ געוויסע פאַר־זיכטיקייט פונ'ם מענטשן גופא בנוגע זיין פאַרמערונג.

מאַלטוס האַלט פונ'ם צווייטן מיטל. ער שלאָגט פאָר, מען זאָל נישט יונג חתונה האָבן, האָבן ווייניקער קינדער, כדי אויסצומיידן דעם דעפיציט אין לעבנס־מיטלען, אַלע מענטשלאַכע צרות, וואָס זיינען נישט מער ווי אַ פּועל יוצא פון דעם איבערשוס פון דער באַפעלקערונג. אָבער אַנדערשן די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג איז לויט מאַלטוס'ן אַן אַבסורד, ווייל אויב מען וועט אויסבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די אָרימע וועט עס נאָך ברייננגען צו מער חתונות, מער געבורטן און במילא צו אַ גרעסערן איבערשוס פון דער באַפעלקערונג.

קעגן מאַלטוס'עס באַפעלקערונגס־לערע זיינען ארויסגעטראָטן זייער אַ סך קריטיקער. די טענות זיינען געווען גאָר שטאַרק אויפגערעגט אויף מאַלטוס'ן. זיי האָבן גע'טענה'ט אַזוי, אויב מאַלטוס איז גערעכט מיט זיינע באַהויפטונגען קומט דאָך אויס, אַז דער גאַנצער פּלאַן, דער גאַנצער אויפבוי פון דער וועלט איז נישט קיין אמת'ער, ווייל לויט'ן געבאָט, לויט'ן העכערן געזעץ דאַרפן די מענטשן זיך מערן און פרוכפּערן און באַפעלקערן די ערד. מאַלטוס אָבער אין אַ סך פאַלן פאַר'משפט די הייראַט, פאַרווערט די אָרימע חתונה צו האָבן און דאָס פאַמיליען־לעבן ווערט פשוט אַ פּריווילעגיע נאָר פאַר די רייכע. אַז די קריטיק פון די

טעאָלאָגן איז כלל נישט אויסגעהאַלטן איז איבעריק צו דערווייזן — ערשטנס, דאַרף מען דאָך זיין איינשטימיק מיט דעם, אַז דער הויפּט ציל פון דער מענטשהייט איז צו פּרוכפּערן זיך, צווייטנס, לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז מאַלטוס איז דאָ געווען סוביעקטיוו און האָט געוואָלט די פאַמיליע מאַכן אַ פּריווילעגיע פאַר די רייכע. מאַלטוס איז קודם כל געווען אַ וויסנשאַפטסמאַן און אים האָט אינטערעסירט וויסנשאַפטלאַך צו לעזן די באַפעלקערונגס־פּראָבלעם.

אַנדערע קריטיקער זיינען אַרויסגעטראָטן הויפּטזעכלאַך קעגן מאַל־טוס׳עם באַהויפּטונג, אַז מענטשן מערן זיך אין אַ געאָמעטרישער פּראָפּאָרציע און נאַרונגס־מיטלען אין אַן אַריפמעטישער. די קריטיק האָט זיך אָבער אויך אַרויסגעוויזן ניט צו זיין אינגאַנצן אויסגעהאַלטן. אויב די קריטיקער איז אפילו געלונגען צו דערווייזן, אַז מען קען ניט פאָראויסזאָגן דעם וואוקס פון די נאַרונגס־מיטלען אַ דאַנק די נייע דערפינדונגען, די נייע טעכנישע און קינסטלאַכע מיטלען, וואָס ווערן אַלע מאָל אַריינגעפירט אין דער ווירטשאַפט, האָבן זיי אָבער נישט געקענט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז אין פיל לענדער איז דער וואוקס פון דער באַפעלקערונג אַזוי שנעל, אַז מיר קומען נאָענט צו מאַלטוס׳עם אמת.

אַמבעסטן און אַמשטאַרקסטן האָט זיך איינגעגעבן צו באַקעמפן מאַל־טוס׳עם לערע די סאָציאַליסטן, וועלכע האַלטן, אַז די אורזאַכע פון אַלע מענטשלאַכע ליידן איז צו זוכן אין דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדנונג און נישט אין דער איבערבאַפעלקערונג. מיט סטאַטיסטישע ציפערן (אַרויסגעגעבן פון דער סטאַטיסטישער ביוראָ אין וואַשינגטאָן אין 1918) האָבן די סאָציאַליסטן דערוויזן, אַז אַ דאַנק די פאַרשידענע ערפינדונגען אין דער וויסנשאַפט און אין דער טעכניק פון לעצטן יאָר־הונדערט האָט די פּראָדוקטיוויטעט פון מענטשלאַכער אַרבעט געשטיגן אומגעהייער, און די נאַרונגס־מיטלען אין פאַראַלעל צו דער צאָל מענטשן ביי היינטיקער צייט זיינען נישט נאָר אין אַ קלענערע נאָר אין אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע. און מאַלטוס׳עם געזעץ, אַז די מענטשן האָבן אַ טבע זיך צו פאַרמערן אין אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע, ווי די לעבנס־מיטלען איז אין היינטיקער צייט לחלוטין נישט אויסגעהאַלטן. זייער בולט קומט אַרויס די גאַנצע זאַך אין דער צייט פון אַ קריזיס. די קריזיסן קומען נישט ווייל עס איז דאָ אַ דוחק אין לעבנס־מיטלען, נאָר פאַרקערט צוליב דער אויבערפּראָדוקציע. לעבנס־מיטלען זיינען דאָ גענוג, נאָר זיי זיינען שלעכט פאַנאַנדערגעטיילט, ווייל די אָרדנונג אין וועלכער מיר לעבן איז געבויט אויפ׳ן געזעץ פון פּריוואַט־אייגנטום. אַזעלכע ענלאַכע און מערקווירדיקע ערשיי־

נונגען האָט מען אויך געקענט זען אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט-מלחמה. אין יאָר 1915-1916 אין דער צייט פון דער עסטרייך-דייטשער קאָנטראָפענסיווע אויף רוסלאַנד האָט געטראָפן, אַז אין לעצטן טאָג איידער די רוסן האָבן אָפּגעטראָטן פון אַ שטאָט איז די שטאָט געווען פול מיט פּראָדוקטן, אויף מאָרגן אָבער אַזוי גיך ווי די עסטרייכער האָבן באַזעצט די שטאָט איז גלייך געוואָרן אַ שרעקלאַכער הונגער. לעבנס-מיטלען זיינען נישט געוואָרן בנמצא. פאַר קיין פּרייז האָט מען נישט געקענט קריגן קיין פונט ברויט, פלייש אָדער צוקער.

די אורזאַכן האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן צו זיין פאָלגנדע: וויסנדיק אַז אין עסטרייך זיינען די לעבנס-מיטלען טייער און שווערער צו קריגן, האָבן זיך די רייכע באַצייטנס באַזאָרגט אויף אַ לענגערער צייט מיט פּראָוויאַנט אַזוי, אַז ביים קליינעם שפּייז-קרעמער איז געבליבן זייער ווייניק פּראָדוקטן אין קרעמל, און די גרעסערע סוחרים, די הורטאָוניקעס האָבן פאַרמאַכט זייערע סקלאַדעס צוליב ספּעקולאַציע. געהונגערט, פאַרשטייט זיך, האָט נאָר דער אָרימער אַרבעטער-קלאַס, וואָס לעבט פון האַנט אין מויל און מוז אַלע טאָג קויפן די נאַרונגס-מיטלען. די ספּעקולאַציע, וואָס האָט זיך אין קריג אַרויסגעוויזן אין אַלע אירע פאָרמען, איז נישט קיין צופעליקע זאַך, בלויז אין מלחמה; אין נאָרמאַלע צייטן ווערן אַ סך סחורות פאַרניכטעט פון גרויסע אונטערנעמונגען צוליב דעם, אַז די פּראָדוקטן זאָלן זיין ווייניקער אויפ'ן מאַרק, די קאָנקורענץ זאָל זיין אַ קלענערע און די פּראָפיטן במילא גרעסערע.

פון דעם אַלעם אַלזאָ איז צו זען, אַז מאַלטוס'עס באַפעלקערונגס-געזעץ איז פאַר דער היינטיקער צייט פאַר קיין פאַל נישט אויסגעהאַלטן. די פראַגע איז נאָר, ווי וועט זיין אין דער צוקונפט, צי וועלן זיך אין דער צוקונפט די לעבנס-מיטלען אויך אויף אַזוי פיל פאַרמערן, אַז עס וועט אָראָפּפאַלן יעדע געפאַר פון אַן איבערבאַפעלקערונג? אויף דער פראַגע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פון מאַלטוס'עס קריטיקער דער פאַקט, אַז אין דער לאַנדווירטשאַפט איז דאָ אַ שטרעבונג איבערצוגיין פון דער עקסטענסיווער צו דער אינטענסיווער ווירטשאַפט אַזוי, אַז וואָס מער מענטשן אַלץ מער אַרבעטס-קראַפט וועט קענען פאַרווענדט ווערן אויף אַ געוויסן שטח לאַנד און אַלץ גרעסער וועט זיין די פּרוכטבאַרקייט. די קריטיק איז אָבער גלייך אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט ריקאַרדעס געזעץ (אין דער שייכות צו דיפערענציירטער רענטע), אַז יעדע ווייטערדיקע אַנווענדונג פון אַרבעט און קאַפּיטאַל אויף איינעם און דעם זעלבן באָדן ברענגט אַלץ אַ קלענערן פּראָפיט. מיט דעם איבערגאַנג פון עקסטענסיווער צו אינטענסיווער ווירט-

שאַפט שטייגט טאַקע די הכנסה בכלל, אָבער די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט פאַלט פאַרהעלטניסמעסיק אַזוי, אַז די מאָס תבואה פּראָ קאָפּ מוז אַלע מאָל קלענער ווערן.

נאָך אַ גרעסערע און גרינדלאַכע שטיצונג בנוגע דער צוקונפט קריגט מאַלטוס'עס באַפעלקערונגס־געזעץ אין דער נאַטור־וויסנשאַפט. דער רוסי־שער נאַטור־פאָרשער טימיראַזעוו באַלייכט זייער גוט די פראַגע. טימיראַזעוו מיינט, אַז עס איז דאָ אַ גרענעץ צו דער פרוכטבאַרקייט פון באָדן. ער דערקלערט עס מיט דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די גרינע פלאַנצן: די גרינע פלאַנצן, וועלכע ווערן באַנוצט פאַר אונזער נערונג, קענען נאָר וואַקסן מיט דער הילף פון די זונען־שטראַלן, נאָר אַ דאַנק דער ליכט און וואַרימקייט פון דער זון קענען אויפגענומען און פאַראַרבעט ווערן די מאַטעריאַלן, פון וועלכע די פלאַנצן ווערן אויפגעבויט. די זונען־שטראַלן זיינען דאָך דאָ אין אַ באַשטימטער מאָס און דער זאַפּאַס ליכט־ענערגיע, אַ דאַנק וועלכן מיר קענען באַקומען די אָרגאַנישע סובסטאַנץ דורך די פלאַנצן, וועט זיך אַמאָל מוזן אויסשעפּן. די אָנווענדונג פון בעסערע טעכנישע מיטלען, ווי דער איבערגאַנג פון עקסטענסיווער צו אינטענסיווער ווירטשאַפט העלפן טאַקע אַרויסקריגן וואָס מער אָרגאַנישע סובסטאַנץ, דערפאַר אָבער ווערט דער זאַפּאַס ליכט־ענערגיע קלענער און מיר דער־נעענטערן זיך שנעלער צום פיזיאָלאָגישן גרעניץ.

מיט אַ טיפערן בליק אינ'ם שטאַנדפּונקט פון וועלכן מאַלטוס איז אַרויסגעגאַנגען, מיט אַ גענויערער באַטראַכטונג ווי אַזוי מאַלטוס'עס טעאָריע פּאַסט זיך אַריין אין דעם ווייטער אַנטוויקלטן אין אונזער היינטיקן פּאַקטישן לעבן, קומט מען צו גאַנץ אַנדערע שלוסן: מאַלטוס איז קודם כל אַרויסגעגאַנגען פון אינדיווידואַליסטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט גענומען איינעם, אָדער צוויי, פון די לעבעדיקע מינים און האָט אויסגעפאָרשט די פּראָצעסן פון פאַרמערונג פאַר אַ געוויסער צייט, און האָט אויף דעם געבויט זיין גאַנצע טעאָריע. ווען מען וויל זען זאַכן אין דער ריכטיקער שיין, דאַרף מען נישט נעמען איינציקע טיילן באַזונדער און אָפּגעריסן אין צייט. דער פּראָצעס פון פאַרמערונג פון איין לעבעדיקן מין איז נישט מער ווי אַ טייל פונ'ם פּראָצעס פון פאַרמערונג פון דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור, און די גאַנצע לעבעדיקע נאַטור געפינט זיך טאַקע נישט אַלע מאָל אין איינעם און דעם זעלבן צושטאַנד. אַלץ וואָס עקזיסטירט באַוועגט זיך, און די דערשיינונגען אין לעבן פון איין עפּאָכע קענען קיינמאָל ניט זיין דיזעלבע ווי אין אַ צווייטער עפּאָכע. און דעריבער, ווען עס זיינען געקומען די באַגרינדער פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם,

מאַרקס און ענגעלס, און האָבן געוואָלט לעזן די באַפעלקערונגס-פּראָבלעם, האָבן זיי אַלץ גענומען היסטאָריש און באַטראַכט דעם פּראָצעס פון פאַרמערונג און פאַרניכטונג פון דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור אַלס איין גאַנצעס. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה, מאַלטוס'עס באַהויפּטונג, דאָס די מענטשן האָבן אַ טבע זיך צו פאַרמערן מער וויפיל די צאָל נאַרונג, איז גאָר לא היה ולא נברא. עס איז פאַר אַלע צייטן אַ זאַך פון דער אוממעגלאַכקייט. ענגעלס רופט אָן מאַלטוס'עס לערע אַ נידערטרעכטיקע, אַ פּשוט'ע רכילות אויף דער נאַטור און מענטשהייט.

און מאַרקס, וואָס גיט זיך נישט אַזוי פיל אָפּ מיט דער פראַגע, זאָגט אָבער קלאָר און דייטלאַך, אַז יעדער היסטאָרישער אופן פון פּראָדוקציע האָט זיין באַפעלקערונגס-געזעץ, וואָס הערשט אונטער אים און גייט אונטער צוזאַמען מיט אים, און ווען מען נעמט אַלץ אָן געשיכטלאַך, איז אָן אַבסטראַקט־אומפאַרענדערלאַך באַפעלקערונגס-געזעץ נישטאָ אפילו ביי פלאַנצן און חיות. קויטסקי, מאַרקס' נאָכפאָלגער, ברייטערט אויס מאַרקס' טעאָריע. ער ברענגט וויסנשאַפטלאַכע באַווייזן און מאַכט די גאַנצע זאַך אַזוי קלאָר, אַז עס בלייבט נישט איבער איינס פּראָצענט צו צווייפלען אין דער אומבאַגרינדלאַכקייט פון מאַלטוס'עס באַפעלקערונגס-געזעץ. קויטסקי האָט זיך זייער פיל אָפּגעגעבן מיט דער באַפעלקערונגס-פראַגע. שוין אין 1880 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בוך („דער איינפלוס פון דער פאָלקס־פאַרמערונג אויף דעם פאָרשריט פון דער געזעלשאַפט"), געווידמעט ספּעציעל דער פראַגע. אין יענעם בוך איז ער געווען איינשטימיק מיט מאַלטוס'ן. גלייך מיט אים האָט ער געגלויבט, אַז עס וועט קומען אָן איבערבאַפעלקערונג, אויב די באַפעלקערונגס-פראַגע וועט ניט רעגולירט ווערן. ער האָט זיך בלויז אונטערשיידט פון מאַלטוס'ן אין די מיטלען, וואָס מען דאַרף אָננעמען — אנשטאָט צו פירן אָן אָפּגעזונדערט לעבן, ווי מאַלטוס האָט פאָרגעשלאָגן, האָט ער געפּרעדיקט געבורטס-קאָנטראָל. איצט אָבער, אין זיין בוך „פאַרמערונג און אַנטוויקלונג אין נאַטור און געזעלשאַפט" (1910), האָט זיך קויטסקי אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון זיינע פריערדיקע אַנשויאונגען. און קויטסקי אַנטוויקלט פאָלגנדע טעאָריע:

אין דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור, אָנהויבנדיק פון די איינפאַכסטע איינצעליקע אָרגאַניזמען ביז דער העכסטער באַשעפעניש, הערשט אַ שטענדיקע גלייכגעוויכט צווישן דער פאַרמערונג און דעם סכום נאַרונג. די פאַרמערונג קען קיינמאָל נישט איבערשטייגן די גרענעצן פון דער צאָל לעבנס-מיטלען פונ'ם געגעבענעם פּלאַץ. זייער בולט קען מען עס זען, ווען מען פאָלגט נאָך דעם פּראָצעס פון פאַרמערונג ביי דער איינצעליקער

אַמעבע, וואו די פאַרמערונג קומט פאַר דורך טיילן זיך. דאָס שטיקל פראָטאָ־פּלאַזמע נעמט אויף באַשטימטע שטאָפּן פון דער אומגעבונג, און ווען די מאַסע צעוואַקסט זיך אַזוי, אַז זי קען זיך שוין מער ניט האַלטן, דאַן צעטיילט זי זיך אויף צווייען. פון איין מוטער־אָרגאַניזם ווערט צוויי אָרגאַניזמען. דאָ זעט מען ווי די נאַרונג באַשטימט די פאַרמערונג, און די פאַרמערונג קען נישט אַריבער די גרענעצן פון דער צאָל נאַרונג, ווייל קיינער פון די פּראָצעסן האָט נישט די טענדענץ דעם אַנדערן אַריבערצושטייגן. זיי גייען ביידע האַנט אין האַנט מיט דער זעלבער שנעלקייט. אַ גרעסערע פאַרמערונג ביי דעם מין, ביי די זעלביקע אויסערלאַכע באַדינגונגען, קען נאָר פאָרקומען, ווען אַ טייל פון דעם מין ווערט פאַרניכטעט. און אָט די אָפּהענגיקייט פון די צוויי ווירקנדע פאַקטאָרן, די פאַרמערונג און פאַרניכטונג, הערשט אין דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור. אויב מיר באַמערקן עס נישט, איז דאָס דערפאַר, ווייל ביי העכערע מינים איז דער פּראָצעס פון פאַרמערונג מער קאָמפּליצירט און דער נאַרונגס־פּלאַץ איז נישט אַזוי צוגענגלאַך. מען דאַרף דעריבער נישט באַטראַכטן די פּראָצעסן ביי די מינים אָפּגעזונדערט, נאָר אַלס טיילן פון׳ם גאַנצן נאַטור־פּראָצעס, און דאַן זעט מען, אַז אין דער גאַנצער לעבעדיקער נאַטור הערשט אַ גלייכגעוויכט פון דער פאַרמערונג און פאַרניכטונג. אַזוי, אַז וועגן אַן איבערבאַפעלקערונג קען קיין רייד נישט זיין. קויטסקי שטיצט זיך דאָ אויף ספּענסער׳ס געזעץ פון „אינדיווידואַציע און פאַרמערונג“.

הערבערט ספּענסער באַהויפּטעט, אַז ביי יעדן לעבעדיקן אָרגאַניזם זוכן די קרעפטן וואָס ווילן אים דערהאַלטן, און די קרעפטן וואָס ווילן אים פאַרניכטן, אַ גלייכגעוויכט. ספּענסער באַטראַכט, אַז ביי יעדן מין איז דאָ אַ באַשטימטע מאָס ענערגיע איין מאָל פאַר אַלע מאָל געגעבענע אויסצוגעבן, און וואָס מער דער מין גיט אויס פאַר פאַרמערונג, אַלץ ווייניקער בלייבט פאַר יעדער באַשעפעניש׳ס געברויך, און פאַרקערט, וואָס מער ער פאַרנוצט אויפ׳ן געבוי און קערפּער פון יעדן אינדיווידואום, אַלץ קלענער איז די פאַרמערונג. אינדיווידואַציע און פאַרמערונג זיינען אַנטקעגנגעזעצט איינס דאָס אַנדערע אַזוי, אַז וואָס העכער דאָס באַשעפעניש הויבט זיך אויף אויף דעם עוואָלוציאָנס־לייטער, אַלץ מער קראַפט פאַרניצט ער אויף זיין אינדיווידיאום און אַלץ קלענער איז די פאַרמערונג. קויטסקי, שטיצנדיק זיך אויף דעם געזעץ זאָגט, אַז אַזוי ווי ס׳איז דאָ אַ גלייכגעוויכט צווישן דער אינדיווידואַציע און פאַרמערונג, אַזוי מוז זיין אַ גלייכגעוויכט צווישן דער פאַרמערונג און דער נאַרונג. ווען מען נעמט, צום ביישפּיל, דעם פּראָצעס פון פאַרמערונג ביי די העכערע פרעסנדיקע חיות

און ביי די שוואַכערע, וועלכע ווערן אויפגעפרעסן, וואָס דאָס מיינט נאַרונג, זעט מען, אַז דאָרט וואו די פאַרמערונג פון פרעסנדיקע איז שטאַרק איז די פאַרניכטונג פון די שוואַכערע אויך שטאַרק, און פאַרקערט, ווען די פאַרניכטונג ביי די שוואַכערע איז שוואַך איז די פאַרמערונג ביי די שטאַרקערע אויך שוואַך. און אַזוי ווי ביי יעדן אינדיווידואום האָבן זיך אַ דאַנק דעם נאַטור-אויסוואַל אַנטוויקלט די אָרגאַנען וועלכע זיינען צוגעפאַסט צו דער אומגעבונג, אַזוי האָט זיך אויך אַ דאַנק דעם נאַטור-אויסוואַל געמוזט אויסאַרבעטן אין׳ם גאַנצן סיסטעם פון אָרגאַניזמען אַן איינגנשאַפט, אַז ס׳זאָל זיין אַ גלייכגעוויכט צווישן פאַרשידענע מינים, צווישן דעם סכום לעבנס-מיטלען און דער צאָל אינדיווידואומס.

מאַלטוס׳עס טעות ליגט אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז די פאַרמערונג קען קומען אין אַ גרעסערער צאָל ווי די נאַרונגס-מיטלען דערלויבן אים, און דער שוואַכערער טייל מוז הונגערן און קרענקען, ווייל דער שטאַרקערער באַזייטיקט אים אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ. קויטסקי פאַרוואַרפט דאָ מאַלטוס׳עס באַהויפּטונג מיט דעם, וואָס ער באַווייזט, אַז אַ דאַנק דעם נאַטירלאַכן אויסוואַל האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ געזעץ, דאָס קיין מין קען זיך ניט פאַרמערן מער, אויף וויפיל די נאַרונג פון יעדן פלאַץ דערלויבט אים.

ביז איצט, ביז די לעצטע באַהויפּטונגען פון מאַרקס׳ן ענגעלס׳ן און קויטסקי׳ן, האָבן מיר אַן ענטפער אויף די לעצטע צוויי אויבנגעשטעלטע פראַגן. מיר האָבן אָנגעוויזן, וואו מען דאַרף זוכן די סיבות פון דער אָרימקייט ביי דער באַפעלקערונג פון דער היינטיקער צייט, און מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף די פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם, אין וואָס פאַר אַ שייכות עס שטייט די פאַרמערונג מיט דער נאַרונג. מיר האָבן אָבער נישט געענטפערט אויף דער ערשטער פראַגע. מיר האָבן נישט געזאָגט, צי איז ווירקלאַך דאָ אַ דירעקטע נאַטירלאַכע שייכות צווישן זיי. מיט די לעצטע זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז צווישן דער פאַרמערונג פון מענטשלאַכן מין און דעם וואוקס פון לעבנס-מיטלען איז דאָ אַ דירעקטע נאַטירלאַכע שייכות און ביידע פאַקטאָרן ווירקן גלייכמעסיק איינער אויפ׳ן צווייטן. מיר זיינען אַלזאָ געקומען צו דער לעצטער פאַזע פונ׳ם אַנטוויקלונגס-פּראָצעס פון דער באַפעלקערונגס-פּראָבלעם. מיר זיינען געקומען צום סינטעז.

און מיר קענען דאָ אויך ציען שלוסן, אַז פונקט ווי ביי דער איצטיקער צייט, פאַלט אויך אַוועק יעדע מורא פאַר אַן איבערבאַפעלקערונג אין דער צוקונפט. דער מענטש, ווי אַלץ וואָס לעבט, אַנטוויקלט זיך און קומט

וואָס ווייטער צו אַ העכערער אינטעלעקטועלער מדרגה. אויף דער אויס־בילדונג און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון יעדן אינדיווידיאום ווערט אויס־געגעבן וואָס ווייטער אַלץ מער ענערגיע, וואָס דאָס מיינט, לויט ספּענסער׳ן, אַ נאַטירלאַכע קלענערע פאַרמערונג. דער מענטשלאַכער מח, ווידער, מאַכט וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע אַנטדעקונגען, אַלץ בעסערע דערפינדונגען. ער געפינט אויס מיטלען ווי אַרום וואָס מער צו באַקעמפן די נאַטור, כדי אַרויסצוקריגן אַלץ מער נאַרונגס־מיטלען פאַר זיינע באַדערפענישן. מיט דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון אַ העכערער גייסטיקער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצע, וועלן זיכער קומען אומפאָראויסגעזעענע, אפילו, גרעסערע דער־פינדונגען פון איין זייט און אַ בעסערע סאָציאַלע אָרדענונג פון דער צווייטער זייט, אַזוי אַז מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, דאָס מאַרקס׳עס טעאָריע, אַז יעדער היסטאָרישער אופן פון פּראָדוקציע האָט זיין באַ־פעלקערונגס־געזעץ, איז אָן שום ספק חל אויף דער צוקונפט און פאַר־וואַרפט יעדע געפאַר פאַר אַן איבערבאַפעלקערונג פאַר יעדער ווייטערדיקער עפּאָכע.

ו ו. נ אַ ט אַ נ ס אָ ן

# ווייטהעד׳ס „וויסנשאַפט און די מאָדערנע וועלט“ אין ליכט פון דער גלייכווערטיקייט פון די קולטור-אויסדרוקן *)

## א.

ווי די קונסט אַזוי אויך די פילאָסאָפיע. אויך זי, די פילאָסאָפיע, קען נישט אויפנעמען די וועלט מהותן אַנדערש ווי דורך אַן אינטואַי־טיווער דערקענטעניש. אַזוי האָט געלערנט שפינאָזע אַמאָל, פלאַטינוס לאַנג, לאַנג נאָך פאַר שפינאָזע׳ן, און אַזוי לערנט איצט בערגסאָן. און די דאָזיקע אינטואיטיווע דערקענטעניש אין דער פילאָסאָפיע, ווי אין יעדער אַנדערן קולטור-אויסדרוק, וואָס שטרעבט צו דערגרונטעווען דאָס אוניווערסאַלע זיין ביז צו אַלע טיפענישן זיינע, איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דעם, וואָס די קלאָרסטע און אבסטראַקטעסטע, אַזוי גוט ווי די קאָנקרעטסטע און קינסטלעריש-געשטאַלטעטע פילאָסאָפישע שאַפונגען, רופן אַרויס א וועלט מיט פאַרשיידענע אויסטייטשונגען און הערקלערונגען וועגן זייער זין און מיין. א לעבן א גאַנצער פון דעם פילאָסאָף גופא קלעקט אַמאָל נישט פאַר אים אויף קלאָר צו מאַכן זיך און אַנדערע איין-און-איינציקן גרויסן און טיפן אינטואיטיוון אויפנעם.

וואָס קען נאָך זיין קלאָרער ווי שפינאָזע׳ס „עטיק“, און וואָס קען זיין נאָך מער אַבסטראַקט און מער אַ פּראָדוקט פון דעם ריינעם און רעפלעקטירנדיקן באַוואוסטזיין, ווי קאַנט׳ס „קריטיק פון דער ריינער פאַרנונפט“? — דאָס איז פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט: וואָס קען נאָך זיין מער אי עכט פילאָסאָפיש, אי עכט קינסטלעריש ווי די שאַפונגען פון פלאַטאָ? און פונדעסטוועגן הערשט אַ ים מיט מיינונגס־פאַרשידענהייטן — אייניקע אָפט דיאַמעטראַלע אַנטקעגנגעזעצט צו די אַנדערע — מכח דעם וואָס שפינאָזע האָט געמיינט דאָ און דאָ, קאַנט —

---

*) אַ קאַפּיטל פון אַ בוך „אינטעליגענט, קונסט און קינסטלער“.

דאָ און דאָרט, און פּלאַטאָ — אין דעם אָדער אין יענעם טייל פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער דיאַלאָג.

און נישט נאָר דער לייענער און קריטיקער קענען שוין נישט מער צוקומען צו דעם אָריגינעלן און פּינקטלאַכן זין און מיין, וואָס די ווערטער פון פּלאַטאָ, שפּינאָזע און קאַנט האָבן אין זיך געטראָגן, ווען זיי זיינען צום ערשטן מאָל אויף דער וועלט געקומען, נאָר די פילאָסאָפן פּלאַטאָ, שפּינאָזע און קאַנט — זיי אַליין האָבן צום סוף פון זייער לעבן שוין נישט געגעבן דעם זעלביקן זין און מיין, וואָס זיי האָבן געגעבן צו די ווערטער, וועלכע זיי האָבן געשריבן אין אָנהויב פון זייער לעבן; אַ פּשיטה שוין ווען זיי זאָלן על פּי נס אויפשטיין איצט תחית המתים. עס איז אַבסאָלוט אוממעגלאַך צוצוקומען צו דעם וואָס דער פילאָסאָף האָט געמיינט און צו דעם וואָס אים האָט באַוועגט אַזוי און נישט אַנ־דערש צו פאָרמולירן פאַר זיך און אַנדערע זיין בליק און ארייַנבליק אין דער סינטעטישקייט און אָרגאַנישקייט פון גאָט, מענטש און וועלט. און ווען עס וואָלט אפילו מעגלאַך געווען, וואָלט עס געווען לחלוטין אומוויכטיק און אומנוצלאַך.

פאַר אונז לייענער אָדער קריטיקער איז וויכטיק נישט דאָס וואָס דער שאַפער האָט אין זינען געהאַט, נישט דאָס וואָס ער האָט באמת גע־מיינט ווען ער האָט געשאַפן דאָס ווערק, נאָר וויכטיק איז דאָס וואָס אַזאַ אָדער אַן אַנדער שאַפונג מיינט צו אונז, צו די וואָס גענים די שאַפונג אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן, צו די וואָס קומען צו צו איר מיט אַזעלכע און אַנדערע כוונות.

די וויכטיקייט און גרויסקייט פון אַ שאַפונג באַשטייט אין די מעגלאַכקייטן וואָס זי פאַרמאָגט, אַז עס זאָלן אין איר, פון די וואָס קומען אין באַריר מיט איר, אַריינגעלייענט ווערן באַדייטונגען, זינען און מיינען, וועלכע זאָלן פאַרטיפן דעם מהות מענטש און גורם זיין דאָס אַוועק־שטעלן פון דעם מענטשן אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור. די גריבלערייען אין דעם מיין און זין פון עמיצנס אַ שאַפונג, די אויסטייַ־טשונגען פון דעם אינטעליגענט אָדער קריטיקער האָבן אַ ווערט נאָר דעמאָלט ווען זיי, אומאָפּהענגיק פון דעם צי האָבן זיי יאָ אָדער נישט געטראָפן אין פּינטל מיט זייערע אויסטייטשונגען, קענען אַרויסרופן אין די, פאַר וועמען זיי ברענגען זייער פּשט און דרש, אַ גייסטיקע פאַר־טיפונג און אַן אָנרעגונג אין דער נשמה צו אַ קולטור־אַנטוויקלונג אין פאַרשידענע דימענסיעס.

אינטערפּרעטאַציעס, אָפּשאַצונגען און קריטיקן וועגן שאַפונגען אויף

אזא אָדער אַן אַנדער קולטור-געביט האָבן אַ ווערט נאָר דעמאָלט און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זיי אַליין — די אינטערפּרעטאַציעס און קריטיקן — זיינען אמת'ע שאַפונגען, דאָס הייסט אויף וויפיל זיי זיינען אַן אויסדרוק פון אַן אָריגינעלער און באַדייטנדיקער פּערזענלאַכקייט. און אַלע אמת'ע שאַפונגען זיינען קולטור-אויסדרוקן, און ווי אַזעלכע זיינען זיי ג ל י י כ ו ו ע ר ט י ק. די מחיצות, וואָס זיינען לעצטנס אויפגעבויט געוואָרן צווישן די פאַרשיידענע קולטור אויסדרוקן, זיינען אי שעדלאַך פאַר דער מענטשלאַכער קולטור, אי אַבסאָלוט אומבאַגרינדעט אין ליכט פון קולטור, ווען זי ווערט אויפגענומען אין איר גאַנצער גאַנצקייט. די גאַנצע גערעדעריי וועגן תהומן צווישן אַזאַ אָדער אַן אַנדער אויסדרוק פון קולטור, צווישן אַזאַ אָדער אַן אַנדער אַנטפּלעקונג פון די סודות, וועלכע ליגן אין די פאַלדן פון דער אוניווערסאַלער עקזיסטענץ איז אַן אילוזיע, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער צורונען ווערן פון אַ שאַרפן און אַלץ אַרומנעמענדיקן קולטור-בליק, ווי דער שניי פון אַ שאַרפן שטראַל פון דער פרילינג-זון.

איז עס טאַקע, פרעג איך, אוממעגלאַך אויף אַ קינסטלערישן אופן צו צוקומען צו דער פילאָסאָפיע, און אויף אַ פילאָסאָפישן אופן צו דער קונסט און דורך זיי ביידע צו דער וויסנשאַפט און מיט דער וויסנשאַפט צוריק צו די פילאָסאָפישע, קינסטלערישע און רעליגיעזע קולטור-אויסדרוקן? און איך ענטפער: אודאי און אודאי איז דאָס מעגלאַך! אַ סימן און אַ באַווייז פאַר דער מעגלאַכקייט איז דאָס, וואָס דאָ און דאָרט זיינען שוין לאַנג צוריק געבראָכן געוואָרן די מחיצות און אָפּגעשאַפט געוואָרן די תהום'ען, און איצט מערקט זיך גאָר אַ שטאַרקע נייגונג און טענדענץ אין דער ריכטונג פון אַלץ אַ גרעסערער און גרעסערער אַנער-קענונג פון אַן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג און אָביעקטיווער גלייכווערטיקייט פון אַלע קולטור-אויסדרוקן. אַלץ וואָס איז נויטיק איז אַ קאָנקרעטערער און טיפערער באַוואוסטזיין פון דער ווינטשנסווערטיקייט פון אַזאַ ריכטונג. אַזאַ באַוואוסטזיין וואָלט געדינט ווי אַן אָנרעגונג און באַלייכטונג אויף דעם וועג צו אַ שטאַרקערער און שטאַרקערער אינטימיטעט, באַהעפטונג און סינטעטישקייט פון אַלע אויסדרוקן פון קולטור.

האָט דאָך שוין דער טאַטע פון דער פילאָסאָפיע, פּלאַטאָ, איבער-געגעבן די טיפסטע און גרעסטע פילאָזאָפישע סיסטעם אויף אַ ריין קינסטלערישן אופן. קען די קונסט זיך באַרימען מיט שענערע קינסט-לערישע שאַפונגען ווי פּלאַטאָ'ס „סימפּאָזיום"? און האָט דען נישט דער וויסנשאַפטלאַכער מאַטעריאַליזם פון גריכנלאַנד זיך פאַרקערפּערט אין

זיין גאַנצער אָפּגעשלאָסנקייט פון יענער תקופה אין לוקרעציאוס' פּאָעמע „דע רערום נאַטוראַ".

אין לאַנגע'ס „געשיכטע פון דעם מאַטעריאַליזם" פאַרנעמט די דאָזיקע דידאַקטישע פּאָעמע וועגן נאַטור א גאַר גאַר אָנזעעוודיקן אָרט. אָן ערך פון דרייסיק זייטן גיט לאַנגע אוועק פאַר א וויסנשאַפטלאַך־פילאָזאָפישן אַנאַליז פון דער דאָזיקער שטאַרקער און טיפער פּאָעמע. „די מאַטעריאַליסטן פון דעם לעצטן יאָרהונדערט" — זאָגט לאַנגע — „האָבן געשטודירט און ליב געהאַט לוקרעציאוס". און לאַנגע'ס אייגענע ליבע און באַגייסטערונג פאַר לוקרעציאוס און זיין פּאָעמע זעען מיר פון לאַנגע'ס פאָלגנדיקע ווערטער: „דער ענטוזיאַזם, מיט וועלכן ער (לוקרעציאוס) באַקעמפט די דערלייזונג, וואָס מען האָט געדיינקט, אַז זי געפינט זיך אין זיין (עפּיקורעסעם) פילאָזאָפיע — א דערלייזונג פון די צרות און דעם ניהיליזם פון יענע צייטן, גיט זיין ווערק א דערהויבענעם טאָן, א התלהבות פון גלויבן און איינבילדונג, וואָס גייט א סך העכער פאַר דער אומשולדיקער לויטערקייט פון עפּיקורס לעבן, און נעמט אָפּט אָן א סטאָאישן אימפּעט — — — די ריינקייט, קרעפטיקייט און שטאַרקייט פון השגה, וואָס לוקרעציאוס האָט ארויסגעוויזן זיינען געווען זעלטן אין זיין שול, און אפשר קען מען זיי שוין נישט אָנטרעפן נאָכאַמאָל פון לוקרעציאוס צייטן ביז אויף היינטיקן טאָג".

און וואָס איז מכח אונזער אייגענעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט? האָט די בילדערישקייט און קינסטלערישקייט, וועלכע איז ביי בערגסאָנען געקניפּט און געבונדן מיט א שטרייגג וויסנשאַפטלאַכער אַנאַליטיק, אויף א האָר געשטערט זיינע פילאָזאָפישע טיפקייטן צום אויסדרוק צו קומען? האָט דען זיין ריין וויסנשאַפטלאַכע און אַנאַליטישע צוגלידערונג פון די אַלע ביז אים עקזיסטירנדיקע באַגריפן פון עוואָלוציע ניט געפירט דערצו, אַז אַלע וויסנשאַפטלער זאָלן פון דעמאָלט אָן און ווייטער אוועקשטעלן אַלע זייערע פאָרשונגען אין ליכט פון בערגסאָנ'ס פילאָזאָפיש־קינסטלערישן באַגריף פון באַשאַפנדיקער עוואָלוציע? און האָט דען נישט בערגסאָנ'ס אינטואיטיוו־קינסטלערישער געפיל פון א שטענדיק לויפנדיקן און אומאויפהערלאַך שאַפנדיקן און דערפאַר זיך בייטנדיקן שטראָם פון דויער, וואָס פון אים זיינען צייט און רוים נישט מער ווי קריסטאַליזאַציעס אָדער אייביקע און אוניווערסאַלע אויסגעשפּרייטקייטן — האָט דען ניט אָט דער דאָזיקער אינטואיטיוו־קינסטלערישער דערפיל פון א דויער, וואָס איז צום ערשטן מאָל מיט בערגסאָנ'ען געקומען צום באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט, א שטויס געגעבן אַלע וויסנשאַפטן אין גאַנץ נייע ריכטונגען

א דאַנק דעם גאַנץ נייעם פילאָזאָפישן באַגריף וועגן צייט-און-רוים שייכות׳ן?

מער אָבער פאַר אַלע האָט אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַנערקענט די קעגנזייטיקייט און אָפּהענגיקייט פון אַלע קולטור-צווייגן און קולטור-אויסדרוקן דער גרויסער וויסנשאַפטלער אַלפרעד גאָרד ווייטהעד.

אין זיין בוך „וויסנשאַפט און די מאָדערנע וועלט", האָט ער אַזוי אָרגאַניש צונויפגעפלאָכטן אַלע קולטור-אויסדרוקן, אַז ווען ער זאָל אָנרופן דאָס בוך אַנשטאָט וויסנשאַפט-פילאָזאָפיע, ליטעראַטור אָדער רעליגיע, וואָלט דער אינהאַלט פון בוך געווען אין אַנקלאַנג מיט דעם נאָמען. אין דעם דאָזיקן בוך פאַרטיפט און פאַרברייטערט ווייטהעד אויף אַן אויסערגעוויינטלאַכן אופן די וויסנשאַפט דורך דער פילאָזאָפיע, און די לעצטע פאַרשטאַרקט ער דורך דער ערשטער. דורך דעם ווידער וואָס ער לייענט אַרויס אי וויסנשאַפט, אי פילאָזאָפיע פון דער ליטעראַטור, גיט ער צו אַ וועלט מיט שיינקייט, אַ וועלט מיט קאָנקרעטקייט צו דער וויסנשאַפטלאַכער פילאָזאָפיע, און די נשמה פון דעם ליטעראַטור-לייענער באַרייכערט ער דורך דעם מיט אַ סך וויסנשאַפטלאַכע און פילאָזאָפישע אינהאַלטן, וועלכע ער מאַכט אַרויסצוקומען פון די באַהעלטענישן אין די קנייטשן און פאַלדן פון דער ליטעראַטור. ער לאָזט אויך נישט אויס פון דעמדאָזיקן בוך די רעליגיע, וועלכע וואַקסט און אַנטוויקלט זיך מיט דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון די שוין דערמאָנטע קולטור-אויסדרוקן פונקט אַזוי פיל, ווי די לעצטע וואַקסן און אַנטוויקלען זיך דורך דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון די מענטש-און-גאָט שייכות׳ן.

איך וועל דאָ ברענגען די מיינונגען פון ווייטהעד׳ן, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג פון די קולטור-אויסדרוקן, פאַר וועלכן איך שטעל זיך איין — מיינונגען, וועלכע איך באַטראַכט אויך ווי אַן אָנזאָג אויף דעם אָנקום פון דער צייט, ווען עס וועט נישט בלייבן מער קיין סימן פון אויסדערוויילטקייט פון איין קולטור-אויסדרוק לגבי דעם אַנדערן, און ווען שאַפונגען אויף איין געביט, וועלן צוליב זייער אָרגאַנישער אַנגעשלאָסנקייט אָן אַנדערע געביטן, אַלעמאָל געלייענט און אַרויסגעלייענט ווערן אין ליכט פון די קולטור-שאַפונגען אויף אַלע אַנדערע געביטן, און וועלן גאָר אָפט אוועקגעשטעלט ווערן אין ליכט פון דער קולטור ווי אַ סינטעטישע גאַנצקייט.

ב.

פילאָזאָפיע, רעליגיע, וויסנשאַפט און קונסט פליסן ארויס פאַר וויטהעד׳ס וועלט-בליק פון איין-און-איינציקן קוואַל, און דערפאַר גלויבט ער, אַז צווישן זיי קען ניט זיין קיין אַנדערע ווי נאָר אַן אינטים אָר-גאַנישע שייכות. ער געפינט א סטימולירנדיקן איינפלוס און א גוטע ניט-פאַרלאָרנגייענדיקע ווירקונג אויף דעם אייראָפּייאישן געדאַנק אפילו אין דער סכאָלאַסטישער לאָגיק און מיטלאַלטערלאַכער טעאָלאָגיע. און אָן אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע וואָלט, דענקט ער, גאַליליי׳ס וויסנשאַפט אָדער אין גאַנצן נישט געווען, אָדער זי וואָלט געווען אַן אַנדערע ווי זי איז.

„די געוואוינהייט״ — שרייבט וויטהעד — „פון באַשטימט עקזאַקטן דענקען איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אינ׳ם אייראָפּייאישן געדאַנק דורך דער לאַנגער הערשאַפט פון סכאָלאַסטישער לאָגיק און סכאָלאַסטישער גאָטהייט. די דאָזיקע געוואוינהייט איז, נאָך דעם ווי די פילאָזאָפיע איז פאַרשטויסן געוואָרן, געבליבן די אומשאַצבאַרע געוואוינהייט פון זוכן אַן עקזאַקטן פונקט און האַלטן זיך אין אים ווען מען האָט אים געפונען. גאַליליי האָט צו פאַרדאַנקען אריסטאָטעל׳ען מער איידער דאָס ווייזט זיך ארויס אויף דער אויבערפלאַך פון זיינע דיאַלאָגן. ער האָט אים צו פאַרדאַנקען זיין קלאָרן קאָפּ און זיין אַנאַליטישן געדאַנק — דער גלויבן אין דער מעגלאַכקייט פון וויסנשאַפט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פריער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער וויסנשאַפטלאַכער לערע, איז אַן אומבאַוואוסטער אָפּשטאַם פון מיטלאַלטערלאַכער טעאָלאָגיע. (ז. ז. 17-19).

און דער צוקונפטיקער גאַנג פון דער וויסנשאַפט, גלויבט וויטהעד, וועט מוזן זיין א גאַנג נ י ט פון דערווייטערונג און אָפּזונדערונג פון דער פילאָזאָפיע, נאָר פון דערנענטערונג און שטאַרקערן אָנקניפּ אָן דער פילאָזאָפיע. „די אַלטע יסודות פון וויסנשאַפטלאַכן דענקען״ — לייענען מיר ווייטער אין דעמזעלביקן בוך — „ווערן אומפאַרשטענדלאַך. צייט, רוים, מאַטעריע, מאַטעריאַל, עטער, עלעקטריציטעט, מעכאַניזם, אָרגאַניזם, קאָנפיגוראַציע, סטרוקטור, מאָדעל, פונקציע — אַלע פאָדערן זיי אַן אינ-טערפרעטאַציע פון דאַסניי. וואָס פאַר א זין צו ריידן וועגן מעכאַנישער דערקלערונג, ווען מען ווייסט נישט וואָס מען מיינט אונטער מעכאַניק? — — — כדי די וויסנשאַפט זאָל נישט דעגענערירט ווערן צו א מישמאַש פון „אדהאָק״ השערות, מוז זי ווערן פילאָזאָפיש; און זי מוז אונטער-נעמען א גרינדלאַכע קריטיק פון אירע אייגענע יסודות״. (ז. ז. 24 - 25).

די וויסנשאַפט איז און דאַרף זיין אָנגעקניפּט נישט נאָר אָבער אין

דער פילאָזאָפיע, נאָר זי איז און דאַרף ווערן אַלץ מער אָנגעקניפּט, אַריינגעוועבט און דורכגענומען מיט אַלע אויסדרוקן פון קולטור. דער מהות און די אָנטרייבנדיקע אַנטוויקלונגס־קראַפט פון דער וויסנשאַפט איז דער גלויבן, אַז אין דער נאַטור איז פאַראַן א סדר און שכל׳דיקייט, און אַז פון אַלע פינצטערע בלינדקייטן שלאָגט ארויס און זעצט זיך דורך א ליכטיקע זעעוודיקייט. דער דאָזיקער גלויבן איז נישט קיין פּראָדוקט פון אָן א שיעור צונויפגעקליבענע פאַקטן אין דער וועלט, וואָס ליגט אויסווייניק פון אונז — נאָר ער איז א פועל יוצא פון דעם פילן די ליכטיקייט און די זעעוודיקייט אין אונז גופא. דאָרט, אין די טיפענישן פון אונזער נשמה און אונזער גייסט, נעמט אָן די דאָזיקע זעעוודיקייט און ליכטיקייט געשטאַלטן נישט נאָר פון שכל׳דיקייט, נישט נאָר פון אמת, נאָר אויך פון שיינקייט, גערעכטיקייט, פון פרייהייט — קורץ, געשטאַלטן פון אַלערליי קולטור־אויסדרוקן. פון די זעלביקע טיפענישן, פון דער זעלביקער נשמה און גייסט פילט זיך אויך דאָס פיינלאַכע און אנגסט־לאַכע רייסן זיך פונ׳ם גאַנצן מענטשלאַכן וועזן צום אורקוואַל, וואָס פון אים שלאָגט ארויס אויף אָן אומאויפהערלאַכן אופן די ליכטיקייט און זעעוודיקייט. און דאָס רייסן זיך גופא צום אור־און־אַלץ־קוואַליקן, צום איבערמענטשלאַכן, — איז דער אָנליין־פּונקט פאַר אַלע גלויבנס און פילט אָן מיט זין און אינהאַלט אַלע זוכענישן, די וויסנשאַפטלאַכע אַריינגערעכנט. די וויסנשאַפט מוז דעריבער באַטראַכט ווערן ווי אָן אבר אין דעם קולטור־אָרגאַניזם. דעמדאָזיקן געדאַנק דריקט אויס ווייטהעד אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

„דער גלויבן אין דעם סדר פון דער נאַטור, וואָס האָט מעגלאַך געמאַכט דעם וואוקס פון וויסנשאַפט, איז א ספּעציפישער ביישפּיל פון א טיפערן גלויבן. דער דאָזיקער גלויבן קען נישט גערעכטפאַרטיקט ווערן דורך אָ וואָסער עס איז אינדוקטיווער פאַראַלגעמיינערונג. ער אַנטשטייט פון א דירעקטער אונטערזוכונג פון דער נאַטור פון זאַכן, ווי זיי אַנטדעקן זיך אין אונזער אייגענער אוממיטלבאַרער קעגנוואַרטיקער דערפאַרונג. מען קען זיך ניט אָפּטיילן פון דעם אייגענעם שאָטן. צו דערפאַרן דעם דאָזיקן גלויבן מיינט צו ווייסן, אַז זייענדיק דאָס, וואָס מיר זיינען, זיינען מיר מער אייִדער דאָס, וואָס מיר זיינען. עס מיינט צו ווייסן, אַז אונזער דערפאַרונג, טונקל און פראַגמענטאַריש ווי זי איז, גרונטעוועט פונדעסטוועגן די סאַמע לעצטע טיפענישן פון דער רעאַליטעט; עס מיינט צו ווייסן, אַז די אָפּגעריסענע איינצלהייטן, כדי צו זיין דאָס וואָס זיי זיינען, פאָדערן אַז זיי זאָלן זיך געפינען אין א סיסטעם פון זאַכן;

עס מיינט צו וויסן, אַז דער דאָזיקער סיסטעם שליסט איין די האַרמאָניע פון שכל'דיקייט און די האַרמאָניע פון עסטעטישער דערגרייכונג. עס מיינט צו וויסן, אַז בעת די האַרמאָניע פון לאָגיק ליגט אויף דער אוניווערס ווי אַן אייזערנע נויטווענדיקייט, שטייט פאַר איר די עס-טעטישע האַרמאָניע ווי אַ לעבעדיקער אידעאַל, וועלכער מאָדעלירט דעם אַלגעמיינעם פלוס אין זיין ניט-פליסנדיקן פאָרטשריט אין דער ריכטונג פון איידעלערע און סובטילערע אויסגאַנגען". (זז. 27-28).

אַזאַ באַציאונג און אַזאַ אַריינלעבן און אַריינוועבן זיך אין עסטעטישע דערגרייכונגען מצד איינעם, וואָס איז באַרופן געוואָרן צו דינען דער וויסנשאַפט אויף אַן עכט-שעפערישן אופן, איז אַן אויסערגעוויינטלאַכע זעלטנקייט. פאַר מיר איז ווייטהעד'ס אויפטו אַ שוואַלבישער אָנזאָג אויף דעם נאָענטן אָנקום פון אַ צייט, ווען יעדער שאַפער אויף איין קולטור-געביט וועט האָבן דעם ווילן און די פייאיקייט דורכצונעמען אַלע דערגרייכונגען אויף אַנדערע קולטור-געביטן אין ליכט פון זיין געביט, און אין ליכט פון די דאָזיקע אַלע דערגרייכונגען טרייבן מיט מער אימ-פעט די אַנטוויקלונג פונ'ם קולטור-צווייג פון זיין אייגענעם באַרוף.

די מאָדערנע וועלט מיינט אייגנטלאַך פאַר ווייטהעד'ן דער נייעסטער געדאַנקן-פלוס פונ'ם אַלוועלטלאַכן גייסט, ווי ער שלאָגט זיך דורך און אַנטפּלעקט זיך צום מענטשן. און אינ'ם ליכט פון דעמדאָזיקן געדאַנקן-פלוס נעמט ער דורך די אויפטואונגען און די דערגרייכונגען פון דער וויסנשאַפט, און אויך פאַרקערט, אין זייער ליכט — דעם נייעסטן פלוס פון דעם גייסט און געדאַנג פון מענטשן אין אַלע זיינע ראַמיפיקאַציעס.

און מיט אַ וויסן און אַ פילן, וואָס איז זעלטן פאַר אַ וויסנשאַפטלער, ווייסט און פילט ווייטהעד, אַז אַן איבערלעבונג פון געשעענישן און אַן אַריינלעב אין זאַכן און געשעענישן טראָגן אין זיך אַ טיפערע, אַ מער אַרומנעמענדיקע און אמת'ערע דערקענטעניש ווי דאָס אויפנעמען פון געשעענישן מיט'ן פאַרשטאַנד און מיט דער לאָגיק. דער קאָנקרעטער אַריינבליק איז פאַר אים מער ווערט ווי די אַבסטראַקטע דעדוקציע, און דערפאַר דאַרפן די קאָנקרעטע אַריינבליקן האַלטן וואַך איבער די אַבסטראַקציעס. און אַלע אַבסטראַקציעס דאַרפן פון צייט צו צייט רע-ווידירט ווערן אין ליכט פון די קאָנקרעטע דערקענטענישן — אין ליכט פון די דערקענטענישן, וואָס אין זיי איז די אינטואיציע אַ גרעסערער פאַקטאָר און אַ שטאַרקערע אָנטרייב-קראַפט איידער די לאָגיק. און דערפאַר מוזן די וויסנשאַפטלער לאָזן אַלע זייערע השערות דורכגענומען ווערן מיט די שטראַלן פון פילאָזאָפיע, און זייביידע, אי דער וויסנ-

שאַפטלער, אי דער פילאָזאָף, מוזן און זאָלן אַזוי אָפט ווי מעגלאַך טרינקן פון די קונסט-קוואַלן. און דאָס אַלץ דאַרף און זאָל געטאָן ווערן, כדי וואָס מער צו באַזונגען און צו באַוואַסערן דאָס לאָגישע וויסן מיט דער אינטואיטיווער דערקענטעניש און מיט דער קאָנקרעטער בילדלאַכקייט.

איין אינטואיטיווער אַריינבליק, איין קאָנקרעט-בילדלאַכער אַריינ־דרינג איז בכח אַרויסצובריינגען און זיך פּנאַנדערצעוואַקסן אין אַן אַ שיעור אַבסטראַקציעס, היפּאָטעזן און אַלערליי לאָגישע דעדוקציעס. זיי אַלע בלייבן אָבער פאַרגליווערט און אומפּרוכטבאַר, זיי פאַרלירן זייער דינאַמיש-אָרגאַנישע קראַפט אָן די וויטערדיקע און נייערע אָנשטרייננגונ־גען פון דער אינטואיציע און קאָנקרעטער בילדלאַכקייט, און אָן די ווי־טערדיקע אָנרעגונגען, באַלויכטונגען און דערוואַרימונגען זייערע. פאַר דער וויטערדיקער אָבער אָנשטריינגונג פון דער אינטואיטיווער קאָנקרעט־קייט און קאָנקרעטער אינטואיטיווקייט איז נויטיק אַ שטענדיקער קאָנ־טאַקט, אַן אינטימע דורכגענומענקייט מצד דעם קאָנקרעט-אינטואיטיוון שאַפער מיט דעם אַלץ וואָס איז אַרויסגעקומען אל הפועל פון דעם כח, וועלכער ליגט אין דער אינטואיציע און אין דער קאָנקרעטער בילד־לאַכקייט. און דערפאַר איז שטאַרק נויטיק פאַר דעם גיין פאָראויס פון דער קולטור אויך דער פאַרקערטער פּראָצעס — דער פּראָצעס פון גיין פון דער קונסט צו דער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. עס איז נויטיק אַן אינטימע באַקאַנטשאַפט פון קינסטלער מיט דער פילאָזאָפיע, און פון זיי ביידן, פון קינסטלער און פילאָזאָף, — מיט דער וויסנשאַפט.

„די פילאָזאָפיע — שרייבט ווייטהעד — איז די קריטיק פון אַבסטראַק־ציעס. אַ ציוויליזאַציע, וואָס קען נישט דורכברעכן אירע לויפנדיקע אַבסטראַקציעס, איז פאַר'משפּט צו אומפּרוכטבאַרקייט נאָך אַ זייער באַגרעניצטער תּקופה פון פּראָגרעס. אַן אַקטיווע שול פון פילאָזאָפיע איז אַזוי נויטיק פאַר דער באַוועגונגספּייאיקייט פון אידייען, ווי אַן אַקטיווע שול פון באַן-אינזשענערן פאַר דער באַוועגונג-קראַפט פון דעם ברענ־מאַטעריאַל — — — דער חסרון פון דער וויסנשאַפטלאַכער סכעמע פונ'ם אכצענטן יאָרהונדערט באַשטייט אין דעם, וואָס זי ווייזט נישט אָן אויף קיין איינעם פון די עלעמענטן, וואָס שטעלן צונויף די אוממיטלבאַרע פּסיכאָלאָגישע דערפאַרונגען פון דער מענטשהייט. זי גיט אונז אויך נישט קיין שום עלעמענטאַרן שפּור פון דער אָרגאַנישער איינהייט פון אַ גאַנצן, וואָס פון אים זאָלן קענען אַרויסקומען די אָרגאַנישע איינהייטן פון עלעקטראָנען, פּראָטאָנען, מאָלעקולן און לעבעדיקע קערפּער. לויט דער דאָזיקער סכעמע איז נישטאָ קיין שום אורזאַך אין דער נאַטור פון

זאַכן, פּאַרוואָס טיילן פון שטאָף זאָלן האָבן אַ וואָסער עס איז שייכות איינער צום אַנדערן. לאָמיר צוגעבן, אַז מיר קענען נישט האָפן צו זיין בכח זיך צו דערוויסן פּאַרוואָס די געזעצן פון דער נאַטור זיינען נויטווענדיק. מיר קענען אָבער יאָ האָפן צו זען, אַז עס איז נויטיק, אַז עס זאָל זיין אַ סדר אין דער נאַטור." (זז. 107-108).

און פאַר דער דאָזיקער דערבליקונג פון די עלעמענטן פון די אומ־מיטלבאַרע פּסיכאָלאָגישע מענטשלאַכע דערפאַרונגען און פאַר דער דאָזיקער דערזעאונג פון אָרגאַנישער איינהייט פונ'ם גאַנצן, וואָס קען פאַנאַנדערפאַלן אין אַ שיעור טיילן, און וואָס קען אָבער נישט פון קיין שום סכום פון זיי צונויפגעשטעלט ווערן — פאַר דער דערבליקונג און דערזעאונג פון דעם גאַנצן, וואָס אַנטפּלעקט זיך דורך זיינע אויסדרוקן אין דעם סדר פון דער נאַטור און וואָס דעקט זיך אָבער בשום אופן נישט מיט זיי — אָט פאַר אַזעלכע דערבליקונגען און דערזעאונגען פון אָרגאַנישקייט און גאַנצקייט דאַרפן מיר, דיינקט ווייטהעד, גיין צו דער קונסט.

און אויף אַזוי פיל אויף וויפיל די וויסנשאַפט האָט ביז דער לעצטער צייט נישט געוואָלט וויסן פון דער נויטיקייט פון אַלע פילאָזאָפישע און קינסטלערישע אַריינבליקונגען און אַריינדרינגונגען אין די קאָנקרעטע מהות'ן און תמצית'ן פון זאַכן און געשעענישן, כדי נענטער צוצוקומען צו דעם „וואָס" און „ווי אַזוי" פון דער רעאַליטעט — אויף אַזויפיל איז די קונסט, צו גליק פון דער מענטשהייט, זיך געגאַנגען איר וועג אַזוי, ווי עס וואָלט גאָר קיין וויסנשאַפט אויף דער וועלט נישט געווען.

„ביז נישט לאַנג צוריק — זאָגט ווייטהעד — האָבן כמעט אַלע שרייבער זיך געווייקט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור און אין דער ליטעראַטור פון דעם רענעסאַנס — — — דער וויסנשאַפטלאַכער אויסבליק איז אין אַלגעמיין פּשוט איגנאָרירט געוואָרן".

די קונסט בכלל, און די ליטעראַטור בפרט האָט זיך איינגעהערט צו די טיפערע בענקענישן און זוכענישן, גאָרענישן און וועלענישן פון דער מענטשלאַכער נשמה, וואָס זיי האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיט די וויסנשאַפטלאַכע לאָגיש-אָנגענומענע השערות. און דערפאַר דאַרפן מיר גיין צו דער ליטעראַטור, ווען מיר ווילן דערקענען דאָס טיפערע און דאָס מער אמת'ע דיינקען און פילן פון דעם מענטשן און דעם דור, אין וועלכן ער לעבט. אין דער ליטעראַטור באַקומט דער קאָנקרעטער פּרצוף פון דער מענטשהייט זיין אויסדרוק. צו דער ליטעראַטור, דער עיקר צו אירע מער קאָנקרעטע פאָרמען, נעמלאַך, פּאָעזיע און דראַמע דאַרפן מיר קוקן,

אויב מיר האָפן צו אַנטדעקן די אינווייניקסטע געדאַנקען פון א דור".
(ז. 110).

די גאַנצע גייסטיקע צערודערטקייט, באַדנלאָזיקייט, אומפעסטער גלויביקייט און גלויביקער אומפעסטקייט פון דעם 19טן יאָרהונדערט, געפינט וויטהעד אויסגעדריקט אין דער פּאָעזיע פון טעניסאָן און מעטיו אַרנאָלד.

טעניסאָנ'ס פּאָעמע „אין מעמאָריאַם" — אַזוי שרייבט וויטהעד — הויבט זיך אָן:

שטאַרקער ז ו ן פון גאָט, אומשטערבלאַכע ל י ב ע,
וואָס מיר, וועלכע האָבן דיין פּנים נישט געזען,
דורך גלויבן, און בלויז גלויבן נעמען ארום,
גלויבנדיק דאָרט, וואו מען קען ניט באַווייזן.

„שוין דאָ ווערט אָנגעקלאַפּט דער טאָן פון פאַרווירונג. דער ניינצנטער יאָרהונדערט איז געווען א פאַרווירטער יאָרהונדערט אין א זינען, וואָס איז נישט אמת בנוגע קיינע פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער פון פאַר דער מאָדערנער תקופה. אין די פריערדיקע צייטן זיינען געווען איינע קעגן די אַנדערע אויף דעם ביטערסטן אופן וועגן פראַגן, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט פאַר פונדאַמענטאַל. אָבער מיט דעם אויסנאַם פון אייניקע בלאָנדזשענדיקע, איז יעדער מחנה געווען גאַנצהאַרציק. די וויכטיקייט פון טעניסאָנ'ס פּאָעמע ליגט אין דעם פאַקט, וואָס זי האָט גענוי אויסגעדריקט דעם כאַראַקטער פון זיין תקופה.

„מעטיו אַרנאָלד, נאָך מער אפילו פאַר טעניסאָן, איז געווען דער פּאָעט וואָס האָט אויסגעדריקט די דאָזיקע שטימונג פון אינדיווידועלער צומישטקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעמדאָזיקן יאָרהונדערט.

פאַרגלייך מיט „אין מעמאָריאַם" די לעצטע שורות פון אַרנאָלד'ס „דאָווער ביטש":

און מיר זיינען דאָ ווי אויף א פינצטערן פּליין
פאַרטראָגן מיט צעמישטע ליאַרעמס פון קאַמף און אַנטלויף,
וואו אומוויסנדיקע מחנות שטויסן זיך צונויף ביינאַכט.

און אויב טעניסאָן און אַרנאָלד זיינען די אויסדריקער פון דעם גייסט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, זיינען די פּאָעטן וואָרדסוואָרט און שעלי — פאַר וויטהעד'ן — די פאַרלויפער, די בשורה-אָנזאָגער פון דעם וועלט-גייסט, וועלכער איז געקומען און קומט צום אויסדרוק ערשט איצט, אינ'ם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

זיין אייגענעם פילאָזאָפישן בליק אויף דער וועלט, א בליק וואָס

זעט הינטער יעדער דערשיינונג און זאַך אין דער וועלט א פּסיכיש אָדער גייסטיק-אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטונג און אין די דאָזיקע אַלע געשטאַלטונגען גופא — אויסדרוקן פון אַן איין-און־איינציקן אוניווערסאַלן גייסט — אָט דעם דאָזיקן פילאָזאָפישן בליק זיינעם לייענט אַרויס ווייטהעד פון וואָרדסוואָרט׳ס און שעלי׳ס פּאָעזיע, אָדער אפשר איז ער גאָר צו דעמדאָזיקן בליק געקומען און געפירט געוואָרן דורך דער פּאָעזיע.

אין קורצן פאָרמולירט ווייטהעד זיין פילאָזאָפישע-אָנשויאונג אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „דער גאַנצער באַגריף פון מאַטעריאַליזם איז חל בלויז אויף די זייער אַבסטראַקטע וועזנטלאַכקייטן, די פּראָדוקטן פון לאָגישער פאַנאַדערשיידונג. די קאָנקרעט-דויערנדיקע וועזנטלאַכקייטן זיינען אָרגאַנ(יזמען, אַזוי אַז דער פּלאַן פונ׳ם ג א נ צ ן באַאיינפלוסט דעם עצם-כאַראַקטער פון די פאַרשיידענע אונטערגעאָרדנטע אָרגאַניזמען, וואָס גייען אַריין אין אים. — — — דער עלעקטראָן לויפט בלינדערהייט סיי אינעווייניק אין קערפּער, סיי אויסנווייניק פון קערפּער. אָבער אינעווייניק אין קערפּער לויפט ער אין אָנקלאַנג מיט זיין כאַראַקטער, וואָס ער פאַרמאָגט אינעווייניק אין קערפּער, דאָס מיינט צו זאָגן אין אַנקלאַנג מיט דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פון קערפּער. און דער דאָזיקער פּלאַן שליסט איין העם גייסטיקן צושטאַנד. דער פּרינציפּ אָבער פון פאַרענדערונג איז דורכאויס אַלגעמיין דורך דער גאַנצער נאַטור, און ער שטעלט נישט פאָר מיט זיך די אייגנשאַפט פון די לעבעדיקע קערפּער בלויז — — — די דאָזיקע לערע מיינט דאָס אויפגעבן פונ׳ם טראַדיציאָנעלן וויסנשאַפטלאַכן מאַטעריאַליזם און דאָס איינשטעלן אַנשטאָט אים די אָלטערנאַטיווע לערע פון אָרגאַניזם“. (זז. 115-116).

די אָרגאַניזם-לערע מעטאַפיזיש גענומען, מיינט אוועקצושטעלן ביים מקור פון דער וועלט א לעבעדיק-גייסטיקע קראַפט, וועלכע דריקט זיך אויס און פאַרווירקלאַכט זיך דורך אינדיווידואַליזירטע געשעענישן און טרעפעניש, וואָס יעדע איינע פון זיי טראָגט אין זיך מהותן פון גייסט. דער דאָזיקער אַלגייסט שליסט אַלץ אין זיך איין, און ער דערלויבט ניט קיין שום זאַך, קיין שום געשעעניש, קיין שום מאָדוס אָדער פאַרענדערונג באַטראַכט צו ווערן ווי אַן אויסגעשלאָסענעם פון אים.

דאָס איז, וואָלט איך געזאָגט, א בערגסאָניזירטער שפּינאָזיזם, מיר האָבן דאָ פאַר זיך די פולסטע שפּינאָזיסטישע אימאַנענץ, אַן אָרגאַניש-איינגעוויקלטער, אַנשטאָט אין א מעכאַניזירטער סובסטאַנץ — אין אַן אַקטיוו-לעבעדיקער גייסטיקער זין-און-באַדייטפולער קראַפט. פאַר שפּי-

נאַטור׳ן איז די וועלט, די נאַטור, וועלכע ער האָט אידענטיפיצירט מיט גאָט, געווען א סובסטאַנץ. אַלץ אין דער נאַטור, אַלץ אין גאָט זיינען געווען אָן א שיעור סובסטאַנץ־פאַרענדערונגען אין זייער אומבאַגרעניצטער פאַרשיידנאַרטיקייט. די דאָזיקע סובסטאַנץ אָבער, מיט אַלע אירע צו אונז אויסזעענדיקע אומענדלאַכע פאַרענדערונגען איז אַליין אין זיך, אין איר עצם מהות און איר טיפסטער טיפקייט, געווען און געבליבן אַן אומפאַרענדערנדיקע און א נישט־אַנדערש־ווערנדיקע פון אייביק ביז אייביק. אַזאַ באַגריף וועגן אַ וועלט־מקור רעגט נישט אין אונז קיין פאַרשטעלונג פון אַן אקטיוו לעבעדיקן גייסט, וואָס זוכט און שטרעבט צו קומען צום אויסדרוק, און וואָס שטריינגט זיך אָן זיך צו רעאַליזירן און אינדיווידואַליזירן אויף אַלערליי אופנים. עס איז דער דאָזיקער סובסטאַנץ־באַגריף, אַן איינגעשמידטער אין די קייטן פון דעטערמיניזם, וואָס האָט מעגלאַך געמאַכט, אַז פאַר אַ געוויסער צייט זאָל דער מאַטעריאַליזם געפינען אַ שטיצפּונקט אין דעם ספּינאָזיזם.

וויטהעד שטעלט אַוועק אַנשטאָט נייטראַלער סובסטאַנץ אַן אַקטיוו־גייסטיקע וועזנטלאַכקייט, וועלכע רעאַליזירט זיך אויף אַן אומענדלאַכער צאָל אופנים און דריקט זיך אויס אין אָן אַ שיעור איינע די אַנדערע באַווירקנדיקע און איינע אין די אַנדערע אַנגעשלאָסענע מאָדוסן. צו רעאַליזירן זיך אויף אַ ממשות׳דיקן און ווערטפולן אופן מיינט ווידער נישט נאָר זיך ארויסברייינגען מכח אל הפועל, נאָר אויך — צו שאַפן אין זיך און דורך זיך נייע כחות. און יעדער „כח" ווי יעדער „פועל" האָט אַ נייעם ווערט, אַ נייעם זין און באַטייט.

אויף זיין פילאָזאָפישער קרובה׳שאַפט מיט ספינאָזאַ׳ן, אַזוי גוט ווי מיט בערגסאָנ׳ען, איז וויטהעד — ווי יעדער איינער אייגנטלאַך גרויסער דיינקער פון היינטיקער צייט — גוט באַוואוסט. בנוגע ספינאָזאַ׳ן אין שייכות צו זיך, זאָגט וויטהעד: „אין דער אַנאַלאָגיע מיט ספינאָזאַ׳ן איז זיין סובסטאַנץ פאַר מיר די יסודות׳דיקע זיך רעאַליזירנדיקע טעטיקייט, וועלכע אינדיווידואַליזירט זיך גופא אין אַ צונויפגעפלאָכטענער פּלוראַליטעט פון מאָדוסן".

און אין שייכות צו בערגסאָנ׳ען קומען די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אין אַ סך וועגן זיינען ניט דעקאַרט און ניט דזשיימס געווען די כאַראַקטעריסטישע פילאָזאָפן פון זייער באַטרעפנדיקער עפּאָכע. איך בין געגייגט צוצושרייבן די דאָזיקע פּאָזיציעס צו לאָק׳ן און צו בערגסאָנ׳ען רעספּעקטיוו, אויף אַזוי וויית לפחות, ווי עס איז נוגע זייערע שייכות׳ן צו דער וויסנשאַפט פון זייערע תקופות. — — — בערגסאָן האָט אריינ־

געפירט אין דער פילאָזאָפיע די אָרגאַנישע באַגריפן פון דער פיזיאָלאָגישער וויסנשאַפט. ער איז לחלוטין אַוועק פון דעם סטאַטישן מאַטעריאַליזם פונ׳ם נײַנצנטן יאָרהונדערט. זײַן פּראָטעסט קעגן דער טענדענץ צו רוימיזירן איז אַ פּראָטעסט קעגן דעם אָננעמען פון ניוטאָנישן באַגריף וועגן דער נאַטור פאַר עפּעס אַנדערש איידער אַ הויכע אַבסטראַקציע. זײַן צוריקקער צו דעקאַרט׳ן איז באַגלייט מיט אַן אינסטינקטיוון דורכדרינג מיט דער מאָדערנער ביאָלאָגיע״. (זז. 212-213).

אין דער דאָזיקער ביאָלאָגישקייט אָבער גייט ווייטהעד ווײַטער פאַר בערגסאָנ׳ען. ווייטהעד אידענטיפיצירט די אָריגינעלסטע און פּרימיטיווסטע רעאַליזירונג אָדער אויסדרוק-אַקט פון דער וועלט-קראַפט מיט אַ דערקענטעניש־דערפיל, מיט השגה. אַזאַ אַקט רופט ער אָן „עווענט״, אַ געשעען. דער דאָזיקער „עווענט״ — דער מהות און תמצית פון אַלע נאַטור און וועלט-דערשיינונגען איז פאַר זיך שוין אַ גאַנצער גייסטיקער יש. ער פאַרמאָגט שוין זײַן אייגענע גייסטיקע פאַרב און קאָלאָריט. ער האָט שוין זײַן אייגענע ווערטפולקייט און זעלבסטצוועקיקייט. דאָס דערקלערט פאַרוואָס דער מענטש קען, אַראָפּלאָזנדיק זיך אין די טיפערע, פּרימיטיווערע און אָריגינעלערע אונטערגרונטן פון זײַן אייגענעם זעלבסט, זײַן אייגענער פּערזענלאַכקייט, צוקומען דאָרט צו עפּעס וואָס זאָל אים מאַכן צו דערפילן זײַן ענלאַכקייט מיט דעם העכסטן און פילפאַכסטן אין דער וועלט, אַזוי גוט ווי די ענלאַכקייט זײַנע מיט׳ן נידעריגסטן און איינפאַכסטן, און וואָס זיי ביידע זאָלן ניט זײַן ווײַט אָפּגעשיידט פון דעם, וואָס אונזער פאַנטאַזיע שטעלט אַוועק ביי דעם אורקוואַל פון דער וועלט. דער „עווענט״, דער דערקענטעניש־דערפיל, די אינדיווידואַליזירטע טפיסה אָדער השגה בינדט גאָט, מענטש און וועלט, בינדט דעם אורקוואַל מיט אַלע זײַנע שטראָמען, און שאַפט אויף אַזאַ אופן פאַר אונז אַ בילד פון גייסטיק-דינאַמישער אינדיווידואַליזירטער און פּערזאָנאַפיצירטער אימאַנענץ אַנשטאָט ספינאָזעס סובסטאַנציעל פאַנטעאיסטיש-מעכאַניזירטער אימאַנענץ.

ג.

און כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייטהעד׳ן און וויכטיק פאַר מײַן איינשטעלן זיך פאַר דער אָרגאַנישקייט און גלייכווערטיקייט פון די קולטור-אויסדרוקן איז דאָס, וואָס פאַר דעם דערזען און דערפילן דעם „עווענט״, דעם דערקענטניש געפיל ווי אַ קאָסמישע גרונטלאַגע האָט ווייטהעד, ווי

ער זאָגט אליין אונז, צו פאַרדאַנקן דער קונסט בכלל און דער פּאָעזיע בפרט. ער שרייבט: "גערדיינקנדיק דעם פּאָעטישן פּירוש פון אונזער קאָנקרעטער דערפאַרונג, זעען מיר תיכף, אז דער עלעמענט פון וועלט, פון זייענדיק ווערטפול און האַבנדיק א ווערט, פון זייענדיק א צוועק אין זיך גופא, פון זייענדיק עטוואָס וואָס איז צוליב זיך גופא, טאָר נישט אַרויסגעלאָזן ווערן פון קיין שום חשבון, וואָס מיר געבן זיך אָפּ וועגן א געשעעניש ווי עטוואָס וואָס איז מער פון אַלץ קאָנקרעט און אַקטועל. „ווערט" איז דאָס וואָרט, וואָס איך באַנוץ פאַר דער אינעזווייניקסטער רעאַליטעט פון אן „עווענט". „ווערט" איז אן עלעמענט, וואָס דרינגט דורך ביז צו די טיפענישן דעם פּאָעטישן בליק פון דער נאַטור. מיר דאַרפן בלויז אַריבערטראָגן צום עצם-געוועב פון דער רעאַליזירונג גופא יענעם ווערט, וואָס מיר דערקענען אזוי גרינג אין די טערמינען פון'ם מענטשלאַכן לעבן. דאָס איז דער סוד פון וואָרדזוואָרט'ס פאַרגעטערונג פון דער נאַטור".

אין וויַיטהעד ציטירט די פאָלגנדיקע שורות פון וואָרדסוואָרט'ן:

דו פ א ר א נ ע נ ק י י ט פון נאַטור אינ'ם הימל
און אויף דער ערד! איר ו ו י ז י ע ס פון די בערג!
און נשמות פון איינזאַמע ערטער! קען איך טראַכטן,
אז דו האָסט געהאַט א וואולגאַרע האָפנונג, ווען דו האָסט
זיך באַנוצט
מיט אזא מיניסטעריום, ווען אין לויף פון יאָרן,
פאַרפאָלגנדיק מיך צווישן מיינע אינגלשע ספּאָרטס
אין היילן און אויף ביימער, אין די וועלדער און אויף די בערג,
האָסטו אָפּגעשטעמפּלט אויף אַלע פאָרמען סימנים
פון געפאַר אָדער באַגער, און געמאַכט אזוי אַרום
די אויבערפלאַך פון דער אוניווערסאַלער ערד
מיט טריאומף און תענוג, מיט האָפנונג און שרעק,
צו אַרבעטן ווי א ים? — — — —

פאַרגלייכנדיק וואָרדסוואָרט'ס אויף א פּאָעטישן אופן אויסגעדריקטן בליק אויף דער נאַטור מיט'ן בליק, וואָס די וויסנשאַפט האָט ביז לעצטנס געהאַט אויף דער נאַטור, קומט דער וויסנשאַפטלער וויַיטהעד צום שלוס, אז דער פּאָעט וואָרדסוואָרט איז געווען א סך וויַיטזעעוודיקער ווי אַלע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. די נייע אָדער נייעסטע וויסנשאַפט וועט זיך דעריבער מוזן אַריינלעבן און אָנהויבן איבערצולעבן די קינסטלערישע דערפילונגען און זעאונגען בנוגע צו אַלץ וואָס הייסט

נאַטור, אויב זי וויל אויף אַ דערפאָלגרייכן און פּראָגרעסירנדיקן אופן טרייבן אירע ווייטערדיקע פאָרשונגען.

„דער פּונקט" — זאָגט ווייטהעד — „וואָס איך וויל אַרויסברענגען, ציטירנדיק וואָרדסוואָרט'ן איז, אַז מיר פאַרגעסן ווי אָנגעצויגן און ווי פּאַראַדאָקסאַל עס איז דער בליק אויף דער נאַטור, וואָס די מאָדערנע וויסנשאַפט לייגט אַרויף אויף אונזערע געדאַנקען. וואָרדסוואָרט, ביז צו דער הויכקייט פון גאונות, דריקט אויס די קאָנקרעטע פאַקטן פון אונזער אויפפאַסונגס-קראַפט, פאַקטן וואָס ווערן פאַרקריפּלט אין'ם וויסנשאַפטלאַכן אַנאַליז. איז עס דען ניט מעגלאַך, אַז די שטאַנדאַריזירטע באַגריפן פון דער וויסנשאַפט האָבן אַ ממשות נאָר אין שמאָלע גרענעצן, צו שמאָלע אפשר פאַר דער וויסנשאַפט גופא."

און ווי מיט וואָרדסוואָרט'ן אַזוי אויך מיט שעלי'ן.

„וואָס די בערג" — שרייבט ווייטהעד — „זיינען געווען צו דער יוגנט פון וואָרדסוואָרט'ן, איז די כעמישע לאַבאָראַטאָריע געווען צו שעלי'ן. עס איז אַן אומגליק, וואָס שעלי'ס ליטעראַרישע קריטיקער האָבן אין דער דאָזיקער הינזיכט געהאַט אַזוי ווייניק פון שעלי'ן אין זייער אייגענער געדאַנקלאַכקייט. זיי זיינען געניגט צו באַטראַכטן ווי אַ צופעליקע זאָנדערבאַרקייט פון שעלי'ס נאַטור דאָס וואָס איז אין דער ווירקלאַכקייט אַ טייל פון דער עיקר סטרוקטור פון זיין געדאַנק, וואָס דרינגט דורך זיין פּאָעזיע דורך און דורך".

און דאָ ברענגט ווייטהעד צוויי אויסצוגן פון שעלי'ס פּאָעזיע. אין איינעם פון זיי פירן די ערד און די לבנה אַן אונטעררעדונג צווישן זיך אין דער שפּראַך פון דער אַקוראַטער וויסנשאַפט.

די ערד זאָגט:

„איך שפּין אונטער מיין פּיראַמידע פון נאַכט,
וועלכע וואַקסט אין די הימלען אַריין אַ טרוימענדיקן פאַרגעניגן,
מורמלענדיק זיגרייכע פרייד אין מיין פאַר'כישופ'טן שלאָף;
ווי אַ יונגלינג איינגעשלעפערט אין ליבע-חלומות, שוואַכלאַך קרעכצנדיק
אונטער דעם שאָטען פון זיין שיינהייט ליגנדיק,
וועלכע אַרום זיין רו אַ וואַך פון ליכט און וואַרימקייט טוט האַלטן".

דער דאָזיקער פערז, דיינקט ווייטהעד, האָט געקענט אָנגעשריבן ווערן נאָר פון איינעם, וועלכער האָט געהאַט פאַר זיין אינערלאַך אויג אַ באַשטימטן דיאַמעטרישן דיאַגראַם — אַ דיאַגראַם, וואָס ער אַליין פלעגט דעמאָנסטרירן צו זיינע קלאַסן אין מאַטעמאַטיק.

דער צווייטער אויסצוג איז פון דער פּאָעמע „מאָנט בלאַנק" און

אין אים רעדט זיך וועגן דער שייכות צווישן דער נאַטור און מענטשלאַכן געדאַנק:

„די תמיד דויערנדיקע אוניווערס פון ז אַ כ ן
פליסט דורך דעם געדאַנק און וויגט זיינע זיך שנעל רייסנדיקע כוואַליעס
אַט שוואַרץ — אַט בלישצענדיק — אַט רעפלעקטירנדיק טרויער —
אַט לייסטנדיק גלאַנץ, וואו פון סודות'דיקע קוואַלן
דער מקור פון מענטשלאַכן דיינקען זיין טריבוט ברייננגט
פון וואַסערן — מיט אַ קלאַנג האַלב בלויז זיינער,
אַזאַ ווי אַ שוואַך טייכל וועט אָפּט אָננעמען
אין די ווילדע וועלדער, צווישן דעם באַרג'ס איינזאַם,
וואו וואַסערפאַלן אַרום אים שפּרינגען אַלעמאַל,
וואו וועלדער און ווינטן שטרייטן, און אַן אומגעהויערער טייך
איבער זיינע פעלזן אומאויפהערלאַך פלאַצט און ווילדעוועט.

ווייטהעד איז זיכער, אַז די דאָזיקע שורות האָט שעלי געשריבן אין זינען האָבנדיק אַ וועלכע עס איז פאָרם פון אידעאַליזם — דעם אידעאַליזם פון קאַנטן, בערקלין אָדער פּלאַטאָן. אויף אַזאַ אופן זיינען, לויט ווייטהעד'ן נאָך,ביידע, אי שעלי, אי וואָרדסוואָרט שטאַרקע עדות אויף דעם, אַז די נאַטור קען נישט אָפּגעשיידט ווערן פון אירע עסטעטישע ווערטן, און אַז די דאָזיקע ווערטן אַנטשטייען פון דער אָנזאַמלונג אין אַ געוויסן זין פון „דער ברייענדיקער פאַראַנענקייט פון דעם גאַנצן אין זיינע פאַרשידענע טיילן".

ווייטהעד שטעלט אַוועק וואָרדסוואָרט'ן און שעלי'ן אויף איין ברעט דערהויפּט מיט דעם פילאָסאָף בערקלי און ער רעדט בנשימה אחת וועגן זיי אַלע דריי ווי פון „פאַרשטייער פון אַן אינטואיטיוון אָפּזאָגן זיך פון ערנסט אָנצונעמען דעם אַבסטראַקטן מאַטעריאַליזם פון דער וויסנשאַפט".

אויף אַזאַ אופן ווייזט אונז ווייטהעד בחוש, אַז די וויסנשאַפט איז אין איר ווייטערער און טיפערער אַנטוויקלונג לחלוטין אָפּהענגיק פון דער פילאָסאָפיע, און אַז פאַר דעם העכסט אינטואיטיווסטן און סאַמע טיפסטן אַריינדרינג אין די אמת'ן און מהות'ן פון דער רעאַליטעט און פאַר דער שטאַרקסטער אָנרעגונג צו די זוכענישן פון די דאָזיקע אמת'ן און מהות'ן דאַרף דער וויסנשאַפטלער אַזוי גוט ווי דער פילאָסאָף גיין צו דער עסטעטיק. פאַר איינער פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פון דער פילאָסאָפיע שטעלט ווייטהעד אַוועק די אויפגאַבע פון צו מאַכן אַ סוף

„צו דער אָפּזונדערונג פון דער וויסנשאַפט פון די יאָ־זאָגונגען פון אונ־זערע עסטעטישע און עטישע דערפאַרונגען."

גלייך באַגלייך אָבער מיט די וויסנשאַפטלאַבע, פילאָסאָפישע און עסטעטישע קולטור־אויסדרוקן שטעלט ווייטהעד אויך אַוועק דעם רע־ליגיעזן קולטור־אויסדרוק ווי אַן אויסדרוק, וואָס הענגט אָפּ פון די אַלע איבעריקע אויסדרוקן אין דער זעלבער מאָס, ווי זיי הענגען אָפּ פון אים. איך שטעל מיך באַזונדערס אָפּ אויף דעם רעליגיעזן אויסדרוק, ווייל אפילו פון די וואָס שטעלן זיך איין פאַר אַ שטאַרקער קעגנזייטיקער ווירקונג און ווירקזאַמקייט צווישן די קולטור־אויסדרוקן געפינען זיך אַזעלכע, וואָס ווילן באַטראַכטן דעם רעליגיעזן אויסדרוק ווי אַן אויסדרוק וואָס וועט איינגעשלונגען און אַסימילירט ווערן פון די אַנדערע אויסדרוקן — אייניקע זאָגן פון דער קונסט, אַנדערע זאָגן פון דער פילאָסאָפיע. פאַר אַזאַ, לויט מיין מיינונג, פאַלשן געדאַנק שטעלט זיך איין ניט קיין קלענערער דענקער און פילאָסאָף ווי קראָטשע.

„עס איז אוממעגלאַך" — זאָגט קראָטשע אין זיין בוך עסטעטיק — „איינצוהאַלטן אַזאַ אומפּאָלקאָמענעם און נידעריקן גראַד פון דערקענטע־ניש ווי רעליגיע זייט ביי זייט מיט דעם, וואָס האָט זי איבערשטייגט און האָט באַוויזן איר נישט ריכטיקייט". און נאַטירלאַך מיינט דאָ נישט קראָטשע צו זאָגן, אַז פילאָסאָפיע האָט באַוויזן די נישט ריכטיקייט פון דער אָנערקענונג פון דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט אויף דער וועלט. אַזעלכעס האָט נאָך קיין אמת'ער פילאָסאָף קיין מאָל נישט געזאָגט. וואָס קראָטשע וויל איז אַריבערצוטראָגן די גאָט־דערקענטעניש פון דער רעליגיע אין דער פילאָסאָפיע. ער וויל מאַכן פון דער גאָט און מענטש־שייכות אַ קאַטעגאָריע פון פאַרנונפט און לאָגיק אַנשטאָט אַ קאַטעגאָריע פון גלויבן און עמאָציאָנעלן צוטרוי. אָבער דאָס איז נישט מעגלאַך.

אין דעם מענטשנ'ס נשמה אָדער גייסט, אין דעם מענטשנ'ס גאַנצן פּסיכישן צונויפשטעל, קען קיין שום זאַך נישט אַריבערגיין מכח אל הפועל, קיין שום פּראָצעס וואָס גייט דאָרט אָן, קען נישט ברענגען ווירקונג און ווערן ווירקזאַם איידער עס ווערט אויף דעם אַרויפגעצויגן דאָס הויט און פלייש פון דעם געפיל אָדער עמאָציע. אַזוי אַז אַלע פילאָסאָפישע טראַכטענישן און מעטאַפיזישע ספּעקולאַציעס מוזן סוף כל סוף ווערן עמאָציאָנעל אין דעם פילאָסאָף גופא און אין אַלע די וואָס טראַכטן מיט מיט'ן פילאָסאָף, כדי זיי זאָלן קענען באַווירקן אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן דעם גאַנג פון די וועלט־מענטש־און־גאָט געשעענישן.

עס טאָר אָבער נישט אַרויסגעלאָזן ווערן פון אויג די גרויסע נפקא

מינה אין די צוויי סאָרטן לעבונגען און איבערלעבונגען פון דעם מענטשן: איינע — וואָס קומען פון און דורך די גייסט־אויסדרוקן, וועלכע נעמען אָן פריער אַ געדאַנקלאַכע געשטאַלט און דערנאָך אַן עמאָציאָנעלע, און די אַנדערע — דורך און פון די אויסדרוקן פון גייסט וועלכע זעצן זיך דורך קודם כל עמאָציאָנעל און דערנאָכדעם ערשט וואַקסן זיי אַריין אָדער קליידן זיך אָן אין דיינקעננישן און נאָכדיינקעננישן, אין וועלט-בליקן און וועלט-באַגריפן. אין דער הינזיכט פון פּריאָריטעט פון דיינקען און פילן אָדער פון לאָגיק און עמאָציע שטייען אויף איין זייט: וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע, און אויף דער אַנדערער זייט — עסטעטיק און רעליגיאָזיטעט.

רעליגיאָזיטעט, גאָטגלויביקייט, גאָט-זעעוודיקייט אָדער גאָט-פילעוודי־קייט איז, ווי עסטעטיק, ווי די שיינקייט און די ליבע אַ לכתחילה׳דיקער עמאָציאָנעלער אויסדרוק פון קולטור. און פּונקט ווי די פילאָסאָפיע קען, און עס איז זייער ווינטשנסווערט אַז זי זאָל, אַלץ נענטער און נענטער און אינטימער צוקומען צו די קוואַלן און שטראָמען פון קונסט און ווערן אַלץ מער און מער קינסטלעריש, און דאָך קען זי ניט, און ווען זי זאָל קענען, וואָלט עס בשום אופן נישט ווינטשנסווערט געווען אַז זי זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער קונסט — אַזוי אויך קען און זאָל די רעליגיעזיטעט זיך אַלץ מער און מער אַריינוועבן אין דער פילאָסאָפיע. די פילאָסאָפן קענען און זאָלן אַלץ טיפער און שטאַרקער איבערלעבן רעליגיעזע געפילן און עמאָציעס. די פילאָסאָפיע קען אָבער נישט אי־בערשטייגן די רעליגיעזיטעט. זי קען נישט שפּילן די ראָל און זי קען נישט אויסשפּילן די פונקציע פון רעליגיעזיטעט און זי קען דעריבער איר אָרט נישט פאַרנעמען. די עמאָציאָנעלע שייכות׳ן צווישן מענטש און גאָט מיט דער גאַנצער איראַציאָנאַליטעט, וואָס איז אין זיי אַנטהאַלטן מוזן האָבן זייער אייגענעם אויסדרוק, זיי מוזן זיך אויסוויירקן און אַנט־וויקלען אויף אַ באַזונדער געביט, אויף אַ באַזונדער צווייג פון קולטור.

און דאָס זעלביקע איז אויך מכח די עסטעטישע און רעליגיעזע אויס־דרוקן. די עסטעטיק און די רעליגיעזיטעט זיינען ביידע עמאָציאָנעלע און איראַציאָנעלע אויסדרוקן פון גייסט און קולטור. זיי זיינען גאַנץ אייננג פאַרבונדן איינער מיט׳ן אַנדערן, אַזוי אַז עס איז זייער לייכט אַריבערצוגיין דורך שיינקייט און ליבע צווישן מענטש און מענטש צו שיינקייט און ליבע צווישן מענטש און גאָט, און פאַרקערט, דורך די לעצטע צו די ערשטע. עס איז זייער לייכט אַריינצופאַלן פון עסטעטישע עמאָציעס אין רעליגיעזע און פון רעליגיעזע אין עסטעטישע און דאָך זיינען די עסטעטישע עמאָציעס אַ קאַטעגאָריע פאַר זיך פּונקט אַזוי ווי

דאָס זיינען די רעליגיעזע עמאָציעס. יעדע קאַטעגאָריע האָט איר באַזונדערע און גאַנץ באַשטימטע קוואַליטעט.

איין קולטור-אויסדרוק אַלזאָ היינגט אָפּ פון דעם אַנדערן און זיי ווידער — פון אים. זיי ווערן איינער דורכ׳ן אַנדערן פאַרטיפט און פאַרשענערט, אינהאַלטסרייכער און פילפאַרביקער. קיין איינער פון זיי האָט נישט קיין פאָרצוג איבער דעם אַנדערן. אַלץ וואָס מיר קענען פילן און אַלץ וואָס מיר קענען אָפּשאַצן איז די אַנדערשקייט, די פאַרשידנאַרטיקייט פון זייערע ראָלן און פונקציעס און זייערע ווירקונגען און איינפלוסן אויף אונזער נשמה. און אויב מיר זאָלן ריידן וועגן זיי, ווי דער פילאָסאָף קראָטשע טוט עס, ווי וועגן מינים פון דערקענטעניש, וועלן מיר בשום אופן ניט זאָגן, אַז איין מין פון דערקענטעניש, ווי אַ שטייגער פילאָסאָפיע, איז העכער פון דעם קינסטלערישן מין, אָדער פאַרקערט, און אַז רעליגיע איז גאָר אַ נידעריקער מין פון דערקענטעניש וואָס וועט און דאַרף מיט דער צייט פאַרשווינדען, און זיין אָרט זאָל און וועט פאַרנומען ווערן פון דער פילאָסאָפיע. ניין, איך שטעל מיך אויף דעם שטאַנדפּונקט אַז יעדער מין פון דערקענטעניש, עמאָציאָנעלער אָדער באַגריפישער, ראַציאָנאַלער אָדער איראַציאָנעלער, האָט זיין ספּעציפישן ווערט, זיין אייביקן און אַבסאָלוטן צושטייער, אָן וועלכן די דערקענטעניש ווי אַ גאַנצע וואָלט נישט געווען דאָס וואָס זי איז. איין מין דערקענטעניש אָדער איין אויסדרוק פון קולטור איז אַזוי הויך און וויכטיק ווי דער אַנדערער און קען קיינמאָל נישט איבערשטיגן ווערן פון אַן אַנדערן, און קיין אַנדערער קען זיין אָרט נישט פאַרנעמען. ווי פאַרשידנאַרטיק די אויסדרוקן פון קולטור אָדער גייסט זיינען, אַזוי גלייכוואַרטיק זיינען זיי.

און נישט נאָר זיינען זיי, לויט מיין מיינונג נאָך, גלייכווערטיק און גלייכוויכטיק אין זייערע ראָלן און פונקציעס, אין זייערע ווירקונגען און איינפלוסן, נאָר זיי זיינען אויך איינצייטיק אין זייער לכתחילה׳דיקן קומען צושטאַנד. און דאָ גיי איך שוין ווייטער פאַר ווייטהעד׳ן. דאָס זאָג איך שוין ווי אַ קריטיק אויף ווייטהעד׳ס באַגריף וועגן דער פּריאָריטעט פון דער אַנטשטייאונג פון דער עסטעטישער אָרדנונג אין דער וועלט. די עסטעטיק ווי ווייטהעד דיינקט איז אָריגינעלער און פריערער פאַר דער עטיק.

אין זיין בוך וועגן רעליגיע זאָגט ער: „די מעטאַפיזישע לערע וואָס ווערט דאָ אַנטוויקלט, געפינט די יסודות פון דער וועלט אין דער עסטעטישער דערפאַרונג און נישט — ווי מיט קאַנט׳ן — אין דער דער-

פאַרונג, וועלכע איז פאַרבונדן מיט וויסן און באַגריף. די גאַנצע וועלט־אָרדנונג איז אַן עסטעטישע, און די מאָראַלישע אָרדנונג איז בלויז אַ געוויסער אַספּעקט פון איר. און די עסטעטישע אָרדנונג נעמט זיך פון דער אימאַנענץ פון גאָט".*)

בעת קאַנט לאָזט די עטיק קומען אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן פון דעם וועלט־אורקוואַל, ווילט זיך וויטהעד'ן טון דאָס זעלביקע מיט דער עסטעטיק. ער וויל איר צושרייבן מער אינטימקייט מיט דעם אורקוואַל און פריערדיקייט אין איר אַרויסשלאָג פון דעם קוואַל.

פון אַלץ וואָס איך האָב ביז איצט געבראַכט פון וויטהעד'ן איז געווען צו זען וואָסער אַ גרויסן מהלך וויטהעד האָט געמאַכט לגבי די דיינקער ביז איצט אויף דעם וועג פון גלייכווערטיקייט און גלייכוויכטיקייט פון די קולטור־אויסדרוקן. דאָס לאָזט מיך האָפן, אַז די צייט איז נישט ווייט, ווען דער מענטשלאַכער גייסט וועט קומען צו דער אָנערקענונג נישט נאָר פון זייער פולסטער און אַבסאָלוטער אָרגאַניש־קייט און סינטעטישקייט, פון זייער גלייכווערטיקייט און גלייכוויכטיקייט, נאָר אויך — פון זייער אַבסאָלוטער גלייכצייטיקייט פון אַנטשטייאונג און אַנטפּלעקונג. עס מוז און וועט קומען, ווי איך גלויב, צו דער פולסטער אנערקענונג פון אַ גלייכצייטיקן אַרויסשלאָג און דורכשלאָג פון אַלע שטראָמען פון דעם אורקוואַל, פון אַלע אויסדרוקן פונ'ם וועלט־גייסט, און זייט ביי זייט מיט דער אָנערקענונג פון זייער גלייכקייט אין ווערט און וויכטיקייט. אַזוי אַז עס וועט קיין נישט שפּור בלייבן פון וועלכן עס איז פאָרצוג אָדער וועלכער עס איז אויסדערוויילטקייט און מיוחס'דיקייט פון איין קולטור־און־גייסט־אויסדרוק אָדער אַנטפּלעקונג איבער דעם אַנדערן.

אַזוי איז עס מיט קולטור־אויסדרוקן און אַזוי אויך מיט נשמה־אויסדרוקן. איין געפיל פאַרנעמט נישט דאָס אָרט און ברייננגט נישט די צופרידנשטעלונג אָדער די גליקזעליקייט פון אַן אַנדער געפיל. יעדער איינער געפיל, יעדער איינע עמאָציע טראָגט אין זיך ספּעציפישע מעג־לאַכקייטן פאַר לעבונגען און איבערלעבונגען פון אַזאַ און נישט קיין אַנדער קאָלאָריט, און אַלע אין איינעם טרייבן זיי די נשמה און דעם גייסט פון מענטשן צו אַ טיפערער און העכערער אַנטוויקלונג. די ראָל פון דער קונסט באַשטייט דער עיקר דערין וואָס זי אַקצענטירט פאַר אונז און לאָזט אויפציטערן אונזער נשמה און גייסט פון אַזוי פיל קנייטשעלאַך

*) Religion in the Making.

און פעלדעלאך אין די געפילן און עמאָציעס פון אזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע פאַרבן און ניואַנסן וועלכע פילן אָן די מענטשלאַכע נשמה וועגן וועלכע מיר וואָלטן נישט גע׳חלומ׳ט ווען נישט די קונסט. און וואָס וויניקער חלומות און וואָס אָרימער עס זיינען די חלומות — דערהויפּט די חלומות וואָס מען חלומ׳ט אויף דער וואך — אַלץ אָרימער דאָס גייסטיקע לעבן פונ׳ם מענטשן.

ווי גרויס אָבער דער אויפטו און ווירקונג פון קונסט זאָל ניט זיין אין דער נשמה פון דעם איינצלנעם מענטשן און דורך איר אויף דער אַנטוויקלונג פונ׳ם מענטשלאַכן גייסט בכלל — קען דאָך די קונסט אזוי וויניק ווי די פילאָסאָפיע אָדער ווי די וויסנשאַפט איבערשטייגן און פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם רעליגיעזן אויסדרוק. ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין מענטשן מיט נשמות וואָס אַ דאַנק זייער אייגנאַרטיקן פסיכישן שניט און בוי ווערן זיי צום שטאַרקסטן אויפגעציטערט נאָר אין די מאָמענטן ווען זיי דערפילן ממשות׳דיק און דערזען אויג אויף אויג — אין אַ מעטאַפאָרישן זין נאַטירלאַך — די אַלץ איינשליסנדיקייט פון דעם אַלץ ארומנעמענדיקן גייסט; ווען עס וואָלטן נישט געווען קיין קולטור-שאַפונגען וואָס אין זיי פאַרנעמען אָט די דאָזיקע דערפילונגען און דער-זעאונגען דעם אויבן-אָן; און ווען די קונסט אַליין וואָלט דורך אַזעלכע פאָרשטייער אירע ווי אַ דאַנטע, שעקספּיר, געטהע, טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, מענדעלע און פּרץ נישט געטרונקען פון צייט צו צייט די קוואַלנדיקע וואַסערן פון די רעליגיעזע ברונעמער — וואָלטן מיט דער צייט אַלע קונסט־שאַפונגען מיט אַלע זייערע אויסדרוקן געוואָרן שוואַכער און בלאַסער און וואָלטן סוף כל סוף אויסגעגאַנגען פון גייסטלאָזיקייט. די רעליגיעזע שאַפונגען ווידער וואָלטן געוואָרן פּוסט און טרוקן און וואָלטן אויסגעגאַנגען פון בלוטלאָזיקייט, ווען זיי זאָלן נישט טרינקען פון די קוואַלן פון קונסט, וועלכע דורך איר בילדערישקייט מאַכט פאַר אונז פאַנטאַסטיש די ווירקלאַכקייט און ווירקלאַך דאָס פאַנטאַסטישע, און אזוי ארום קאָנקרעטיזירט זיך פאַר אונז די סינטעטישקייט פון גאָט, מענטש און חיה, און גיט אַ זין צום געפיל, וואָס ליגט אין דעם אויסגעשריי: איך בין אַ וואָרים, איך בין אַ קיסר, איך בין אַ גאָט!

און אויב דאָס איז אמת בנוגע די שייכות׳ן צווישן קונסט און רעליגיע, איז עס נאָך מער אמת בנוגע די שייכות׳ן צווישן די אַנדערע קולטור-צווייגן און רעליגיע. און מער פאַר אַלע דיינקער האָט ווייטהעד איינגעזען אָט דעם דאָזיקן אמת. „מען קאָן ניט“ — זאָגט ער — „באַ-האַלטן טעאָלאָגיע פון וויסנשאַפט אָדער וויסנשאַפט פון טעאָלאָגיע, און

קיינע פון זיי קאָן מען נישט באהאַלטן פון מעטאַפיזיק אָדער מעטאַפיזיק פון איינער פון זיי. נישט פאַראַן קיין פאַרקירצטער וועג צום אמת". און יעדעס מאָל ווען ווייטהעד ווייזט אָן אויף דער אָרגאַנישקייט און געגנזייטיקער אָפּהענגיקייט צווישן די קולטור-אויסדרוקן, פאַרגעסט ער ניט באַלד צו דערמאָנען אויך וועגן דער אייגנאַרטיקייט און זעלבסטצוועקיקייט פון יעדן איינעם פון זיי — פון דעם רעליגיעזן, אַזוי גוט פון וועלכן עס איז אַנדערן אויסדרוק. „בעת די רעליגיע" — שרייבט ער — „שטעלט אײַן אירע דאָגמאַס, מוז זי צולאָזן מאָדיפיקאַציעס פון דעם גאַנצן קרייז פון אונזער דערקענטעניש. זי פאַרמאָגט אָבער אויך איר אייגענעם צושטייער פון דער אוממיטלבאַרער דערפאַרונג".

דער רעליגיעזער באַוואוסטזיין איז פאַר ווייטהעד'ן אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער באַוואוסטזיין, אַ באַוואוסטזיין, וואָס איז גאַנץ אַנדערש פאַר דעם פילאָסאָפישן, וויסנשאַפטלאַכן אָדער קינסטלערישן. דאָס איז אַ באַוואוסטזיין, וואָס איז פאַראינטערעסירט און גיט זיך אָפּ מיט די שייכות'ן צווישן דעם מענטשן און דעם, וועלכן דער מענטש פילט ווי אַ העכסטע, טיפסטע און אַלץ אַרומנעמנדיקע קראַפט — און דערצו נאָך ווי אַ קראַפט וועלכע ווייסט און פילט דעם מענטשן ווי דער מענטש פילט און ווייסט די קראַפט. „רעליגיע" — זאָגט ווייטהעד — „איז וואָס דער אינדיווידו טוט מיט זיין איינזאַמקייט". און איינזאַם מוז זיך דער מענטש פילן סיי אין אַ וועלט, וואָס אין איר זאָל ניט זיין קיין העכערעס איבער דעם מענטשן, סיי אין אַ וועלט, וואָס איר איבערוועלט קראַפט איז טראַנסצענדענט, זי שטייגט אַזוי אַריבער דעם מענטשן, אַז צווישן דעם מענטשן און דער קראַפט איז ניט שייך אַ וועלכע עס איז קעגנזייטיקע באַציאונג.

און די אוממעגלאַכקייט פאַר דעם מענטשן צו זיין אַליין מיט דער איינזאַמקייט פירט זיין פאַנטאַזיע צו מאָלן און זיין האַרץ צו גלויבן, אַז עס איז פאַראַן אַ העכערע קראַפט, און אַז די דאָזיקע העכערע קראַפט איז אימאַנענט און ניט טראַנסצענדענט — אַז זי האָט געבויט דעם מענטשן ווי חוה איז געבויט געוואָרן פון אָדם'ן. זי האָט געבויט דעם מענטשן פון דער ריפּ, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון זיך אַליין. און דאַרום קאָן אַ מענטש פאַרלאָזן די גאַנצע וועלט אָדער ווערן פון איר פאַרלאָזט און זיך באַהעפטן אין זיין גאָט, און זיי זאָלן ווערן ניט איין לייב, נאָר איין גייסט, וואָס שליסט אייך אויך לייב.

עס איז דער דראַנג צו באַפרייען זיך פון דער איינזאַמקייט, וועלכער האָט געטריבן דעם מענטשלאַכן גייסט אויסצושרייען: ליהוה הארץ

ומלואה תבל ויושבי בה — די ערד איז גאָט'ס און איר פולקייט. די וועלט און די וואָס וואוינען אין איר. (תהילים כ"ד) און: „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי, שבתך ומשענתך המה ינחמני — אפילו ווען איך גיי דורך דעם טאָל פון שאָטן פון טויט, וועל איך קיין מורא ניט האָבן פאַר קיין שלעכטס, דיין רוט און דיין שטעקן, זיי טרייסטן מיך. (תהילים כ"ג).

זיכער איז דער גאַנצער תנ"ך פול מיט דער טיפסטער פילאָסאָפיע און שענסטער קונסט, דאָס איז אָבער אַ פילאָסאָפיע און אַ קונסט, וואָס שלאָגט זיך דורך און שלאָגט אַרויס פון שאַפונגען, וועלכע זיינען אָרגאַניש און אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין. זיי זיינען דירעקטע און אינטימע פּראָדוקטן פון דער רעליגיעזער אינטואיציע אָדער אינטואיטיווער רעליגיאָזיטעט.

ריידנדיק וועגן קריסטוס'ן, זאָגט ווייטהעד: „די אַפאָריזמען, וועלכע מען שרייבט צו קריסטוס'ן, זיינען ניט קיין פאָרמולירטעם דיינקען. זיי זיינען באַשרייבונגען פון אַ דירעקטן אַריינבליק. די אידייען זיינען אין זיין געדאַנק ווי אוממיטלבאַרע בילדער און ניט ווי אַנאַליזירט אין טער־מינען פון אַבסטראַקטע באַגריפן. ער זעט אינטואיטיוו די שייכות'ן צווישן גוטע און שלעכטע מענטשן. זיינע אויסדרוקן זיינען אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פון אַנאַליז פון גוטסקייט און שלעכטסקייט פון מענטש. זיינע אַפאָריזמען זיינען האַנדלונגען און ניט קיין איינאָרדנונגען פון באַגריפן".

די רעליגיאָזיטעט אַלזאָ אויף וויפיל זי איז אַנדערש אין קוואַליטעט פון אַלע אַנדערע קולטור אויסדרוקן, אויף וויפיל איר צוטריט צו דער רעאַליטעט איז אַנדערש פון דעם צוטריט פון וועלכן עס איז אַנדער קולטור־צווייג, אויף אַזוי פיל איז אויך אַנדערש איר וואָרט־אויסדרוק, אויף אַזוי פיל זיינען רעליגיעזע שאַפונגען אַ מין פאַר זיך אליין, מעגן זיי האָבן אַ וועלט מיט פילאָסאָפיע און קונסט אין זיך, פונקט ווי פילאָסאָפישע אָדער קינסטלערישע ווערק בלייבן פילאָסאָפישע אָדער קינסטלערישע, מעגן זיי אפילו רעגן צו דער שטאַרקסטער און טיפסטער רעליגיאָזיטעט און אָפּט אפילו צו מער און טיפערער רעליגיאָזיטעט ווי אייניקע ריין רעליגיעזע שאַפונגען. מיט דער גאַנצער טיפסטער פילאָ־סאָפישקייט פון תנ"ך בלייבט דאָך גריכנלאַנד דאָס וויגעלע פון פילאָסאָפיע.

וויפיל ענלאַכקייטן די דעפיניציעס פון רעליגע זאָלן ניט האָבן מיט די דעפיניציעס פון פילאָסאָפיע און קונסט, וועלן די טיפערע דעפיניציעס אויך אַרויסברייננגען דאָס ספּעציפישע, דאָס אייגנאַרטיקע און זעלבסט־

צוועקיגע פון דעם רעליגיעזן קולטור-אויסדרוק. און דאָס טוען ווייטהעד'ס דעפיניציעס פון רעליגיע.

ער דעפינירט רעליגיע „ווי א וויזיע פון עפּעס פון יענער זייט ים, פון הינטן און אינווייניק פון דעם פאַרבייגייענדיקן פלוס פון באַלדיקע זאַכן. פון עפּעס וואָס איז רעאַל און וואַרט אויף דער רעאַליזירונג. עפּעס וואָס איז א ווייטע מעגלאַכקייט און דאָך דאָס גרעסטע פון געגנ־וואַרטיקע פאַקטן. עפּעס וואָס גיט זין צו אַלץ, וואָס גייט פאַרביי, און דרייט זיך דאָך אַרויס פון באַגריפן צו ווערן. עפּעס וואָס זיין פאַרמעג איז דאָס לעצטע גוט, און דאָך לחלוטין אומדערגרייכבאַר. עפּעס וואָס איז דער סאַמע לעצטער אידעאַל און דאָך האָפנונגסלאָזע נאָכזוכונג. (ז. 275).

אַזאַ וויזיע גיט זאָפט צום גלויבן, אַז „דער סדר פון דער וועלט, די טיף פון דער רעאַליטעט פון דער וועלט, און דער ווערט פון דער וועלט אין איר גאַנצקייט און אין אירע טיילן, די שיינקייט פון דער וועלט, דער געשמאַק פון לעבן, די רואיקייט פון לעבן, און דער קאָנטראָל איבער שלעכטס, זיינען אַלע אינאַיינעם געבונדן — ניט אויף א צופעליקן אופן, נאָר צוליב דעם פאָלגנדיקן אמת: אַז די אוניווערס וויזט אַרויס א באַשאַפנקייט מיט אַן אומענדלאַכער פרייהייט און א ממלכה פון פאָרמען מיט אומענדלאַכע מעגלאַכקייטן. די דאַזיקע באַשאַפנקייט אָבער און די דאַזיקע פאָרמען זיינען אינאַיינעם ניט בכח צו דערגרייכן ממשות'דיקייט אָפּגעזונדערט פון דער פאַרפאָלקאָמענער האַרמאָניע, וועלכע איז גאָט. (ז. 119 אין בוך וועגן רעליגיע).

און גאָט איז צו ווייטהעד'ס רעליגיעזן אַריינבליק — די סאַמע לעצטע באַגרענעצונג. גאָט'ס עקזיסטענץ איז די סאַמע לעצטע איראַציאָ־נאַליטעט. „גאָט“ — שרייבט ווייטהעד — „איז ניט קאָנקרעט, ער איז אָבער די גרונדלאַגע פאַר קאָנקרעטער אַקטואַליטעט. קיין שום טעם קאָן ניט אָנגעגעבן ווערן פאַר דער נאַטור פון גאָט, מחמת יענע נאַטור איז דער יסוד פון ראַציאָנאַליטעט — — — דאָס דינען גאָט איז ניט קיין פראַגע פון באַקוועמלאַכקייט, עס איז אַן אַוואַנטורע פון גייסט, א פלי נאָך דעם אומדערגרייכבאַרן“.

עס איז באמת מערקווירדיק וואָס די גרויסע דערגרייכונגען ווייטהעד'ס אויפ'ן געביט פון וויסנשאַפט, אויף וועלכן ער האָט לאַנג געאַרבעט מיט ראַציאָ, לאָגיק און עקספּערימענטאַלע דערפאַרונגען און באַווייזן — האָבן נישט אוממעגלאַך געמאַכט פאַר אים צו פילן די נויטיקייט פאַר דעם מענטשן זיך צו ציען צום אומדערגרייכבאַרן, אַרויפציען אַלץ וואָס איז דערגרייכבאַר צו די הייכן, איבער וועלכע און אונטער וועלכע עס שוועבט

דאָס אומדערגרייכבאַרע, און ווי ווייט מענלאַך אַריינציען דאָס אומדער־גרייכבאַרע אין אַלץ וואָס איז דערגרייכבאַר.

פאַר מיר איז דאָס אַלץ אַ סימן פון דער צייט, אַ באַווייז פון דעם נאָענטן אָנקום פון אַ ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר באַציאונג מצד יעדן שאַפער און יעדן געביט־קולטיווערער צו יעדן באַזונדערן גייסט־אויסדרוק און צום אַלגייסט אין זיין גאַנצקייט. אונטער קולטורעלער באַציאונג פאַרשטיי איך די באַלויכטונג און פאַרטיפונג פון יעדן קולטור־אויסדרוק דורך אַן אינטימער באַקאַנטשאַפט מיט די דערגרייכונגען פון די אַנדערע קולטור און גייסט אויסדרוקן, און דורך דער אָנערקענונג פון דער סינ־טעטישקייט, גלייכווערטיקייט און גלייכצייטיקייט פון די אויסדרוקן און אַנטפלעקונגען פונ'ם אַלגייסט און זיין מהות־קולטור.

ד"ר. י. נ. שטיינבערג

# די אידישע עקאָנאָמיק אין פוילן

## 1.

איך קום איצט צוריק פון אידישן פוילן, וואו איך האָב פאַרבראַכט אַ חודש צייט. איך האָב פאַר דער צייט באַזוכט די פיר גרויסע פוילישע שטעט: וואַרשע, ווילנע, לאָדז, ביאַליסטאָק. עס איז מיר געלונגען אין אַ גרויסער מאָס אַריינצוקוקן אין דעם טעגלאַכן לעבן פון די אידישע פאָלקס-מאַסן, פון דעם איד „פון אַ גאַנץ יאָר", פון דעם אַרבעטער, בעל-מלאכה, קליין-הענדלער, אינטעליגענט. און דער איינדרוק איז אַ דערשיטערנדיקער, טיפער און שרעקלאַכער ווי אַ דערשיטערנדיקער. אַלץ וואָס מיר לייענען און הערן וועגן דערוויף אין אייראָפּע און אַמעריקע, איז בלייך און בלאַס אין פאַרגלייך מיט דער קאַטאַסטראָפאַלער ווירקלאַכקייט אין פוילן. ווייל אינה דומה שמיעה לראיה.

איך ווייס, אַז אין דער אידישער פרעסע שרייבט מען שטענדיק גענוג וועגן דער אידישער לאַגע אין פוילן. און פונדעסטוועגן איז דאָס קיינמאָל ניט גענוג. יעדער ווער עס האָט געהאַט די טרויעריקע זכיה אַריינצובליקן אין דעם גיהנום, מוז קומען און ווידער אַמאָל דערציילן און דערציילן, ביז דאָס געוויסן און דער באַוואוסטזיין פון די אידישע מאַסן אין דער גאַרער וועלט וועט ווערן אויפגעציטערט ביז'ן דעק. עס האַנדלט זיך ניט וועגן שווערע עקאָנאָמישע צושטאַנדן אָדערווירטשאַפטלאַכע קריזיסן; עס האַנדלט זיך בפועל ממש וועגן פיזישן אונטערגאַנג פון גוואַלדיקע מאַסן, וועגן פאַר-קריפּלונג פון דער יוגנט, וועגן בהדרגה'דיקן שטאַרבן אָדער זעלבסטמאָרדן (123 אין חודש יאַנואַר אין איין וואַרשע!). אָבער די דאָזיקע יוגנט ווייל ניט אונטערגיין, זי טראָגט אין זיך אַן אָרגאַנישע לעבנס-קראַפט, אַ פּייאיקייט צו אַרבעט און שאַפן. אין דערויף טאַקע ליגט דער אומענדלאַכער טראַגיזם פון דעם פאָלק.

איך האָב גערעדט מיט און באַזוכט צאָלרייכע אידישע האָרעפּאַשנע

מענטשן אין די גרויסע פיר פּוילישע שטעט. און אַ סך ערגער ווי ביי זיי איז די לאַגע אין די קליינע שטעטלאַך, וואָס גייען אויס אין עלנט און אומעט. דריי טיפּן פון אידישע ארבעטס־מענטשן האָבן זיך אויסגע־קריסטאַליזירט היינט אויף דעם באָדן פון אידישן פּוילן. דאָס איז: דער אַ ר ב ע ט ע ר, דער ב ע ל - מ ל א כ ה און כ אַ ל ו פּ נ י ק (אַ האַנדוועוקער וואָס אַרבעט מיט פרעמדן רוי־שטאָף), דער ק ל י י נ - ה ע נ ד ל ע ר. און קוקט זיך נאָר צו צו זייער ביטערער לעבנס־לאַגע. פּראָוווט נאָר הינטער די טרוקענע ווערטער אין די סטאַטיסטישע צאָלן אַרויסזען דעם פּיין פון לעבעדיקע מענטשן.

דער אידישער אַרבעטער ווערט אין פּוילן סיסטעמאַטיש אַרויסגע־שטויסן פון אַלע פּאָזיציעס. די מלוכה פירט דורך אַ ריי ווירטשאַפטלאַכע מאַסנאָמען, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך יעדעס מאָל אין אַ קללה פאַר דעם אידן. די מלוכה נעמט אַריבער אין איר מאָנאָפּאָל אַלץ נייע אינדוסטרי־בראַנזשן: טאַבאַק, זאַלץ, האָלץ, געטריידע־אויפקויף. און יעדעס מאָל וואַרפט זי אַרויס אויפ׳ן גאַס טויזנטער אידישע פאַמיליעס, אַראָפּשטופּנדיק זיי אין דעם זומפּ פון דעקלאַסירטע שיכטן. אָט איז די טאַבאַק־אינדוסטריע, וועלכע האָט פריער באַשעפטיקט ביי 13,000 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; היינט זיינען דאָ פאַרבליבן 440 אידן. אין וואַרשע זיינען פון די פריערדיקע 1500 טאַבאַק־אַרבעטער געבליבן איצט א י י ן א י י נ צ י ק ע ר איד. אַ טייל אַרבעטסלאָזע אַרבעטער באַקומען אין פּוילן בכלל אַ שפּאָט־קליינע שטיצע (כמעט 27 מאַרק אַ חודש), אָבער אידישע אַרבעטער באַקומען דערוויל אויך דאָס נישט. — די מוניציפּאַליטעטן באַשעפטיקן ביי זיך צענדליקער טויזנטער מענטשן, אָבער אידן ווערן אַרויסגעשטופּט. אין וואַרשע זיינען אין די שטאָטישע אינסטיטוציעס פאַרנומען מער ווי 20,000 אַרבעטער, אָבער נאָר אַ פּאָר הונדערט אידן (און אויך זיי נאָר אין די ריין־אידישע אַנשטאַלטן). אַז די שטאָט האָט אָקאָרשט איינגעשטעלט אַ פּאָר טויזנט גאַסן־רייניקער אין וואַרשע, איז צווישן זיי נישטאָ קיין אידן. וואָס איז דער וואונדער, אַז בלייכע, מיט וואַקסענע פּנימ׳לאַך קינדער אין אידישע שולן האָבן נאָר איין טראַכטעניש: וועגן אַרבעט. אַ לערערין פון אַ וואַרשעווער אידישער שול האָט מיר דערציילט: מען האָט די קינדער אויפגעגעבן צו שרייבן אויף דער טעמע: „וואָס ווילט זיך מיר האָבן.“ אַ סך האָבן געשריבן וועגן אַ וואַרעמען אָנבייסן, וועגן ברויט מיט פּוטער, אָבער כמעט אַלע האָבן געשריבן: „ מ י ר ו ו י ל ט ז י ך, א ז ד ע ר ט אַ ט ע ש י ז אָ ל ה אָ ב ן אַ ר ב ע ט!“

ס׳איז ביטער דעם אַרבעטער, און ס׳איז נאָך ביטערער דעם קליינעם,

דעם מיקראָסקאָפּישן ב ע ל - מ ל א כ ה. איך האָב זיי באַזוכט אין זייערע „וואוינונגען", און איך האָב זיך געמוזט ניט ווילנדיק דערמאָנען אָן יענער צייט בעת מען האָט געטריבן אידן פון די פּוילישע שטעט און שטעטלאַך. דעמאָלט האָב איך אין יאָר 1915 געזען די שטיבער, די בוידעמער און די קעלערס וואו די פּליטים האָבן זיך געשטיקט אין דער פייכט-וואַרעמער לופט פון אַ קבר. אָבער דעמאָלט איז דאָס געווען צייט-ווייליק, און היינט לעבן אַזוי מענטשן ש ט ע נ ד י ק, אין וואַרשע, אין ווילנע, אין ביאַליסטאָק און לאָדז.

אָט זיינען מיר אין דער קאַמער פון שמואל ר. עס שטייען צוויי בעטן און אַ קינדער-וויג. צוויי פאַמיליעס מיט 5 קינדער לעבן דאָ. ס'איז טונקל אין צימער, און דער באַלעבאָס — אַ יונגער מענטש, סטאַרעוועט זיך צו בלייבן אין שאָטן. ער שעמט זיך. געווען פריער אַ שניידער-אַרבעטער ביי אַ כאַלופּניק. יענער האָט נישט אויסגעהאַלטן, האָט ער געמוזט ווערן אַ „באַלעבאָס פאַר זיך". ס'איז אָבער נישטאָ קיין אַרבעט. פאַר אים רעדט זיין פרוי. „צי וואָלט מען נישט געקענט אַריינגעמען די מיידעלע אין מעדעם-סאַנאַטאָריע? זי הוסט געפערלאַך..." אָט דאָ שטייט די מיידעלע פון 8 יאָר; זי זעט אויס ווי פיר יאָר. — „צי קען מען נישט באַפרייט ווערן פון דער וואוינונג-שטייער?" די שטייער איז שווער צו טראָגן: צוויי זלאָטעס אַ חודש! און די גאַנצע קאַמער קאָסט 27 זלאָטעס. — מיר גייען אַרויס. פאַרוואָס עפנט מען נישט קיין פענסטער דאָ? — פאַרוואָס? ווייל די „וואַרעמע לופט" קען דעמאָלט אַרויס פון צימער...

אָט איז אַ שוסטער-וואַרשטאַט פון שלמה ז. עס שטייט אַ מאַשין, דאָ אַרבעטן פינף לערן-אינגלאַך. ס'איז אַ באַטריב. אָבער דער „באַלעבאָס" טראָגט אַן אָפּגעבליאַקעוועט רעקל, כאָטש ס'איז היינט שבת. אויף זיין פּנים — אויסגעדאַרטעביינער און פיבערהאַפטע אויגן. ער פירט אַ באַטריב און קוועלט זיך 24 שעה אין טאָג צוליב וועקסלען און שטייערן. ער איז אַ בעל-חוב אַלעמען: דעם הורטאָווניק, דעם לערן-אינגל, דעם שטייער-באַאַמטע. ער פירט אַ סטרייק קעגן הורטאָווניק (וואָס גיט אים רוויוואַרג צו אַרבעטן), עס פירן קעגן אים אַ סטרייק די אַרבעטער, ער ווערט דערשטיקט פון דער שטייערן-לאַסט. „וואָס אַרבעט איר אויס אַ וואָך פאַר זיך?" — ער זיפצט אָפּ און זאָגט: „הלואי 60-70 זלאָטעס אַ וואָך."

אָט הויבן מיר זיך אויף צו די „לוינקעטניקעס" אין ביאַליסטאָק. די דאָזיקע אידישע וועבער האָבן די וועב-שטולן ביי זיך אין די דירות און קוקן אויס זייערע אויגן אויף דעם פרעמדן וועב-שטאָף וועלכן זיי זאָלן

קענען באארבעטן. די קאמערן געפינען זיך אויף די סאמע בוידעמס, די הילצערנע טרעפ טרייסלען זיך אונטער אייערע פיס. איר מוזט איינבויגן דעם קאפ אום אריינצוגיין אין די דאזיקע „ווארשטאטן". ס'איז פינסטער אין קאמער, ווייל מען מוז שפארן עלעקטרע. און צוויי דערוואקסענע ארבעטער פארנעמען זיך דא זאלבעצווייט מיט רייניקן א דעקע, וואס אין אן אנדער צייט טוט עס א קליין מיידל. זיי שעמען זיך צו ריידן וועגן זיך: איינער איז א בונדיסט, דער אנדערער א „רויטער". די נויט האט זיי ביידן פארטריבן פון פאבריק, האט זיי ביידן אוועקגעשטעלט ביי דער דעקע. און זיי זיינען דאך „באלעבאטים" פון מאשינעס...

ס'איז ביטער דעם בעל־מלאכה, אבער ס'איז אויסזיכטלאז ביי דעם ק ל י י ן - ה ע נ ד ל ע ר. דער גאנצער מסחר אין פוילן איז געבויט היינט אויף פאפיר, אויפ'ן וועקסל־פאפיר. א וועקסל אין היינטיקן אידישן פוילן הייסט אבער א פראטעסטירטער וועקסל. דער דעפוטאט פארבשטיין האט אקארשט דערקלערט אין סיים אז 80־90% פון וועקסלען ווערן פראטעסטירט, אז עס לוינט מער נישט צו צאלן די פראטעסט־קאסטן. אויף א בארג אזעלכע וועקסלען פון אונטן שטייט דער סוחר און דער הענדלער, און א בארג פון שטייערן דעקט אים צו פון אויבן. ס'איז א ליידנשאפטלאכער, פארביסענער געיעג נאך א מזומנ'ער זלאטע. אז דער שטייער־רעוויזאר קומט אויפמאנען 47 זלאטעס און מען גיט אים דערווייל נאר 25, לייגט ער ארויף די מלוכה־האנט אויף די גאנצע ביסל ארעמקייט אין שטוב. אין ווארשע איז דא א לאגער, וואו מען פירט צונויף און מען לאזט פוילן די טישן מיט די בעטן, די ניי־מאשינען מיט די לייכטער, וועלכע מען געפינט אין די שטיבער. פאר גראשנס ווערט דאס אוועק־געגומען, פאר גראשנס שפעטער אויספארקויפט. אז די „עגלה" פון די רעוויזארן באווייזט זיך אין אידישן שטעטל, ווערט א מהומה, הענט און פיס ווערן פארגליווערט. וויפיל דער הענדלער זאל נישט באווייזן זיינע הכנסות און זיין אומזאץ, די שטייער־אמטן לייגן דאך ארויף מער. האט דאך די רעגירונג אליין געשיקט א געהיים־צירקולאר צו העכערן שטייערן 20־30% איבער דאס געזעצלאכע מאס. און דאך מוז דער אידישער ארבעטס־מענטש תמיד צוריקקומען צום האנדל, כאטש צום גאסן־מסחר. גראשענע געשעפטן, מיט נאך קלענערע פרנסות. דעם „קרעדיט" באקומען די גאסן־הענדלער פון די גאסן־פראצענטניקעס. א י י נ ס פ ר א צ ע נ ט א ט א ג, דרייסיק פראצענט א חודש, נעמען די פראצענטניקעס ביי די הענדלער, און דרייען זיך ארום ווי ראבן אין גאס ארום די הענדלער, אום צו קאנטראלירן זייערע געשעפטן... און אט שטייען איינגלאך מיט

אַ בינטל בייגל, און די פעל ציטערט אויף זיי, דער פּאָליציסט זאָל נישט באַמערקן: ווייל זיי האַנדלען אָן שטייערן. און אַט האַלטן קליינע אינגלאַך אויף'ן גאַס אַ „לאָטעריי", וואו מען שטעלט אין קאָן 5 גראָשנס — און מען קען געווינען אַן אוצר...

.2

וועמען איז ערגער? דעם אַרבעטער, דעם הענדלער, דעם בעל־מלאכה? אַלעמען גלייך איז ערגער. און דאָך איז באַזונדערס טראַגיש די לאַגע פון די אומצייליק בעלי־מלאכות און היים־אַרבעטער, וועלכע זיינען פּראָדוקטיוו, וועלכע האָבן ליב זייער אַרבעט און וועלכע מוזן שטיין מיט ליידיקע הענט. זייער לאַגע איז ערגער, ווייל זיי — אפשר דער גרעסטער טייל פון דעם פאָלק — זיינען צעשאָטן ווי מענטשן־שטויב, האָבן נישט קיין אַרומפאַסנדיקע אָרגאַניזאַציע, טראַכטן נאָך נישט קאָלעקטיוו איבער זייער מזל.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זייער סאָציאַלער און מענטשלאַכער מזל וועט אויך אין פּוילן געלייזט ווערן אַמאָל נאָר דורך דעם ראַדיקאַלן קאַמף פון אַלע אַרבעטנדיקע, סיי אידישע סיי פּוילישע. אָבער דער דאָזיקער קאַמף ליגט אויף אַן אַנדער פלאַך, און נישט דאָ איז דער אָרט אים צו באַרירן. עס איז אָבער נויטיק ראשית כל אויפצוהאַלטן די גרויסע מחנות לעבעדיקע מענטשן, ניט לאָזן זיי אַראָפּזינקען אין אַ תהום פון יאוש, דערוועקן אין זיי די אייגענע דרעמלענדיקע כחות. צוויי מעטאָדן ווערן אָנגעווענדט דערווייל צווישן די אידישע מאַסן, אָבער די דאָזיקע וועגן אַליין קענען ניט אויסשעפּן די נויט.

צ ד ק ה ־ ה י ל ף איז איין וועג, און ע מ י ג ר אַ צ י ע — דער צווייטער. עס ווערט אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם צדקה־געביט. צי האָבן מיר אַלע געהערט וועגן דעם „רעטונג־קאָמיטעט" אין וואַרשע? ער האָט זיך געגרינדעט אַ פּאָר יאָר צוריק, אויף'ן יסוד פון זעלבסט־באַשטייערונג. אידן פון וואַרשע האָבן געצאָלט וועכנטלאַך צו 20 גראָשן, לויט דער צאָל פון צימערן וואָס מען האָט באַוואוינט. פון דעם געלט האָט מען צווישן אַנדערעס אין איין יאָר אַרויסגעגעבן קליינע הלואות (ביז 150 און ביז 500 זלאָטעס) אויף אַ סומע פון איין מיליאָן זלאָטעס. דאָס איז אַן אויפטו. דערביי האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז נישט ווייניקער ווי 20% פ ו ן אַ ל ע וואַ ר ש ע ו ו ע ר א י ד ן האָבן געקראָגן שטיצע פון דעם רעטונג־קאָמיטעט. און וויפיל האָבן נישט געבעטן אָדער נישט געקראָגן? אָבער וואָס מער עס וואַקסט דער קריזיס אין פּוילן, אַלץ אָרעמער ווערט אויך דער קאָמיטעט — און די נויט וואַקסט אַריבער אַלע

צדקה-בנינים.

עמיגראציע! דאָס זיינען די גליקלאַכסטע מענטשן אין פוילן, וועלכע האָבן אָדער האָפן צו האָבן אַ וויזע אין ערגעץ-וואו אין דער וועלט. אין פוילן וואקסט טאקע דערפאר אָרגאניש, מיט אַ סטיכישער קראפט, אויך די עמיגראציע אין פאַלעסטינע. די פאַרוואַלטער פון די אידישע האנדוועדקער-שולן (אין ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדז) האָבן דערציילט זייער צער, אַז די יונגע מענטשן וואָס לערנען זיך דאָ אויס גלענצענד זייער מלאכה, האָבן נישט קיין ארבעט — און מוזן עמיגרירן. אין פוילן רעדט מען דערפאר מיט אַ קענטשאַפט און מיט אַ טרויעריקער וואַרעמקייט וועגן אַלע מדינות און אַלע ימים ויבשות פון דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָס דריי-מיליאָניקע אידישע פאָלק קאָן נישט אין גאנצן עמיגרירן.

וואָס קאָן נאָך געטאָן ווערן פאַר און דורך די האָרעפּאַשנע שיכטן אויף אָן אָרט? און עס דרינגט זיך ארויף אין באוואוסטזיין מיט אַן אייזערנער קראַפט דער געדאַנק פון קאָאָפּעראַציע. די קאָאָפּעראַציע (אַלס קרעדיט-הילף, אַלס קאָנסום-אָרגאניזאַציע) עקזיסטירט שוין לאַנג און ארבעט מיט דערפאָלג אין אידישן פוילן. דער „פאַרבאַנד פון די אידישע קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפטן אין פוילן" (וואָס אין זיין שפּיץ שטייט א. בערקענהיים) וואקסט זיך פאַנאַנדער פון חודש צו חודש, נישט קוקנדיק אויף דער מורא'דיקער ווירטשאַפטלאַכער לאַגע פון לאַנד. אָבער אין דער דאָזיקער קאָאָפּעראַציע איז נאָך כמעט ווי נישט פאַרטראָטן די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציע, די גאַנץ — אָדער האַלב — געמיינזאַמע ארבעט פון די בעלי-מלאכות, די פּראָדוצירער. דער גאַנצער מין פון חבר'שאַפט אין פּראָדוקציע איז נאָך כמעט ווי גאָרניט באַקאַנט דעם אידישן פאָלקס-מענטשן. נאָך מער: ס'זיינען דאָ אַ סך ריכטונגען אין דער אידישער געזעלשאַפטלאַכקייט, וואָס טרעטן ארויס קעגן דעם. און פונדעסטוועגן ליגט דאָ אַ ברייטער שליאַך פון שעפערישער פאָלקס-ארבעט.

נאָר פאַראיינצלט ליגן אין פוילן אַזעלכע אידישע פּראָדוציר-חברות. איך האָב געזען אין ווארשע אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו פון איינבינדער (איינגעפירט פון בונדיסטן), פון האָלץ-ארבעטער (איינגעפירט פון לינקע פּועלי-ציון), אין לאָדז — אַ וואַוינונג-קאָאָפּעראַטיוו. אָבער זיי אַליין האַלטן זיך פאַר יוצאים מן הכלל, פאַר עפּעס אויסטערלישע סאָציאַלע באַשעפענישן. זיי האָבן נישט, ראשית כל, דעם אידעאָלאָגישן גלויבן אין זייער זאַך, און דאָס שטערט ממילא זייער פאַרברייטונג. ס'איז אויך קיין וואונדער ניט. אַ ריי פאַקטאָרן ווירקן טאַקע אַנטקעגן דער קאָאָפּעראַטיווער אידייע

אין דער אידישער סביבה.

1) פריער פאַר אַלץ: דער אידישער פאָלקס-מענטש טראַגט אין זיך צו שטאַרק דעם חשק צום מ ס ח ר, צום קאָנקורענץ־קאַמף, צום פרייען געשעפט. אַ געוועזענער פירער פון אַ „פּאַרקויפס-קאָאָפּעראַטיוו" פון די וועבער אין לאָדז האָט מיר דערציילט: די מיטגלידער האָבן זיך געטוליעט צום קאָאָפּעראַטיוו אַזוי לאַנג ווי ס'איז געווען שלעכט אויפ'ן מאַרק, און זיי האָבן באַיקאָטירט אים ווי נאָר דער מאַרק פלעגט פאָדערן סחורה... בעת איך בין געשטאַנען אין לאָדז פאַר דעם וואוינונג-קאָאָפּעראַטיוו (פון די לינקע פּ. צ.), האָט מיר אויך אַזאַ איד מיט ביטול דערקלערט, אַז ער האַלט נישט דערפון. פאַרוואָס? „ו ו י י ל ד אָ ס א י ז ק י י ן ג ע ש ע פ ט נ י ט!" — דער אינדיווידועלער שטרעבן צו „געשעפט" איז אַלזאָ שטאַרקער איידער דאָס פאַרשטענדעניס פאַר קאָלעקטיוו-אַרבעט אין קאָאָפּעראַציע.

זייגען אָבער היינט דאָ אין אידישן פוילן שוין גרויסע מאַסן פון יוגנט, וועלכע לערנט זיך אַרבעטן דוקא אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. נישט וויניקער ווי דרייסיק ביז פערציק טויזנט קינדער, בחורים און מיידלאַך, גייען היינט אַריין אין פאַרשיידענע ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע אָרגאַני-זאַציעס (חלוצים, שומר הצעיר, גורדוניה), וועלכע גייען דורך אַ שטרענגן קורס פון געמיינזאַמער יאָרנלאַנגער אַרבעט אין פעלד און אין וואַרשטאַט. די דאָזיקע יוגנט רעקרוטירט זיך סיי פון דעקלאַסירטע באַלעבאַטישע קרייזן סיי פון אַרבעטאַרישע שיכטן פון פאָלק. אמת, די דאָזיקע גאַנצע צוגרייטונג ווערט געמאַכט נאָר צוליב דער עמיגראַציע אין ארץ ישראל, אָבער דערמיט ווערט ניט פאַרמינערט דער גרויסער דערציערישער ווערט פון דער אַרבעט אויך פאַר דער יוגנט וואָס וועט פאַרבלייבן אין לאַנד. עס שאַפט זיך אַזוי אַרום אַ שטראָם פון גענאָסנשאַפטלאַכער אַרבעט, וועלכער פליסט פּאַראַלעל מיט דעם פריערדיקן אַרבעטס־שטראָם אין די באַלעבאַטישע פאַבריקן און וואַרשטאַטן.

2) אמת, גרויסע קרייזן פון אידיש-פּראָלעטאַרישן פוילן באַציען זיך מיט טיפער אומפריינטלאַכקייט צו דער גאַנצער חלוצים'שער אַרבעט. און דאָ ליגט טאַקע דער צווייטער פאַקטאָר, וואָס קען שטערן דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציע. אין פוילן הערשט אַ שווערע, אומ-דערטרעגלאַכע פיינטשאַפט צווישן די אידישע אַרבעטס-פאַראיינען: בונדיסטן, „רויטע", לינקע און רעכטע פּועלי ציון. אַרבעטער האָבן מיר דערציילט, אַז אויב אין אַ פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו וועלן זיך געפינען טוער פון אַ פּאָר פּאַרטייען, וועט זייער פּאַרטיי־קאַמף צעשטערן די אַרבעט.

דערפאַר טאַקע שטייען אַלע אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוון אונטער דער אָנפירונג פון דער אָדער יענער פּאַרטיי. דעמאָלט שטיצט מען די זאַך, „ווייל זי איז פאַר אונז עפּעס מער, זי איז אַ פּ אַ ר ט י י - פּ אָ ז י צ י ע.“ — דאָס איז אַ שטער, אָבער דאָס באַווייזט נאָר אַז די גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אַרבעט דאַרף באַפרייט ווערן פון דעם צעשטערנדיקן קליין־פּאַרטייאישן קאַמף-גייסט. די יוגנט, וואָס שטראָמט אַרויס יאָר אין יאָר פון די שולן, דאַרף ווערן באַזונדערס צוגעגרייט צו דעם קאָאָפּעראַטיוון אַרבעטס-טיפּ, פּונקט אַזוי ווי זי ווערט אויסגעבילדעט אין די באַרופן. די קאָאָפּעראַציע וואָלט דעמאָלט געוואַקסן נישט נאָר פון פּאַרטיי־פּאָליטישע צוועקן, נאָר פון יענעם אחריות-געפיל פאַר דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, וועלכער איז העכער פאַר אַלע פּאַרטייען.

3) אָבער פאַר אַזאַ קאָאָפּעראַציע פעלן אויס קענער, פאַרשטענדיקע טוער, ערלאַכע פירער! וויפיל אַזעלכע פּרואוון זיינען שוין בטול געוואָרן אין פּוילן צוליב אומסאָלידקייט, אומערלאַכקייט, נישט-באַהאַוונטקייט אין געשעפטס-פירונג! — דאָ ליגט דער דריטער שטער צו דער זאַך. דער אידישער האָרעפּאַשניק איז פול מיט חשדים קעגן קאָאָפּעראַטיווע שותפים. — מוז טאַקע אַריינגעגאָסן ווערן אין אַזאַ באַוועגונג אַ נייער שטראָם מענטשן. זאָל מען געדענקען, אַז אין דער בעל-מלאכה'שער קאָאָפּעראַציע מוזן אין היינטיקן פּוילן נעמען גאָר אַ גרויסן אַנטייל אויך אמת'ע אַ ר ב ע ט ע ר. די אַרבעטער, וועלכע ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייער טיפּישן פּראָדוציר־פּראָצעס, וועלן אַריינלייגן זיך אין דער גענאָסנשאַפטלאַכער פּראָדוקציע און אַריינטראָגן אין איר די דיסציפּלין, די זעעוודיקייט און דעם אַקטיוון גייסט פון פּראָלעטאַריער. נישט דאָס אַליין! די יוגנט פון די שולן, די אינטעליגענץ, וועלכע מוזן זיך אַריינלייגן אין דער באַוועגונג, טאָר נישט אַריינטרעטן ווי אַ מורה-דרך, מיט העכערע לוינען און גרעסערע רעכטן. זי דאַרף בילדן צוזאַמען מיט די באַוואוסטזיניקע האַנדווערקער דעם אַ י ד ע אַ ל י ס ט י ש ן ק ע ר ן פון דער קאָאָפּעראַציע, פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געווען אַמאָל ביי דעם אויפבוי פון די אַרבעטער-פאַראיינען. פּונקט אַזוי ווי עס האָט זיך געבויט אַמאָל אין רוסלאַנד די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַציע אין דאָרף און דער אַרטעל ביי די האַנדווערקער. ווייל די אידישע נאַציע מוז ווערן עפּעס אַזעלכעס ווי אַ ק אָ אָ פּ ע ר אַ ט י ו ו ע נ אַ צ י ע.

4) ווען אָבער די אידישע קאָאָפּעראַציע — ביי די היינטיקע אומשטענדן אין לאַנד — האָבן ו ו אַ ו אָ פּ צ ו ז ע צ ן איר פּראָדוקציע? — מיט אַזאַ פערטער פראַגע וויל מען אַראָפּמאַכן דעם ענין. דאָס איז

ניט קיין אַנטשיידנדיקע פּראַגע. אויב די אידישע עקאָנאָמיק אַרבעט טאַקע אין אַ לופט-ליידיקן רוים אָן אָפּזאַץ און אויסטויש, דעמאָלט פאַלט זיך פאַנאַנדער בכלל די „פּראָדוקטיוויזאַציע" פון די מאַסן. צו וואָס פּראָדוקטיוויזירן, אויב ס'איז נישטאָ וואו אהינצוטאָן שפּעטער די געלערנטע כחות? ניין, מען דאַרף פּראָדוקטיוויזירן, אָבער מען מוז דעם דאָזיקן פּראָצעס צונויפבינדן מיט דעם ווייטערדיקן, מיט דעם קאָאָפּערירונגס-פּראָצעס. דער געלערנטער אַרבעטס-מענטש זאָל ניט בלייבן שטיין אַליין אויפ'ן פעלד, אַליין אַנטקעגן די אָרגאַניזירטע כחות פון דער מלוכה, פון קאַפּיטאַליזם, פון אַנטיסעמיטיזם, וועט ער אַרבעטן אין זיינע קאָאָפּעראַטיווע געמיינשאַפטן, וועט ער געפינען די אָדער יענע וועגן אויך צום אָפּזאַץ פון זיינע אַרבעטס-פּראָדוקטן. היינט זעען מיר אין פּוילן טויזנטער מענטשן וועלכע וואָלטן געהאַט וואו אָפּצוזעצן זייער פּראַצע, ווען זיי האָבן נאָר די געצייג, דעם באַטריבס-קאַפּיטאַל, די געמיינשאַפט. אויך דאָס היינטיקע פּוילן איז ניט קיין אויף אייביק פאַרגליווערט סיסטעם; עס קענען זיך שפּעטער עפענען שפּאַלטן אין דער אייזערנער מויער. אויך דאָס אידישע אויסלאַנד מוז קענען צולייגן אַ האַנט צו דער אָרגאַניזאַציע פון אָפּזאַץ-געביטן. ס'זיינען דאָ נאָך געוואַלטיקע מעגלאַכקייטן.

איצט איז אָבער ראשית-כל נויטיק אַז די אידייע פון שותפות'דיקער אַרבעט זאָל אַריינגעוואָרפן ווערן אין די פאַרצווייפלטע מאַסן, אַז די אידייע זאָל אָפּגערייניקט ווערן פון אַלע געריכטע צי אומגערעכטע ספקות וואָס קלעפּן צו איר. די פאַרשטענדיקע שיכטן פון פאָלק אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע פילן די חרפּה און די שאַנד פון דעם אידישן פּוילן, מוזן אַ טראַכט געבן וועגן שאַפן די ערשטע הלוואה-קאַפּיטאַלן פאַר דער פאָלקס-קאָאָפּעראַציע. ס'איז אומדערטרעגלאַך, אַז מיליאָנען יונגע און שעפערישע מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך אַ וועלט מיט לעבן און גייסט, זאָלן ווי טראָפּנס אונטערגיין אין דער פאַרווילדעוועטער סביבה. אַנשטאָט צו ראַנגלען זיך און פאַלן איזאָלירט און אַטאָמיזירט, מוזן די דאָזיקע מענטשן צונויפגעבונדן ווערן אין אַרבעטס-געמיינשאַפטן, וועלכע וועלן זיך שטעלן אַנטקעגן דער שאָוויניסטיש-עקאָנאָמישער וואַנט, וועלכע וועלן זי שפּעטער אויך דורכלעכערן. מיט אַזעלכע אַקטיווע געמיינשאַפטן וועט זיך רעכענען די מלוכה.

דאָס אידישע פּוילן איז נישט נאָר אַן עקאָנאָמישער חורבן; עס טראָגט אויך אין זיך געוואַלטיקע גייסטיקע און מאָראַלישע כחות. דער הויבן די דאָזיקע כחות איז — אונזער אַלעמענס פליכט.

חיים שווים

# די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער נבואה ביי אידן *)

## I

## אלגעמיינער אריינפיר

### 1.

### די ביכער פון די נביאים.

די צווייטע זאמלונגען ביכער אין תנ"ך, נאָך די פינף חומשים אין דער תורה, טראָגט דעם נאָמען „נביאים" און צעפאַלט אין צוויי אָפּטיילונגען: „נביאים ראשונים" און „נביאים אחרונים", עס הייסט: פריערדיקע נביאים און שפּעטערדיקע נביאים. „נביאים ראשונים" איז אַ זאמלונג פון היסטאָריע־ביכער, וואָס דערציילן די אידישע געשיכטע פון משה'ס טויט, אָדער בעסער פון דער צייט אַן זינט די אידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, ביז'ן גלות בבל. „נביאים אחרונים" איז אַ זאמלונג פון ביכער, וואָס אַנטהאַלטן רייד פון נביאים.

דער נאָמען „נביאים ראשונים" פאַר דער ערשטער אָפּטיילונג פון „נביאים" איז באמת גאָר ניט קיין פּאַסיקער. דער ריכטיקער נאָמען פאַר דעם וואָלט געווען: די געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג און דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער מלוכה אין ארץ ישראל. די זאמלער פון די ביכער פון תנ"ך האָבן אָבער געגלויבט, אַז אויך די היסטאָריע־ביכער זיינען געשריבן געוואָרן פון נביאים (בבא בתרא, י"ד און ט"ו). זיי האָבן דעריבער אוועקגעשטעלט די דאָזיקע ביכער אַלס „נביאים ראשונים" פאַראויס פאַר די נבואות פון די נביאים, וואָס זיי האָבן באַצייכנט אַלס „נביאים אחרונים".

---

*) קאַפּיטלען פון אַ ניט־פאַרענדיקטן בוך.

אין אמת'ן אָבער ווערט אין די „נביאים ראשונים“ דערציילט נאָר וועגן געוויסע נביאים פון דער עלטערער צייט, וואָס האָבן געשפּילט א ראָלע אין אידישן לעבן גלייכצייטיק מיט די אָפיציעלע פאָרשטייער פון פאָלק, די מלכים. געשריבן געוואָרן זיינען אָט די היסטאָריע־ביכער, ווי כמעט די מערסטע ביכער פון תנ"ך, פון פאַרשידענע אַנאָנימע שריפט־שטעלער, אָבער על־כל־פּנים ניט פון די נביאים, צו וועמען זיי ווערן צוגעשריבן לויט דער אידישער טראַדיציע אלס ביכער פון נביאים קענען דערפאַר באַטראַכט ווערן נאָר די „נביאים אחרונים“, אָבער ניט די „נביאים ראשונים“.

די „נביאים אחרונים“ אַנטהאַלטן פיר ביכער: ישעיה, ירמיה, יחזקאל, תרי־עשר. צוויי פון זיי (יחזקאל און מיט דער אויסנאַם פון קליינע הוספות אויך ירמיה) אַנטהאַלטן נבואות פון איינצעלנע נביאים, וועמעס נאָמען זיי טראָגן. די אַנדערע צוויי ביכער אָבער זיינען זאַמ־לונגען פון נבואות פון פאַרשידענע נביאים. תרי־עשר (צוועלף) איז לויט'ן נאָמען א זאַמלונג פון צוועלף קלענערע נביאים. ישעיה איז לויט'ן נאָמען א בוך פון איין נביא, לויט'ן אינהאַלט אָבער איז עס פּונקט ווי תרי־עשר א זאַמלונג פון נבואות פון זייער פאַרשידענע צייטן. נאָר א קלענערע צאָל קאַפּיטלען שטאַמען טאַקע באמת פון ישעיה בן־אמוץ, וועמעס נאָמען דאָס בוך טראָגט. דער גרעסטער טייל פון בוך אָבער שטאַמט פון פאַר־שידענע אַנאָנימע נביאים.

דאָס בוך יונה, איינס פון די צוועלף ביכער פון תרי־עשר, געהערט באמת גאָר ניט צו די נביאים אחרונים; ווייל עס אַנטהאַלט ניט קיין נבואות פון א נביא, נאָר עס איז א סימבאָלישע געשיכטע אין דעם גייסט פון די נביאים, געשריבן אין דער שפּעטערדיקער צייט פון דער ביבלישער היסטאָריע וועגן איינעם א נביא פון די אַלטע צייטן מיט'ן נאָמען יונה בן־אמתי.*)

*) דער נביא יונה בן־אמתי האָט געלעבט אין דער צייט פון ירבעם בן־יאוש מלך ישראל, קורץ פאַר עמוס'ן; דאָס איז אין דער ערשטער העלפט פון אַכטן יאָרהונדערט (פאַר דער קריסטלאַכער צייט). אַזוי שטייט בפירוש אין מלאכים ב, י"ד 25. די נאָוועלע אָבער, וואָס יונה איז איר העלד, איז פאַרפאַסט געוואָרן, לויט דער מיינונג פון כמעט אַלע הײנטיקע ביבל־פאָרשער, אין דער פערסישער עפּאָכע, דאָס איז מיט אַן ערך פיר הונדערט יאָר שפּעטער.

.2

## די נביאים און די אידישע טראַדיציע

אין דער אידישער טראַדיציע פאַרנעמען די נביאים דעם צווייטן פּלאַץ נאָך דער תורה און זיינען ניט מער ווי א טפל צו איר. וואָרים דער גאַנצער אידישער מאָנאָטעאיסטישער וועלט־קוק און די הומאַניטאַרישע געזעצן, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, זיינען לויט דער טראַדיציע געגעבן געוואָרן פון משה'ן צו די אידן אין מדבר, נאָך איידער זיי האָבן אריינגעוואַנדערט אין ארץ ישראל. די נביאים האָבן דערפאַר נאָר געקאָנט מוסר'ן די אידן ווארום זיי היטן ניט משה'ס תורה, אָבער וואָס מחדש צו זיין האָבן זיי ניט געהאַט. „וואָס איטלאַכער נביא האָט געזאָגט איז געווען ניט מער ווי איבערגע'חזר'ט משה'ס רייד" (מדרש רבה, שמות, מ"ב). „רבי יבחק האָט געזאָגט: אַלץ וואָס די נביאים האָבן געזאָגט אין זייערע נבואות אין אַלע דורות האָבן זיי מקבל געווען פון בארג סיני" (מדרש רבה, שמות כ"ח).

די ביכער פון די נביאים שטייען אויך נידעריקער ווי די תורה אין דעם פּרט פון הייליקייט. וואָרים די נביאים האָבן נאָר געהאַט דעם „רוח הקדש", דעם הייליקן געטלאַכן גייסט, וואָס האָט גערעדט דורך זיי: די תורה אָבער איז לויט דער אידישער מסורה ניט געגעבן געוואָרן פון משה'ן דורכ'ן הייליקן גייסט, נאָר „מפּי הגבורה", דירעקט פון גאָט'ס מויל. גאָט האָט דיקטירט און משה האָט געשריבן. אפילו די לעצטע פּסוקים פון חומש, וואָס דערציילן פון משה'ס טויט, האָט אויך, לויט איין „מאן דאמר" אין תלמוד, גאָט פאַרדיקטירט משה'ן, און משה האָט עס געשריבן מיט טרערן.

קיין חידוש ניט דעריבער, וואָס דער איד האָט אָנגעווענדט זיין גאַנצע גייסטיקע ענערגיע אויף דער תורה און האָט כמעט אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די נביאים. וואָרים אין דער תורה קאָן א מענטש געפינען אַלע חידושים אין דער וועלט, אויב ער פאַרשטייט נאָר די סודות אירע. פון די נביאים אָבער קאָן מען אפילו ניט ברייננגען קיין ראיה אויף א דין.*) דער פרומער איד לייענט דערפאַר יעדערן שבת א גאַנצע סדרה חומש „שנים מקרא ואחד תרגום". פון די נביאים אָבער לייענט ער ניט מער ווי א קליין שטיקל „הפטורה" פאַר א צוגאָב.

*) „דברי תורה מדברי קבלה לא ילפינן", בבא קמא, ב.

די דאָזיקע שטעלונג צו די נביאים האָט זיך ניט געענדערט ביי אונז אפילו אין דער נייער השכלה־צייט. אויך דער הייננטוועלטיקער איד איז געבליבן אין דעם פּרט ביי דער אומהיסטאָרישער טראַדיציע, אַז דער אידישער מאָנאָטעאיזם אין זיין העכסטער און ריינסטער פאָרם איז געשאַפן געוואָרן פון משה'ן אין מדבר. אויב דער משכיל האָט געהאַט מער אינטערעס אין די נביאים איידער דער פאַרצייטיקער איד איז עס געווען נאָר צוליב דעם שיינעם לשון זייערן, כדי צו כאַפּן פון זיי שיינע מליצות. פון א פאַרשטענדניש אָבער פאַר דעם וועלט־היסטאָרישן ווערט פון די נביאים, האָט מען נאָך ביי אונז אידן ביז היינט ווינציק וואָס געהערט.

## 3.

## די נביאים און די מאָדערנע ביבל־פאָרשונג

אַרום צוויי און א האַלב טויזנט יאָר האָט מען זיך געהאַלטן פעסט ביי דער טראַדיציע, אַז משה'ס תורה, אַזוי ווי מיר האָבן זי היינט אין חומש, איז געווען דער פאָרבאַדינג פון די נביאים. משה איז בכן באַטראַכט געוואָרן אַלס דער שאַפענדער געניוס פון אידישן פאָלק, און די נביאים האָבן געשפּילט די אומבאַדייטנדיקע ראָלע פון פּאָעטישע מגידים. ערשט אין ניינצנטן יאָרהונדערט האָט זיך איינגעגעבן די מאָדערנע ביבל־פאָרשער צו צעברעכן די אומהיסטאָרישע אידישע טראַדיציע און צו אַנטדעקן די נביאים אין זייער גאַנצער וועלט־היסטאָרישער גרויסקייט.

ווען די מאָדערנע קריטישע פאָרשער האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן אין די עלטערע היסטאָריע־ביכער פון תנ"ך מיט אָפענע אויגן, האָבן זיי דערזען, אַז מיט דעם טראַדיציאָנעלן קוק קאָן מען זיך פשוט גאָר פון אָרט ניט רירן. עס שיקט זיך ניט פון סאַמע אָנהויב אָן. מישן מיר אויף, למשל, דעם ספר שופטים, זעען מיר ניט אין דער גאַנצער תקופה עפּעס א שפור פון תורת משה. מיר באַקומען דאָרטן א בילד פון א האַלב־באַרבאַרישן פאָלק, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך צו באַזעצן אין א לאַנד און אַריבערצוגיין פון א לעבן פון וואַנדערנדיקע נאָמאַדן צו א ציוויליזירטן לעבן פון ערד־אַרבעטער און שטאָט־איינוואוינער. פון דער העכערער מאָראַל און פון דעם ריינעם מאָנאָטעאיסטישן גלויבן און קולט פון תורת משה געפינען מיר קיין שפור ניט. דאָס איז

דער פאַל ניט נאָר ביי די מאַסן פון פאָלק; אויך ביי זייערע פירער, די שופטים, געפינען מיר ניט קיין עטישע און העבער־מענטשלאַכע כאַראַק־טער־שטריכן. אויך זיי דינען געצן און באַגייען די גרעסטע אכזריות. „אין יענע טעג", האָט א אידישער היסטאָריקער אין דער צייט פון דער מלוכה געשריבן וועגן דער תקופה פון די שופטים, „איז קיין מלך ניט געוועזן אין ישראל; יעדערער האָט געטאָן וואָס אים איז געפעלן". וואָס הייסט, עס איז קיין מלך ניט געוועזן, דעריבער האָט מען געקאָנט טאָן וואָס מ'האָט געוואָלט, און וואו איז געוועזן די תורה?

די לאַגע ווערט אויך ניט בעסער, ווען מיר גייען איבער פון די שופטים צו די מלכים. דוד, למשל, לאָזט אָפּפערן מענטשן צו יהוה, כדי איינצושטילן זיין צאָרן (שמואל ב, כ"א). די אידישע מלכים זיינען זיך מתחתן מיט די פעלקער אַרום, א זאַך וואָס ווערט אזוי שטרייננ פאַר־באָטן אין תורת משה. — אין ירושלים שטייט א בראָנזענע שלאַנג („נחש הנחשת", „נחושתן"), א געץ, וואָס דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז משה האָט אים געמאַכט, און מ'האָט צו אים געדינט ביז דער צייט פון קעניג חזקיהו (מלכים ב, ח' 4; פאַרגלייך במדבר כ"א 8, 9). ערשט חזקיהו האָט צעבראָכן אָט דעם געץ, אונטער דער השפעה פון דער באַוועגונג אין אידישן לעבן, פון וועלכער ישעיה בן־אמוץ איז געוועזן דער וואָרט־פירער אין זיין צייט (ישעיה, ל 22). — אחז דערזעט אין דמשק א שיינעם היידנישן מזבח, שיקט ער א גענויען פּלאַן פון אים צו אוריה'ן, דעם כהן פון דעם בית המקדש אין ירושלים, און אוריה קווינקלט זיך גאָר ניט און בויט גלייך אויף אזא מזבח אין בית־המקדש, און דער קעניג קומט צוריק פון דמשק און איז מקריב אויף אים קרבנות. עס הייסט, אַז פון אַלע געזעצן פון תורת כהנים האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט. און אוריה הכהן, טאָר מען ניט פאַר־געסן, איז ניט געוועזן אַבי ווער. דאָס איז דערזעלביקער, וועמען ישעיה בן־אמוץ גיט אָן אַלס „עד נאמן" צוזאַמען מיט זכריה בן יברכיהו (ישעיה, ח 2).

דער קיצור דערפון איז, אַז מיר קאָנען גאָר ניט צוטרעטן צו די „נביאים ראשונים" אזוי לאַנג ווי מיר האַלטן זיך ביי דער טראַדיציע, אַז עס האָט דעמאָלט עקזיסטירט אזא געשריבענע תורה פון משה'ן ווי מיר האָבן היינט אין חומש.

נאָך ווייניקער פאַרשטענדלאַך איז דער חומש גופא. ערשטנס, געפינען מיר דאָרטן דריי גרעסערע געזעצביכער, וואָס זיינען ניט נאָר

אומאָפּהענגיק איינס פון אַנדערן, נאָר זיינען זיך פּשוט סותר אויף יעדן טריט. דאָס זיינען דער „ספר הברית“ (שמות כ׳ 23, כ״ג 33), דער „ספר דברים“ און „תורת כהנים“ (דער חומש ויקרא, מאַנכע טיילן פון חומש במדבר און אויך קליינע טיילן פון חומש שמות). צווייטנס זיינען די מעשיות פון חומש אַ דירעקטע סתירה צו דעם ספר דברים. וואָרים אין דברים ווערט שטריינג אָנגעזאָגט צו צעברעכן די הייליקע בוימער (אשרות) און די הייליקע שטיינער (מצבות) אַלס געצנדינסט פון די כנענים, און אין חומש בראשית ווערן דיזעלביקע בוימער און שטיינער פאַרהייליקט, און זייער הייליקייט ווערט גאָר צוגעשריבן צו די אבות. אזוי, למשל, ווערן צוגעשריבן צו אברהמ׳ען דער הייליקער בוים און דער הייליקער ברונים אין באר־שבע (בראשית כ״א) און צו יעקב׳ן — דער הייליקער שטיין אין בית־אל (בראשית כ״ח).

אויב מיר קענען ניט פאַרשטיין דעם חומש און די עלטערע היס־טאָריע־ביכער, די „נביאים ראשונים“, ווען מיר האַלטן זיך ביי דער טראַדיציע, געפינענן מיר אויך אין קשיא גרעסער פאַר דער אַנדערער אין די נבואות פון די נביאים. אָט די נביאים, וואָס לויט דער טראַדיציע האָבן זיי נישט מער ווי איבערגע׳חזר׳ט דאָס, וואָס די אידן האָבן לאַנג שוין מקבל געווען ביים באַרג סיני, ווייסן גאָר לגמרי ניט פון משה׳ן און פון זיין געשריבענער תורה און דערמאָנען אים אויך אין ערגעץ ניט.*) די נביאים ריידן אומעטום דירעקט אין גאָט׳ס נאָמען און זיינען זייער אייגענע אויטאָריטעט. נאָך מער: אַ סך נביאים זיינען פּשוט סותר תורת משה. עמוס, צום ביישפּיל, זאָגט: „האָט איר מיר פיל געבראַכט שעכט־אָפּפער און מעל־אָפּפער אין די פערציק יאָר, וואָס איר האָט אַרומגעוואַנדערט אין מדבר, הויז פון ישראל?“ (עמוס ה׳ 25). עמוס ווייסט בכן פון דער טראַדיציע, אַז די אידן האָבן אַרומגע־וואַנדערט פערציק יאָר אין מדבר. ער ווייסט אָבער לחלוטין ניט פון אַ הייליקן משכן מיט אַן אויסגעאַרבעטן סיסטעם פון קרבנות, ווי עס ווערט באַשריבן אין „תרומה“, „תצוה“ און אין ספר ויקרא. — ירמיה זאָגט נאָך מער בפרטות: „איך האָב ניט גערעדט מיט אייערע עלטערן

*) אַ יוצא מן הכלל איז פּסוק 22 קאַפּ. ג אין מלאכי, וואו עס ווערט אָנגעזאָגט צו געדענקען „די תורה פון מיין קנעכט משה׳ן.“ דאָס באַציט זיך אָבער הפּנים אויף דער תורה פון דברים, ניט אויף דער תורת כהנים, ווי עס איז צו זען פון די אויסדריקן „חורב“ און „חקים ומשפּטים“, אויסדרוקן וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ספר דברים.

און האָב זיי ניט אָנגעזאָגט אין דעם טאָג ווען איך האָב זיי ארויסגעפירט פון מצרים וועגן א גאַנץ־אָפּער און א מעל־אָפּער" (ירמיה ז' 22). — אַז יחזקאל איז סותר די רייד פון דער תורה האָבן שוין איינגעזען די בעלי התלמוד, און עס איז טאַקע דערפאַר געווען א רייד, אז מ'זאָל גונז זיין דעם ספר יחזקאל און אים פאַררעכענען צו די „ספרים חיצונים" (שבת י"ג).

דער סך־הכל דערפון איז, אַז די קריטישע פאָרשער פון דער ביבל האָבן איינגעזען, אַז די אידישע טראַדיציע האָט אָוועקגעשטעלט די אידישע געשיכטע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. לויט דער טראַדיציע איז די אידישע געשיכטע א פּראָדוקט פון דער תורה, און ווען די אידן וואָלטן געהאַט אַן אַנדער תורה, וואָלטן זיי דורכגעמאַכט אַן אַנדער געשיכטע. לויט דעם וויסנשאַפטלאַכן קוק אָבער איז פונקט פאַרקערט: די תורה איז א פּראָדוקט פון דער אידישער געשיכטע אין דער אַלטער צייט, און ווען דער גאַנג פון דער אידישער געשיכטע וואָלט געווען אַן אַנדערער, וואָלט די אידישע תורה געווען אַן אַנדערע, אָדער בעסער: די אידן וואָלטן גאָר איבערהויפּט ניט געוואָרן קיין פאָלק פון דער תורה, פונקט ווי קיינע אַנדערע פעלקער אַרום זיי זיינען עס ניט געוואָרן.

די תורה איז א פּראָדוקט פון דער אידישער געשיכטע, און די גרעסטע גייסטער, וואָס האָבן באַוועגט די אידישע געשיכטע, זיינען געווען די נביאים. אָבער ניט אַלע נביאים זיינען געווען פון דעמזעלביקן שניט. עס איז געווען א געוואַלדיקער מרחק צווישן די נביאים פון דער עלטערער צייט ביז אויף עמוס'ן און די נביאים פון עמוס'ן אָן. ערשטנס האָבן די גרויסע נביאים פון עמוס'ן אָן פאַרשריבן זייערע רייד אין ביכער, בעת די נביאים פון דער עלטערער תקופה פאַר עמוס'ן האָבן געווירקט נאָר מיט זייערע מעשים און מיט זייער פּערזענלאַכקייט, אָבער ניט מיט דעם געשריבענעם וואָרט. די נביאים פון עמוס'ן אָן, די „נביאים אחרונים", ווערן דערפאַר באַצייכנט אין דער מאָדערנער ביבל־קריטיק אַלס שריפטלאַכע אָדער ליטעראַרישע נביאים און די נביאים ביז אויף עמוס'ן — אַלס מינדלאַכע. די שריפטלאַכע נביאים האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט פון די מינדלאַכע ניט נאָר אין דער פאָרם פון אויסדרוק, ניט נאָר דערמיט וואָס זיי זיינען געווען פּאָעטן און שריפט־שטעלער, נאָר זיי זיינען — לויט דעם אינהאַלט פון זייערע רייד — געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ נביאים. דער ערשטער פון זיי, עמוס, האָט דעריבער עפנטלאַך דערקלערט, אַז ער איז גאָר ניט קיין נביא און האָט

אויך ניט קיין פאַרבינדונג מיט די „בני הנביאים“ (עמוס ז׳ 14).

די נייע שריפט־נביאים פון עמוס׳עס טיפ זיינען עס געווען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט העכער איבער די מענטשן פון זייער צייט און איבער זייער גאַנצער סביבה, און האָבן באַגרינדעט דעם אידישן עטיש־מאָנאָטעאיסטישן וועלט־קוק. דער ערשטער דור תלמידים פון וועלהויזן, האָבן דעריבער איינגאַנצן אַראָפגענומען די קרוין פון משה׳ס קאָפ און זי אַרויפגעזעצט אויפ׳ן קאָפ פון די גרויסע נביאים.

אָבער דער דאָזיקער קוק איז ענג און ניט שטריינג וויסנשאַפטלאַך. ער האָט געמוזט אַנטשטיין אין דער העכערער ביבל־קריטיק אין אַ געוויסער צייט אַלס רעאַקציע און אַלס „לינקע זייט“ קעגן דער טראַדיציע. וואָרים פונקט ווי משה האָט ניט געקאָנט געבן צו די אידישע נאָמאַדישע שבטים אין מדבר די העכסטע השגה וועגן גאָט און דעם מענטשנ׳ס אויפפירונג אין לעבן, אַזוי האָבן אויך עמוס און זיינע נאָכפאָלגער ניט געקאָנט באַשאַפן קיין „יש מאין“. מיר געפינען אויך אין זייערע רייד קיין שום שפור ניט דערפון, אַז זיי קומען מיט אַ שפּאָגל־נייער לערע צו זייער פאָלק. די גאַלע היסטאָרישע אומשטענדן, פון דער צייט ווען די שריפטלאַכע נבואה איז אויפגעקומען, האָבן ניט געקאָנט אַרויסברינגען אַזאַ געוואַלדיקע דערשיינונג, אויב זי וואָלט געווען נאָר פון גרונט אויס אַ נייע זאַך און וואָלט קיין וואָרצלען ניט געהאַט שוין אין דעם פריהערדיקן אידישן לעבן פון משה׳ן אָן. דערצו נאָך האָבן די ווייטערדיקע פאָרשונגען אין דער העכערער ביבל־קריטיק געבראַכט צו דער איינזעהעניש, אַז די ליטעראַרישע פראָדוקטן פון דער צייט פאַר דער שריפטלאַכער נבואה, ווי אַ שטייגער די עלטסטע פאָלקס־מעשיות פון חומש (דער יהו׳יסט*) און די נביאים־לעגענדעס פון ספר מלכים, ווייזן שוין שפורן פון די געדאַנקען פון די שריפט־נביאים.

אַ סך ביבל־פאָרשער פון דעם נייעם דור האָבן דעריבער זיך פאַרנומען אַ ביסל אויף אַן אַנדער וועג איידער וועלהויזן און זיינע ערשטע שטריינגע נאָכפאָלגער. אמת טאַקע, זאָגן די דאָזיקע פאָרשער, אַז ערשט ביי די שריפט־נביאים זעען מיר קלאָר אויסגעדריקט די אידישע מאָנאָטעאיסטיש־עטישע וועלט־באַטראַכטונג. אָבער די שריפט־נביאים האָבן שוין געהאַט פאָרגעהער אין דעם יהו׳יסט*) און אין אליהו און אלישע און זייערע נאָכפאָלגער, די שרייבער פון די נביאים־לעגענדעס.

*) זע די גרויסע אידישע געשיכטע פון חיים שוים, באַנד 2, זייט 242־245.

עס איז דעריבער ניט ריכטיק צוזאַמענצופאַסן די אידישע רעליגיע פון משה'ן ביז עמוס'ן אונטער איין נאָמען און איין כאַראַקטעריסטיק; וואַרים צוזאַמען מיט'ן גאַנצן אידישן לעבן האָט אויך די אידישע רעליגיע שוין פאַר דער שריפטלאַכער נבואה דורכגעמאַכט א לאַנגע אַנטוויקלונג און איז שוין געשטאַנען אויפ'ן שוועל פון דער וועלט־באַטראַכטונג פון די נביאים. די וועלט־היסטאָרישע גרויסקייט פון די שריפטלאַכע־נביאים ווערט ניט געמינערט דורך דעם, וואָס מ'נעמט אָן, אַז זיי האָבן ניט געבראַכט קיין נייעם פייער פון הימל, נאָר האָבן פון צעשפּרייטע פונקן געשאַפן א פלאַם. מער ניט, וואָס אַנשטאָט צו זיין א פלוצלאַכע, אַפּגעזונדערטע דערשיינונג, ווערט די העכערע נבואה אויף דעם אופן א רינג, דער טייערסטער רינג, אין דער גאָלדענער קייט פון אידישן געדאַנק פון משה'ן ביז אויף היינט.

גייענדיק אין די פוסטריט פון די דאָזיקע אינגערע פאָרשער, אָבער ניט נאָכפאָלגנדיק אינגאַנצן קיין איינעם פון זיי, — וועלן מיר אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פאַנאַנדערלייגן די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער נבואה ביי די אידן.

4.

## די נביאים און די תורה

פון אַלץ וואָס מיר האָבן ביז אַהער געזאָגט קאָן מען זען, אַז די ריכטיקע היסטאָרישע אָרדנונג איז ניט „תורה און נביאים“, נאָר „נביאים און תורה„. די נביאים האָבן ניט איבערגע'חזר'ט דאָס וואָס משה האָט מקבל געווען אויפ'ן באַרג סיני. נאָר משה'ס תורה, עס הייסט: די טראַדיציעס וועגן רעכט און אומרעכט, די מנהגים, די געזעלשאַפט־לאַכע אינסטיטוציעס און די צערעמאָניעלע פאָדערונגען זיינען בסדר מאָדיפיצירט און פונדאַסניי פאָרמולירט געוואָרן אין א שריפטלאַכער פאָרם לויט די אומשטענדן, וואָס האָבן בסדר זיך געענדערט, און אונטער דער השפּעה פון דער באַוועגונג אין אידישן לעבן, פון וועלכער די נביאים זיינען געווען די ערשטע וואָרט־פירער.

כדי קלאָרער צו מאַכן די שייכות צווישן די נביאים און די פאַר־שידענע געזעצביכער, וואָס מיר באַצייכענען אַלס „תורת משה“, וועלן מיר זיי דאָ געבן אין דער היסטאָרישער אָרדנונג, לויט ווי עס איז אָנ־גענומען געוואָרן פון די מערסטע מאָדערנע ביבל־פאָרשער.

1) דאָס עלטסטע אידישע געזעצבוך איז דער „ספר הברית“ (שמות כ׳ 23 — כ״ג 33). עס איז שטאַרק ענלאַך צו דעם געזעצבוך פון דעם באַבילאָנישן קעניג אמוראבי (אמרפל מלך שנער, בערך אין 20טן יאָר־הונדערט פאַר דער קריסטלאַכער ערא), וואָס מ׳האָט אויסגעגראָבן אין 1902 פון די חורבות פון שושן. עס שטאַמט נאָך פון דער עלטערער צייט פון דער אידישער מלוכה, פאַר יאשיהו׳ן, ווען מ׳האָט נאָך געאָפּפערט אויף די במות (שמות כ׳ 24). מיר האָבן דאָ די זעלביקע היסטאָרישע סביבה ווי אין די מעשיות פון חומש בראשית; עס הייסט: די היסטאָרישע סביבה פון דער צייט פאַר די שריפט־נביאים.

2) נאָכ׳ן „ספר הברית“ קומט אַ גרויסע באַוועגונג אין אידישן לעבן, וואָס האָט געפונען איר קלאָרסטן, שאַרפסטן אויסדרוק אין די גרויסע נביאים פון דער אַשורישער פעריאָדע: עמוס און הושע אין ישראל און ישעיה בן־עמוץ און מיכה המורשתי אין יהודה.

3) באַאיינפלוסט פון די נביאים, אָדער בעסער: שטייענדיק אונטער דער השפעה פון דער באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די נביאים — האָבן אידישע הומאַניטאַריער און רעפאָרמער אין ירושלים, הפּנים אַ גאַנצע שולע, געשריבן אַ ספר־תורה, אַ בוך וואָס האָט, אונטער משה׳ס נאָמען, באַצוועקט דורכצופירן די לערע פון די נביאים אין פּראַקטישן לעבן. דאָס איז די תורה פון דברים, וואָס איז פאַרעפנט־לאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דעם קעניג יאשיהו (מלכים ב, כ״ב, כ״ג). מיט זיינע הומאַניטאַרישע געזעצן און מיט זיינע העכערע השגות פון גאָט און פון גאָט׳ס עטישע פאָדערונגען צו די מענטשן איז די תורה פון דברים אַ געוואַלדיקער פאָרטשריט אַקעגן דעם אַלטן „ספר הברית“, ווייל צווישן אָט די צוויי געזעצביכער ליגט אַ ברייטע תקופה, אין וועלכער דאָס אידישע לעבן האָט זיך אַ סך איבערגעאַנדערשט און דער אידישער געדאַנק און די אידישע מאָראַל האָבן זיך אַ סך אַנטוויקלט.

4) נאָך דער תורה פון דברים קומען ירמיה און זיין נאָכפאָלגער און אפשר פערזענלאַכער תלמיד יחזקאל. אין יחזקאל׳ס פּלאַן פאַר דער צוקונפטיקער אידישער געמיינדע, וואָס די אידן וועלן אויפבויען אין ירושלים, שלאָגט ער פאָר אַ סך רעפאָרמען. די דאָזיקע רעפאָרמען זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין דער פאָרם פון געזעצן אין

5) „תורת כהנים“, וואָס עזרא און זיינע חברים האָבן געבראַכט פון בבל קיין ירושלים; און אויף אַ גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג (כנסת הגדולה) האָבן די אידן זיך אָנגענומען „באלה ובשבועה“ צו היטן אַלע

וואָס שטייט דערין געשריבן פאַר אַלע קומענדיקע דורות (נחמיה י).

פונקט ווי דער „ספר הברית" האָט געפּאַסט צום אידישן לעבן אין דער עלטערער צייט פון דער אידישער מלוכה און דער ספר דברים צו די היסטאָרישע אומשטענדן אין דער קליינער מלוכה יהודה נאָכ'ן חורבן פון שומרון, אַזוי איז די „תורת כהנים" געווען צוגעפּאַסט פאַר דעם אידישן לעבן אין דער פּערסישער עפּאָכע, בשעת עס איז, דורך נחמיה און עזרא, אויפגעבויט געוואָרן די נייע אידישע געמיינדע אין ירושלים.

# II

# די נבואה אין די עלטסטע צייטן

## 1.

### די באַדייטונג פונ'ם וואָרט „נביא"

„נביא" האָט ניט באַדייט אַ „פאָראויסזאָגער", נאָר אַ „פאַרשפּרעכער", איינער וואָס רעדט אין גאָט'ס נאָמען. אַז דאָס וואָרט „נביא" האָט אין אָנהויב געהאַט אָט די באַדייטונג, זעען מיר פון צוויי קוועלן: איינע אין תנ"ך און איינע מחוץ פון דעם תנ"ך, ביי די באַביליאָנער. גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, שטייט עס אין חומש: „זעה, איך האָב דיך געמאַכט פאַר אַ גאָט פאַר פּרעה'ן און אהרן דיין ברודער וועט זיין דיין נביא" (שמות ז 1). „נביא" ווערט דאָ געברויכט להיפּוך צו „אלהים", אַלס דער שליח און פאַרשפּרעכער פון גאָט. דיזעלביקע באַדייטונג האָט דאָס וואָרט נביא אויך געהאַט ביי די באַביליאָנער. דער גאָט פון באָרסיפּאַ, דער פאַרשטאָט פון בבל, האָט געהייסן „נאַבו". דער דאָזיקער גאָט איז געווען דער זון פונ'ם אויבערגאָט בעל־מאַרדוך פון בבל און אויך זיין שליח און דער דערקלערער פון זיין ווילן. דער נאָמען פון דעם גאָט נאַבו (נבו) איז אונז באַקאַנט פון תנ"ך פון אַזוינע באַביליאָנישע נעמען ווי נבו־זראדן, נבו־כדראצר. אויך דער באַרג, אויף וועלכן משה איז געשטאָרבן, לויט דער אידישער טראַדיציע, האָט געהייסן „נבו." *)

*) נאָך מער ווי טויזנט יאָר איידער די אידן זיינען געקומען פון מדבר איז שוין ארץ ישראל געשטאַנען פּאָליטיש און קולטורעל אונטער'ן באַבילאָנישן איינפלוס. עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס מיר טרעפן דאָרט נעמען פון באַבילאָנישע געטער, ווי: נ ב ו, ס י ן און ד ג ו ן.

דאָס וואָרט נביא האָט בכן באַדייט: דער וואָס רעדט אין גאָט׳ס נאָמען.*) אָבער ווען מיר ווילן וויסן ווער דער אידישער נביא איז געווען, קענען מיר דאָס ניט לערנען פון דער עטימאָלאָגישער באַדייטונג פונ׳ם וואָרט, ווייל די באַדייטונג פון ווערטער בייט זיך לויט די אומשטענדן פון דער צייט. די נבואה ביי די אידן קאָן דעריבער נאָר פאַרשטאַנען ווערן ווען מיר באַטראַכטן זי אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

## 2.

## משה אַלס נביא

מיט וועמען דאַרפן מיר אָנהויבן די געשיכטע פון דער נבואה ביי די אידן? לויט דער טראַדיציע איז דאָס קיין פראַגע ניט. דער ערשטער און גרעסטער נביא איז לויט איר געווען משה. ער איז געווען דער „אדון הנביאים", וואָס נאָך אים איז שוין מער אַזאַ נביא ניט געווען ביי אידן (דברים ל"ד 10). יהושע איז שוין געווען אַ סך קלענער פאַר משה׳ן. „משה׳ס פנים", זאָגט די גמרא, „איז געווען ווי די זון און יהושע׳ס פנים ווי די לבנה" (בבא בתרא ל"ה, עמוד א). די נבואה האָט לויט דעם זיך ניט אַנטוויקלט פון נידעריקערע צו העכערע פאָרמען, נאָר אומגעקערט: זי איז געגאַנגען פון משה׳ן אָן אויף צוריק, ביז זי איז אינגאַנצן נסתלק געוואָרן.

דעמדאָזיקן קוק אויף דער אידישער נבואה געפינען מיר נאָך היינט אין אַ סך סקאַרבאָווע ביכער איבער אידישער געשיכטע. משה ווערט דאָרטן פאָרגעשטעלט אַלס דער ערשטער און גרעסטער נביא, וואָס נאָך אים איז די נבואה געגאַנגען אויף צוריק.

די דאָזיקע אויפפאַסונג פון משה׳ן אַלס נביא איז דורכאויס ניט קיין וויסנשאַפטלאַכע. אמת, מיר געפינען דאָס שוין אין חומש, אָבער פונקט ווי די געזעצן פון חומש, די „תורה", אַזוי מוזן אויך די מעשיות פון חומש פאַרשטאַנען ווערן אין ראַם פון דער היסטאָרישער סביבה, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט.

די מעשיות פון חומש זיינען פאָעטיש, שיין און הייליק, ווייל זיי

---

*) מאַנכע פאָרשער דערקלערן „נבא" פון „נבע־הטיף" און באַציען זיך אויף עמוס ז 16 און מיכה ב 11. מאַנכע ווידער דערקלערן דאָס וואָרט „נביא" פון אַשוריש אַלס דער הינגעריסענער, דער פון עקסטאַז אָוועקגעטראָגענער.

זיינען ניט קיין היסטאָריע, נאָר פ אָ ל ק־ל אָ ר. זיי דערציילן ניט קיין היסטאָרישע געשעהענישן, ווי א היסטאָריקער טוט, נאָר זיי גיבן איבער לעגענדעס, וואונדער־מעשיות פון דער אַלטער, פאַרהיסטאָרישער צייט, איידער די אידן האָבן זיך באַזעצט אין זייער לאַנד. געווים זיינען די דאָזיקע מעשיות אין א גרויסער מאָס די פּאָעטישע אָפּשפּיגלונג אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק פון אמת'ע היסטאָרישע פּאַסירונגען. אָבער אין דער פאָרם ווי מיר האָבן זיי היינט אין חומש זיינען די געשיכטעס דערציילט און אויפגעשריבן געוואָרן אין דער היסטאָרישער צייט, בשעת די אידן זיינען שוין געזעסן אין זייער לאַנד. אין דער צייט ווען די דאָזיקע געשעהענישן זיינען פאָרגעקומען, זאָגט א שרייבער פון חומש, האָט נאָך דער כנעני און דער פרזי געוואוינט אין לאַנד (בראשית י"ג 7). עס הייסט: איצט, אין דעם שרייבער'ס צייט, זיינען די אידן שוין געווען די באַלעבאַטים פון לאַנד און די עלטערע איינוואוינער, די כנענים, זיינען שוין געווען אסימילירט פון די אידן.

די מעשיות פון חומש וועגן דער פאַרהיסטאָרישער צייט זיינען בכן א רייכער מאַטעריאַל פאַר דער אידישער געשיכטע פון דער היסטאָרישער צייט, פון דער צייט, וועגן וועלכער עס דערציילן אונז די „נביאים ראשונים": ווייל מיר זעען פון זיי וואָסערע מעשיות די אידן האָבן זיך דערציילט און וואָסערע השגות זיי האָבן געהאַט בשעת זיי האָבן געוואוינט אויף זייער לאַנד, וועגן דער אוראַלטער צייט, איידער זיי זיינען געוואָרן א פאָלק.

ווען מ'וויל ריכטיק פאַרשטיין אידישע געשיכטע, מוז מען דעריבער לייענען די מעשיות פון חומש אין צוזאַמענהאַנג מיט די היסטאָריע־ביכער פון „נביאים ראשונים". מ'מוז זען וואָס פאַר א פעריאָדע פון אידישן לעבן אין דער היסטאָרישער צייט עס שפּיגלט זיך אָפּ אין די מעשיות פון חומש וועגן דער פאַרהיסטאָרישע צייט.

ווען מיר לייענען אין חומש די מעשיות און די באַשרייבונגען פון משה'ן פון א וויסנשאַפטלאַכן שטאַנדפּונקט, זעען מיר דאָן, אַז די פאָרשטעלונג וועגן משה'ן אַלס א נביא איז א פּראָדוקט פון דער צייט ווען דער נביא איז געווען א גרויסער פירער ביי די אידן און האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן. ווען דער באַליבטער פירער פון פאָלק איז געווען דער נביא, האָט דאָס פאָלק נאַטירלאַך זיך אויך פאָרגעשטעלט משה'ן אַלס נביא.*) דער אויסדרוק גופא „און עס איז מער ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל אַזא נביא ווי משה" האָט געקאָנט גע־

ברויכט ווערן נאָר אין דער צייט פון דער אידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, ווען עס האָט שוין געלעבט און געווירקט אַ גאַנצע ריי פון נביאים. דער שרייבער פון חומש זאָגט דעריבער, אַז די אַלע נביאים קומען קיינער ניט אין זייער גרויסקייט צו משה'ן.

אָבער דער נביא פון דער היסטאָרישער צייט, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין די מעשיות און אין די פאַרשטעלונגען וועגן משה'ן, איז ניט קיין נביא פון דעם טיפּ פון אַ עמוס און אַ ישעיה, נאָר איז אַ נביא פון דעם טיפּ פון די עלטערע מונדלאַכע נביאים, אַשטייגער ווי אליהו און אלישע. משה אַלס נביא איז נאָך אַ „איש האלהים", אַ געטלאַכער מאַן, וואָס טוט אַלערליי וואונדער (מלכים ב, ד; פאַרגלייך דברים ל"ג 1), פונקט ווי אליהו און אלישע.

משה אַלס נביא איז אָבער ניט געוועזן די עלטסטע פאָרם פון דער משה־לעגענדע. די פיגור פון משה'ן האָט געלעבט אין אידישן פאָלק לאַנג נאָך איידער נביאים האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אַלס פאָלקס־פירער. משה איז קענטיק די סאַמע עלטסטע פיגור פון דער אידישער לעגענדע. וואָרים אַלע לעגענדאַרישע העלדן פון דער עלטסטער צייט האָבן אין דער פאָלקס־טראַדיציע געהאַט לאָקאַלע פאַרבינדונגען מיט דעם אידישן לאַנד, מ'האָט געוויזן וואו זיי האָבן געוואוינט און וואו זייערע קברים געפינען זיך. דאָס באַדייט אַזויפיל, אַז די אַלע לעגענדעס האָבן זיך אַנטוויקלט אין ארץ ישראל. משה איז דער איינציקער, וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט וואו זיין קבר געפינט זיך. דאָס הייסט: משה איז די איינציקע לעגענדאַרישע פיגור, וואָס האָט ניט איר מקור אין דעם אידישן לעבן אין ארץ ישראל, נאָר די אידן האָבן זי שוין געבראַכט פון מדבר.

וואָס איז געוועזן משה אין דער אידישער טראַדיציע אין דער עלטערער צייט, איידער מ'האָט זיך אים פאָרגעשטעלט אַלס נביא?

פון פאַרשידענע צעוואָרפענע שטעלן אין תנ"ך איז עס לייכט צו דרינגען, אַז משה האָט געגאָלטן אַלס דער ערשטער כהן פון גאָט יהוה און דער באַגרינדער פון זיין קולט. אַלס כהן האָט ער אויך געהאַט דעם אָראַקל פון גאָט, דעם „אורים ותומים", וואָס איז געווען די לעצטע אינסטאַנץ פאַר די אידישע שבטים אין מדבר. ווען דער שעיך פון שבט האָט ניט געקאָנט אַנטשיידן אין אַ שטרייטיקייט, האָט מען זיך

*) אויך אברהם ווערט אָנגערופן נביא (בראשית כ 7).

דאַן געווענדט צו משה'ס אָראַקל אין קדש (שמות י"ח, פאַרגלייך דברים ל"ג 8. זע אויך ביב. געז. 152, 153). די כהנים אין דן, איינס פון די עלטסטע הייליקטימער אין ארץ ישראל, האָבן זיך דעריבער מתייחס געווען צו משה'ס אַן איינקל (יהונתן בן גרשון בן משה, שופטים י"ח 30).

משה איז אָבער אין דער לעגענדע פון פאָלק אַלץ מער און מער דערהויבן געוואָרן, אַלץ מער און מער איז ער געוואָרן איבערמענטשלאַך און גיגאַנטיש. מיר געפינען נאָך אין תנ"ך פאַרדעקטע מיטאָלאָגישע שטריכן אין משה'ן. עס ווערט, למשל, דערציילט פון א קריג, וואָס משה האָט געהאַט מיט יהוה („תריבהו על מי מריבה", דברים ל"ג 8). איינמאָל האָט יהוה געטראָפן משה'ן אונטערוועגנס, האָט ער אים גאָר געוואָלט טויטן (שמות ד 24). דאָס אַלץ איז געווען וואויל באַקאַנט דעם שרייבער פון חומש, וועלכער שטעלט פאָר משה'ן אלס נביא. ער ציט דעריבער א שאַרפע ליניע צווישן משה'ן און אַלע אַנדערע נביאים. צו אַלע נביאים, זאָגט ער, באַווייזט זיך גאָט אין א זעאונג, אין א חלום; משה אָבער איז א בן־בית ביי גאָט. ער קוקט אויף אים און רעדט מיט אים מויל צו מויל (במדבר י"ב). דער שרייבער פון חומש מיינט דאָ באמת צו זאָגן דאָס, וואָס מיר וואָלטן געזאָגט אויף א מאָדערנעם אופן, אַז משה'ס שייכות צו גאָט איז געווען א מיטאָלאָגישע, בעת די שייכות פון אַלע אַנדערע נביאים צו גאָט איז בלויז א פסיכאָלאָגישע.

די אידן זיינען אָבער געווען פון דער סאַמע עלטסטער צייט אָן אַנטי־מיטאָלאָגיסטן. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז א מענטש זאָל זיין א צו גרויסער מקורב צו גאָט. אין אַן אַנדער דאָקומענט פון חומש געפינען מיר דעריבער אָפּגעשוואַכט משה'ס צו גרויסע נאָענטקייט צו גאָט. „קיין מענטש", שטייט עס דאָרטן, „קאָן ניט זען גאָט און בלייבן לעבן". אויך משה האָט געקאָנט זען גאָט בלויז פון הינטן, אָבער אין זיין פנים האָט ער קיינמאָל ניט געקאָנט אריינ־קוקן (שמות ל"ג).

נאָר וואָס משה האָט ניט געמעגט זיין אין די עלטסטע שיכטן פון דער אידישער טראַדיציע, איין זאַך איז אָבער זיכער: אז די פאַר־שטעלונג וועגן משה'ן אַלס נביא איז א פּראָדוקט פון יענער צייט אין דער אידישער היסטאָריע, ווען דער נביא איז געווען דער פּאָפּולערסטער פירער פון פאָלק, אַמבעסטן: די צייט פון אליהו און אלישע. די

געשיכטע פון דער נבואה מוזן מיר דעריבער אָנהויבן ניט מיט משה'ן, נאָר מיט דער היסטאָרישער צייט.

### 3.

## שמואל דער „רואה"

דער ערשטער, וועלכער ווערט אין די היסטאָריע־ביכער פון תנ"ך. איז „נביאים ראשונים", אָנגערופן מיט'ן נאָמען נביא איז שמואל. אָבער אויך מיט שמואל'ס פּערזאָן קענען מיר ניט אָנהייבן די געשיכטע פון דער נבואה ביי די אידן. וואָרים די געשיכטעס און די לעגענדעס וועגן שמואל'ן לאָזן אים אויפטרעטן אין אַלע ראָלעס, וועלכע זיינען מעגלאַד געווען פאַר אַ פּראָמינענטן מאַן אין יענער צייט. ער איז אַ זעער („רואה". שמואל א. ט 9, 11, 19), אַ נזיר (א 11), אַ כהן (ג 1 : ט 13), אַ שופט (י"ב) און אַ נביא, וועלכער טרעט אויף געגן דעם קעניג, ווי אַ שטייגער אליהו (ט"ו). דאָס איז אַ גוטער באַווייז פאַר דעם, אַז פון משה'ן אַן ביז דער גרינדונג פון דער מלוכה איז ניט געווען ביי די אידן נאָך אַ מאַן פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג.

מיר זעען אָבער אויך דערפון, אַז די געשיכטעס וועגן שמואל'ן זיינען ניט קיין איינהייטלאַך ווערק, נאָר זיינען צונויפגעשריבן געוואָרן פון פאַרשיידענע קוואַלן. אין דעם עלטערן קוואַל איז שמואל אַ כהן און אַ זעער. אין דעם אינגערן איז ער אַ שופט און אַ נביא. די פאָרשטעלונג וועגן שמואל'ן אַלס נביא איז אַ פּראָדוקט פון דערזעלביקער היסטאָרישער סביבה און פון דיזעלביקע קרייזן פון פאָלק, פון וואַנעט עס שטאַמט אויך די פאָרשטעלונג וועגן משה'ן אַלס נביא. דאָס איז בערך די צייט פון אליהו און אלישע, ווען דער נביא איז געווען דער פּאָפּולערער פאָלקס־פירער אין ישראל און איז געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צום מלך.

אין דעם עלטערן נוסח אָבער ווערט שמואל אָנגערופן „רואה", זעער, און דער שרייבער לייגט נאָך צו אַ דערקלערונג, אַז „וואָס היינט איז אַ נביא, איז פאַרצייטן אָנגערופן געוואָרן אַ „רואה" (שמואל א, ט 9). דער שרייבער, הייסט עס, האָט געלעבט לאַנג נאָך שמואל'ן, ווען דער וואָס האָט גערעדט אין גאָט'ס נאָמען האָט געהייסן נביא, און ער האָט דעריבער געוואָלט אידענטיפיצירן דעם „רואה" פון די אַמאָליקע צייטן מיט דעם „נביא" פון זיין צייט.

מיר זעען קלאָר דערפון, אַז עס איז געווען אַ צייט אין אידישן לעבן, ווען עס זיינען נאָך קיין נביאים ניט געווען, און דער „איש האלהים".

דער מאַן וואָס האָט געהאַט אַ פּאַרקער מיט גאָט, האָט געהייסן „רואה“ אָדער „חוזה“, צוויי סינאָנימען פון „זעער“.*)

מיר קענען דערפאַר ניט אָנהייבן די געשיכטע פון דער נבואה ביי די אידן מיט שמואל׳ן אַלס דעם ערשטן נביא.

.4

## די ערשטע נביאים

פונקט ווי מ׳קען וויסנשאַפטלאַך ניט ריידן פון דעם ערשטן מענטשן (אָדם), אָדער פון דעם ערשטן אידן (אברהם), נאָר פון די ערשטע מענטשן און פון די ערשטע אידן, אַזוי קען מען אויך ניט ריידן פון דעם ערשטן נביא (משה אָדער שמואל), נאָר פון די ערשטע נביאים. די פראַגע פון דער אַנטשטייאונג פון דער נבואה ביי די אידן מוז דעריבער פאָרמולירט ווערן ניט: ווער איז געווען דער ערשטער נביא, נאָר: אין וועלכער צייט אין דער אידישער געשיכטע געפינען מיר צום ערשטן מאָל גאָט-זעער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען נביאים, און מיט וואָס האָבן זיך די נביאים אונטערשיידט פון די פריערדיקע „רואים“ און „חוזים“?

אויף ביידע פראַגן געפינען מיר אַ גענוגענדן ענטפער אין שמואל א. אין דער געשיכטע ווי שאול טרעפט זיך דאָס ערשטע מאָל מיט שמואל׳ן. מיר געפינען דאָרטן אַ לעבעדיקע שילדערונג ווי אַ קאָמפּאַניע נביאים (חבל נביאים) גייען צוריק פון דער „במה“. פאָראויס גייען מוזיקאַנטן מיט אַ האַרף און אַ פּויק און אַ פייפל און אַ גיטאַר, און די נביאים גייען הינטער זיי אין פולן עקסטאַז. שמואל, שטייט עס דאָרטן, האָט שוין פאָראויסגעזאָגט שאול׳ן, אַז ער וועט טרעפן אַזאַ קאָמפּאַניע נביאים אין גבעה און וועט אויך מיטגעריסן ווערן פון זייער עקסטאַז, און אַז דאָס וועט אַזוי ווירקן אויף אים, אַז ער וועט זיך גאָר ממש פילן נאָכהער ווי אַן אַנדער מענטש (שמואל א, י). אין אַ צווייטן שטעל ווערט דערציילט, אַז שאול, ווערנדיק מיטגעריסן פון דעם עקסטאַז פון די נביאים, האָט

---

*) פונקט ווי שמואל ווערט באַצייכנט אין דער עלטערער קוועלע אַלס רואה, אַזוי ווערט גד באַצייכנט אַלס „חוזה“ — „חוזה דוד“, דוד׳ס זעער, און „חוזה המלך“, דעם קעניג׳ס אָפיציעלער זעער, ווערט גד אָנגערופן (שמואל ב, כ״ד 11. דאָס וואָרט „הנביא“ פאַר „חוזה“ איז אַ שפּעטערע הוספה. דברי הימים ב, כ״ט 25).

פונקט אַזוי ווי זיי אַראָפּגעריסן פון זיך די קליידער און איז געלעגן נאַקעט ווי פאַר׳שיכור׳ט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט (שמואל א, י״ט, 20־24).

די ערשטע נביאים טרעפן מיר בכן אין שמואל׳ס צייט, און זייער הויפּט־כאַראַקטעריסטיק איז געווען עקסטאַז, רעליגיעזע התלהבות. דאָס האָט זיי אויסגעצייכנט פון דעם „רואה“ און „חוזה“. דער לעצטער האָט געזען דורך אויסערלאַכע צייכנס, און זיין אינערלאַכע פּערזענלאַכקייט איז דערפון ניט באַרירט געוואָרן. די צייכנס וואָס דער „רואה“ האָט באַמערקט זיינען געווען פאַרשיידענע און מ׳געפינט זיי ביי אַ סך פעלקער אין דער אַלטער צייט. אַ גרויסע ראָלע אין די דאָזיקע פּרימיטיווע זעאונגען האָבן געשפּילט די חלומות, וואָס מ׳האָט געזען אין אַ שלאָפנדיקן אָדער האַלב־שלאָפנדיקן צושטאַנד, און סתם פאַנטאַסטישע בילדער, וואָס מ׳האָט געזען אין אַ פינסטערער נאַכט. אָפטמאָל האָט מען בייטאָג ניט בלויז געזען אַ פאַנטאַסטיש בילד, נאָר מ׳האָט אויך געהערט אַ פאַרבאָרגענע שטים.*)

דער „רואה“ האָט דערפאַר געקאָנט „זען“ אַלעמאָל ווען ער האָט נאָר באַמערקט, אָדער ווען עס האָבן זיך אים באַוויזן געוויסע אויסערלאַכע צייכנס. גאַנץ אַנדערש איז אָבער געווען דער נביא. ער האָט געזען נאָר אין מאָמענטן פון עקסטאַז, און זיין זעאונג איז געווען ניט קיין אויסערלאַכע, נאָר אַן אינערלאַכע, פון זיך אַליין אַרויס. אויפגערעגט און אויפגעציטערט ביז דעם סאַמע גרונט פון זיין האַרץ, זיין גאַנצע פּערזענלאַכקייט פאַרזונקען אין די אומבאַקאַנטע טיפענישן פון זיין נשמה, האָט ער געזען, אָדער עס האָט זיך אים געדוכט אַז ער זעט, די וועלט, וועלכע ליגט הינטער אונזערע חושים און הינטער אונזער שכל.

אָבער ווי עס זאָל ניט זיין מיט דער אַנטשטייאונג פון דער נבואה, ווייסן מיר אָבער, אַז אין שמואל׳ס צייט פלעגן שוין גרופּעס רעליגיעזע עקסטאַטיקער, וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען „נביאים“, אַרומציען איבער׳ן לאַנד זינגענדיק און טאַנצנדיק. דער קלאַנג פון רוישנדער מוזיק האָט געדינט אַלס מיטל צו דערוועקן דעם ווילדן עקסטאַז, פון וועלכן יעדערער איז מיטגעריסן געוואָרן, ווער עס איז נאָר מיט זיי געקומען אין

---

*) יעקב הערט אַזאַ פאַרבאָרגענע שטים, לויט דער לעגענדע, אין אַ נאַכט־זעאונג („במראות הלילה“; בראשית מ״ו 2). אברהם הערט גאָט׳ס וואָרט אין אַ „מחזה“ בייטאָג (בראשית ט״ו 1). אויך שמואל הערט גאָט׳ס שטים בייטאָג (שמואל א, ג). אַ מערקווירדיקע לעבעדיקע שילדערונג פון אַזאַ נאַכט־זעאונג, ווען מ׳הערט אַ פאַרבאָרגענע שטים, געפינט זיך אין איוב (ד 12־16).

באַרירונג.*) עס ווייזט אָבער אויס, אַז מ'האָט נאָך דעמאָלט געקוקט אויף די דאָזיקע עקסטאַטיקער ווי אויף אַ נייער, משונה'דיקער דערשיינונג אין אידישן לעבן, און דאָס פאָלק האָט פון זיי קיין שטאַרק הויכע מיינונג ניט געהאַט. דאָס זעט מען באַשיינפערלאַך פון דעם אַלטן שפּריכוואָרט: „ווי קומט שאול צווישן די נביאים?" מ'האָט זיך, הייסט עס, געוואונדערט, ווי שאול קומט אין אַזאַ מין געזעלשאַפט. אין אָפיציעלע קרייזן האָט מען נאָך אַפילו אין פיל שפּעטערע צייטן באַטראַכט דעם עקסטאַטישן נביא פאַר אַ משוגע'נעם. ווען איינער פון די „בני הנביאים" קומט זאַלבן יהוא בן נמשי פאַר אַ קעניג, פרעגן די אָפיציערן יהוא'ן: „צו־וואָס איז אָט־דער משוגע'נער געקומען צו דיר?" (מלכים ב, ט 11. פאַרגלייך אויך ירמיה כ"ט 26).

אין וואָס פאַר אַ פאַרהעלטעניש שמואל איז געשטאַנען צו די עקסטאַטישע נביאים פון זיין צייט, קען מען ניט וויסן. אין איין שטעל ווערט געשילדערט, ווי שמואל שטייט נעבן אַ קאָמפּאַניע נביאים און קוקט־צו צו זייערע עקסטאַטישע באַוועגונגען (שמואל א, י"ט 20). עס זעט אויס פון דעם, אַזוי ווי שמואל וואָלט געווען זייער פירער און לערער. יעדנפאַלס איז שמואל געשטאַנען פיל העכער איבער זיי, און ער וואָלט זיך געפּאַסט צו זיין זייער לערער.

.5

## די נבואה אין די עלטערע צייטן

דער ריינער, הייליקער קוואַל פון דער אידישער נבואה איז אַרויס־געקומען פון אומריינע ערד־שיכטן און האָט ערשט שפּעטער זיך אָפּ־קריסטאַליזירט. מיר דאַרפן דעריבער קיין עגמת נפש ניט האָבן, וואָס אין די עלטסטע צייטן האָבן די נביאים געהערט צו דער געזעלשאַפט פון די טרעפער, צויבערער און אָראַקל־געבער.

אין די אוראַלטע צייטן זיינען ביי די אידן געווען פאַרשיידענע סאָרטן פון אָט די לעצטע, אויף וועלכע מ'האָט געגלויבט, אַז זיי האָבן אַ פאַרקער מיט גאָט און מיט די געהיימע גוטע און שעדלאַכע כוחות און רוחות פון דער וועלט. אַפילו דער אָפיציעלער קולט פון יהוה איז געווען פאַרבונדן

*) אַז מוזיק איז אָנגעווענדט געוואָרן אַלס מיטל צו דערוועקן דעם עקסטאַז ביי די נביאים, געפינען מיר אויך אין די געשיכטן וועגן אלישע'ן (מלכים ב, ג 15).

אין די אַלטע צייטן מיט טרעפער. דער כהן אין הייליקן אָרט, און עס זיינען געווען אַ סך הייליקע ערטער ביי די אידן אין ארץ ישראל אין דער עלטערער צייט פון דער מלוכה, האָט געהאַט אַן אָראַקל (אורים ותומים, אפוד), מיט וועלכן ער פלעגט טרעפן דאָס פאַרבאָרגענע און פאָראויסזאָגן די צוקונפט (שמואל א, י"ד 18, 19, 36-42 : כ"ג 6-9).

ביי דער זייט פון דעם אָפיציעלן אָראַקל־געבער, דעם כהן, האָבן אָבער אויך עקזיסטירט אַ סך פּריוואַטע זעער און טרעפער. לויט ווי עס איז צו זען פון דער אויבן־דערמאָנטער דערציילונג וועגן שמואל'ן, איז אויך אַ „רואה" געווען אַ טרעפער. האָט איינער וואָס פאַרלאָרן, ווי שאול למשל זיינע אייזלען, איז ער געגאַנגען צום „רואה", ער זאָל טרעפן פאַר אים וואו די אבדה געפינט זיך. דער רואה האָט דערפאַר באַקומען אַ לעבל ברויט אָדער אַ פערטל „שקל" (רבע השקל, שמואל א, ט 7, 8). אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער חילוק צווישן אַ „רואה" און אַ „חוזה" קענען מיר ניט וויסן. מ'מוז אָבער געדענקען, אַז פאַר די שפּעטערדיקע נביאים ווערט אַ סך מאָל אָנגעווענדט דער נאָמען „חוזה", אָבער ניט דער נאָמען „רואה". מ'וואָלט פּיליכט מעגן דערפון דרינגען, אַז אַ „חוזה" איז געווען אַן איידעלערער סאָרט זעער איידער אַ „רואה". אויך די באַדייטונג פון די „פּעלים" „ראה" און „חזה" ווייזט אין דערזעלביקער ריכטונג. פּיליכט האָט אַ „חוזה" אין די עלטסטע צייטן געזען נאַכט־זעאָונגען אָדער ער האָט געקוקט אין די שטערן (פאַרגלייך „החוזים בכוכבים", ישעיה מ"ז 13). גד איז פּיליכט געווען דער אָפיציעלער הויף־אַסטראָלאָג ביי דוד'ן. דאָס זיינען אָבער נאַטירלאַך ניט מער ווי השערות.

אויך דער נביא איז לכתחילה געווען ניט מער ווי איינער פון אַט די זעער און טרעפער. מער ניט, ער פלעגט זען פאַרבאָרגענע זאַכן און פלעגט הערן אַ שטים פון גאָט נאָר ווען ער פלעגט אַריין אין עקסטאַז. אין די קעניגלאַכע הויפן האָבן זיך געפונען אַזוינע פּראָפעסיאָנעלע נביאים, וועמען עס איז קענטיק אָנגעקומען גרינג אַריינצופאַלן אין עקסטאַז און צו זאָגן דעם קעניג פאָראויס דעם ערפאָלג פון זיינע אונטערנעמונגען. אין אחאב'ס הויף האָבן זיך געפונען פיר הונדערט אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע נביאים (מלכים א, כ"ב).

ביי דער מאַסע נביאים איז בכן די נבואה געווען אַ פּריוואַטע זאַך, אַ מיטל צו לעבן דערפון. דער כהן אמציה, וועלכער האָט באַטראַכט עמוס'ן פאַר איינעם פון די פּראָפעסיאָנעלע נביאים, האָט דעריבער געזאָגט צו אים : „אַנטלויף בעסער אין יהודה און עס דאָרטן ברויט" (עמוס ז 12). פון דער מאַסע נביאים האָבן זיך אָבער פון צייט צו צייט אַרויסגעהויבן

יחידים, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון זייער פאָלק.

ביי דעם פשוט'ן אידן זיינען דעריבער געבליבן צעמישט די באַגריפן. און ס'איז ביי אים געווען אַלץ איינס אַ „נביא", אַ „חוזה", אַ „קוסם" און אַ „בעל חלום" (דברים י"ג 2; מיכה ג 5-7; ירמיה כ"ג 25-32). אויף שאול'ן ווערט דערציילט, אַז ער האָט געלאָזט פרעגן גאָט דורך חלומות, דורך אַן אַראַקל פון אַ כהן און דורך נביאים, און אַז ער האָט אין ערגעץ קיין ענטפער ניט באַקומען („ולא ענהו יהוה גם בחלומות, גם באורים, גם בנביאים". שמואל א, כ"ח 6), איז ער דאַן געגאַנגען צו דער טויטען־באַשווערערין („אשת בעלת אוב").

אַ סך לערנען אין דעם פרט קענען מיר פון דער מעשה מיט בלעמ'ען. בלעם שטעלט פאָר אַ מכשף, אַ זעער און אַ נביא אין איין פערזאָן. ער איז אַ מכשף, וואָרים בלק'ס שלוחים קומען צו אים מיט צויבער־מיטלען אין זייער האַנט („וקסמים בידם", במדבר כ"ב 7). אין נאָך אַ שטעל ווערט ער באַצייכנט אַלס שלאַנגען־באַשווערער („ולא הלך כפעם־בפעם לקראת נחשים", במדבר כ"ד 1).*) ער איז אויך אַ זעער, וואָרים גאָט באַווייזט זיך צו אים אין אַ נאַכט־זעאונג (במדבר כ"ב 8, 19, 20). ער באַקומט אָבער אויך דעם געטלאַכן גייסט, און ווי אַן עקסטאַטישער נביא פאַלט ער צו דר'ערד און זעט אין עקסטאַז געטלאַכע זעאונגען (במדבר כ"ד 2-5, 15-17).

אפילו אין די מעשיות וועגן משה'ן געפינען מיר נאָך עלעמענטן פון יענער פרימיטיווער צייט. וועגן דער „איש האלהים" האָט נאָך באַוויזן אַלערליי וואונדער און עס איז ניט געווען קיין שאַרפע ליניע געצויגן צווישן אים און דעם צויבערער. משה ווערט אין די דאָזיקע מעשיות פאַרגעשטעלט מיט אַ צויבער־שטעקן אין האַנט, מיט וועלכן ער מאַכט אַזוינע וואונדערלאַכע קונץ־שטיק, אַז פרעה'ס אַלע מכשפים בלייבן אים פון הינטן.

די אידישע נבואה איז אָבער ניט געבליבן אין דעם פרימיטיוון צושטאַנד, אין וועלכן מיר געפינען זי אין די פאָלקס־מעשיות פון חומש און אין נביאים ראשונים. וואָס ווייטער, אַלץ גרעסערע איינצלנע גע־

*) פון שלאַנגען־באַשווערער איז דאָס וואָרט „נחש" (פון „נחש", אַ שלאַנג) איבערגעטראָגן געוואָרן אין העברייאיש אויף אַלע טרעפעריי'ען בכלל. אין דער געשיכטע פון יוסף'ן און זיינע ברידער, למשל, ווערט דאָס זעלביקע וואָרט גע־ברויכט פאַר'ן טרעפן מיט אַ כשוף־בעכער („והוא נחש ינחש בו", בראשית מ"ד 5; פאַרגלייך אויך „נחשתי ויברכני יהוה בגללך", בראשית ל 27). עס קאָן דערפאַר זיין, אַז דער אויסדרוק „נחשים" ביי בלעמ'ען באַצייכנט צויבער בכלל.

שטאַלטן זיינען אויפגעשטאַנען, וועלכע האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די פּסולת פון זייער סביבה און האָבן אַליין העכער זיך דערהויבן אין זייער השגה פון גאָט און פון לעבן, ביז די נבואה האָט דערגרייכט איר העכסטע מדרגה אין די ריזיקע נביאים־פיגורן פון דער אַשורישער און כאַלדעאישער עפּאָכע.

## III

# די נביאים און דער קאַמף קעגן „בעל"

אין דער צייט פון דער פאַראייניגטער מלוכה טרעפן מיר נביאים ביי דער זייט פון די מלכים אַלס זייערע העלפער און ראַטגעבער. מיר טרעפן נתנ'ען ביי דוד'ן אין הויף*) און מיר טרעפן אחיה השילוני ביי ירבעמ'ס זייט אַלס זיין העלפער. די דאָזיקע נביאים זיינען בלויז מיט־געגאַנגען מיט'ן אַלגעמיינעם שטראָם פון אידישען לעבען און האָבען דעריבער קיין גרויסע ראָלע ניט געקאָנט שפּילן. די נביאים זיינען ערשט גרויס געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך געשטעלט נעגן די הערשנדיקע מיינונגען, ווען זיי זיינען געוואָרן פירער פון דער אָפּאָזיציע. דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט אין אַ באַוועגונג נעגן דעם „בעל". אַלס טרעגער און וואָרט־פירער פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן די נביאים באַקומען זייער גרויסע וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג. מיר מוזן דעריבער זיך אָפּשטעלן אַ ביסל מער באריכות אויף דעם קאַמף צווישן „יהוה" און „בעל".

## 1.

### „יהוה" און „בעל"

דער קאַמף צווישן „יהוה" און „בעל" איז ניט געווען קיין אַבּ־סטראַקטער. מ'האָט זיך ניט געשטריטן וועלכער גאָט איז דער ריכטיקער

*) נתנ'ס ראָלע אַלס נביא איז זייער אַן אומבאַשטימטע און אומזיכערע זאַך. די דערציילונגען, אין וועלכע ער טרעט אויף קעגן דוד'ן, שטאַמט אויף יעדן פאַל פון אַ גאַנץ שפּעטערער צייט. עס איז גרינג צו דערקענען, אַז דער המשך פון שמואל ב, י"א איז 27 „ויגף יהוה את הילד" אין י"ב 15. דאָס שטיק צווישן איז אַריינגעשטעלט געוואָרן שפּעטער אין איינעם פון די נביאים־קרייזן.

און וועלכע דער פאַלשער. עס איז גיכער געווען אַ קאָנפליקט צווישן צוויי פאַרשידענע פאָרמען פון לעבן און צוויי פאַרשידענע קוקן אויפ'ן לעבן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט מאַכן קיין שלום צווישן זיך. אין יענער צייט און אין יענער סביבה האָבן אָבער געזעלשאַפטלאַכע קאָנפליקטן זיך אויסגעדריקט אין אַ קאַמף פאַר און געגן אַ גאָט אָדער אַ קולט.

ווער זיינען דאָס געווען „יהוה" און „בעל"?

אין דער אוראַלטער צייט, בשעת די אידן האָבן זיך אין זייער לאַנד באַזעצט, האָבן זיי נאָך קיין באַגריף ניט געהאַט פון אַן איין איינציגען אַל־וועלטלאַכן גאָט. צו אָט דער הויכער השגה זיינען זיי ערשט געקומען אין פאַרלויף פון דער צייט, און די שריפטלאַכע נביאים זיינען עס געווען די לערער פון אָט דעם גרויסן גאָט־געדאַנק. אַריינוואַנדערנדיק אין לאַנד האָבן די אידן געבראַכט פון מדבר זייער גאָט יהוה, וועלכער איז געווען אַ פאָלקס־גאָט, אַ גאָט פונ'ם פאָלק ישראל. זיי האָבן דאַמאָלסט געגלויבט, אַז ער וואוינט אויפ'ן באַרג סיני אָדער, חורב און באַווייזט זיך דאָרטן אין דעם געדיכטן וואָלקן אויפ'ן שפיץ באַרג (שמות י"ט 9; כ 21; מלכים א, ח 12). די שייכות אָבער פון דעם פאָלק ישראל צו יהוה איז ניט געווען קיין לאָקאַלע. די אידן האָבן ניט געדינט זייער גאָט, מחמת זיי האָבן זיך געפונען אין דער געגנט פון דעם הייליקן באַרג, דעם „הר האלהים" וואו ער האָט געטראָנט, נאָר ווייל ער, יהוה, האָט מיט זיי אַ בונד געשלאָסן, אַז זיי זאָלן זיין זיין פאָלק און ער זאָל זיין זייער גאָט. אויף וואָס דער דאָזיקער בונד איז געווען באַגרינדעט און וואָס משה האָט אַשטייגער געלערנט די אידן מכוח דעם גאָט יהוה, דאָס ווייסן מיר ניט, און אַלץ וואָס מ'קאָן זאָגן וועגן דעם, איז ניט מער ווי סברות; ווייל אַלע דאָקומענטן פון תנ"ך, וואָס דערציילן וועגן יענער צייט, שטאַמען פון אַ סך שפּעטער. וואָס מיר ווייסן יאָ אָבער איז, אַז די שייכות פון דעם אידישן פאָלק צו זייער גאָט יהוה איז פון לכתחילה אָן געווען אַן אייגנאַרטיקע. יהוה איז געוואָרן דער גאָט פון די אידישע שבטים אין מדבר, ניט האָבנדיק וואָסערע ניט איז פאַרבינדונג מיט אַ לאַנד. די אידן האָבן אים אָנערקענט אַלס זייער גאָט צוליב אַ גרויסער פּאַסירונג אין דער פאַרגאַנגענהייט, ווייל משה האָט זיי אין זיין נאָמען פון מצרים אַרויסגעפירט און מיט זיי אַ בונד געשלאָסן. צו דעם דאָזיקן גאָט זייערן האָבן די אידן געדינט הפנים אויף דעם אופן ווי משה האָט זיי אָנגעוויזן, כל־זמן ווי זיי האָבן געלעבט אַלס נאָמאַדן אין מדבר.

די כנענים אָבער, צווישן וועלכע די אידן האָבן זיך באַזעצט אַריינוואַנדערנדיק אין לאַנד כנען, האָבן דאָרטן געדינט שוין פון הונדערטער

יאָרן צו לאָקאַלע געטער, וועלכע זיי האָבן גערופן „בעלים". זיי האָבן ניט געהאַט איין גאָט „בעל", צו וועמען זיי האָבן אַלע געדינט. נאָר יעדע געגנט האָט געהאַט איר „בעל". מיר געפינען אין תנ"ך נעמען פון אַ סך „בעלים", ווי למשל: „בעל צפון", „בעל פרצים", „בעל חרמון", „בעל שלישה" (שמות י"ד, 1; שמואל ב, ה, 20; שופטים ג, 3; מלכים ב, ד, 42). מאַנכע „בעלים" האָבן באַקומען אַ גרעסערע באַדייטונג און זיינען געוואָרן די געטער פון גרעסערע געגנטן, ווי, למשל, דער „בעל ברית" פון ש כ ם און דער „בעל זבוב" פון ע ק ר ו ן (שופטים ח, 33; ט, 4, 46; מלכים ב, א).

בעל האָט געהייסן דער אייגנטימער פון אַ זאַך און אויך דער גאָט פון אַ שטיק לאַנד. די אַמאָליקע סעמיטן האָבן באַטראַכט זייערע געטער אַלס אומזיכטבאַרע כוחות, וועלכע שאַפן פרוכטבאַרקייט און לעבן. ווען אַ געגנט איז געווען אין דער נאַטור פרוכטבאַר, האָט זי געהאַט איר „בעל" *), וועלכער איז געווען דער האַר און אייגנטימער פון אָט דער געגנט און וועמען די איינוואוינער פון דאָרטן זיינען דאַנקבאַר געווען פאַר דער ברכה און דער שפע וואָס ער האָט זיי געגעבן. אָבער פונקט ווי דאָס פיזישע לעבן איז צעטיילט אין צוויי מינים, אַזוי האָבן די סעמיטן זיך אויך פאָרגעשטעלט ד געטלאַכע קראַפט וואָס שאַפט לעבן אַלס צעטיילט אין מענלאַך און ווייבלאַך. דער „בעל" האָט דעריבער געהאַט ביי דער זייט אַ „בעלה" (בעל'טע), וועלכע האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען עשתרת **) און אשרה (ביי די באַבילאָניער „בל" און „אישטאַר").

אַלע ציוויליזירטע סעמיטישע פעלקער האָבן געדינט דעם „בעל". אַז די אידן האָבן זיך באַזעצט אין דעם לאַנד כנען און אָנגעהויבן לעבן פון די פרוכטן פון לאַנד, זיינען זיי אויך איבערגעגאַנגען צו דעם ציוויליזירטן לעבן פון די סעמיטישע שכנים־פעלקער אַרום, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די עלטערע ציוויליזירטע איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים, און האָבן דעריבער זיך ביסלאַכווייז אָוועקגעקערט פון זייער גאָט יהוה פון דער

*) עס איז מערקווירדיק, וואָס דער דאָזיקער היידנישער אויסדרוק איז געבליבן ביי די אידישע פויערים אין ארץ ישראל ביז אין די סאַמע שפּעטסטע צייטן. נאָך אין משנה ווערט אָנגערופן אַ פעלד וואָס דאַרף ניט קיין קינסטלאַכע באַוואַסערונג „שדה הבעל" (בבא בתרא ג, א; שביעית ב, ט; תוספתא מועד קטן א, א.).

**) פון דעם נאָמען פון דער סעמיטישער געטין פון פרוכטבאַרקייט איז „עשתרת" געוואָרן אַ באַצייכענונג פאַר פרוכטבאַרקייט און פאַרמערונג בכלל („ועשתרת צאנך", דברים ז 13).

נאָמאַדישער צייט און האָבן אָנגעהויבן דינען די „בעלים“. אין אַ סאָציאַלער שפּראַך הייסט דאָס, אַז אַריינקומענדיק אין דעם לאַנד כנען, האָבן די אידן ביסלאַכווייז אויפגעגעבן זייער נאָמאַדישן אופן פון לעבן און האָבן איבערגענומען דעם ציוויליזירטן אופן פון לעבן פון זייערע שכנים.

דער אונטערשייד צווישן די צוויי אופנים פון לעבן איז אַ געוואַלדיק גרויסער, און ער דריקט זיך אויס אין דעם קולט, אין דער מאָראַל, אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און אין דעם מענטשנ'ס גאַנצן קוק אויפ'ן לעבן. דער נאָמאַד ווייסט ניט פון קיין בילדער פון גאָט, פון קיין פאַנאַנדערשיידונג פון דער גאָטהייט אין צוויי מינים און פון דער הייליקער פּראָסטיטוציע לכבוד דער געטין פון פרוכטבאַרקייט; ער ווייסט ניט פון וויין, שכרות און אויסגעלאַסנקייט, און עס איז אים אויך פרעמד אַזאַ זאַך ווי פּריוואַט־אייגנטום אויף לאַנד, וואָרים די פּאַשע געהערט צום גאַנצן שבט. עס זיינען דעריבער ניטאָ ביי נאָמאַדן גאָר רייכע אָדער גאָר אָרימע, און כל־זמן ווי זיי ווייסן ניט פון קיין באַזעסענעם לעבן, ווייסן זיי אויך ניט פון קיין קלאַסן־היפוכים.*)

דער גאַנג פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג טרייבט אָבער דעם נאָמאַד אַריבערצוגיין צו אַ באַזעסענעם לעבן. די אידן האָבן דעריבער אַלץ מער און מער זיך כנענ'יזירט און אַלץ מער זיך צוגעוואוינט צום „בעל“־דינסט. יהוה איז טאַקע ווייטער אויך געבליבן זייער גאָט, אָבער דינענדיק גלייכצייטיק „יהוה“ און דעם „בעל“ איז אַזוי מיט דער צייט געוואָרן אַ מין אויסגלייך צווישן זיי. יהוה איז געבליבן ווי פריער דער גאָט פון ישראל, אָבער ער איז „בעל'יזירט“ געוואָרן. ער האָט צום טייל פאַרלאָרן זיין מדבר־נאַטור און איז געוואָרן דער „בעל“, דער אייגנטימער און באַפרוכטער פון דעם לאַנד, וואָס זיין פאָלק האָט איינגענומען.

דער דאָזיקער בעל'יזירונגס־פּראָצעס, דאָס אַריבערנעמען די ציוויליזאַציע און דעם אָרט לעבן פון די עלטערע איינוואוינער פון לאַנד, די כנענים, איז אַ לאַנגע צייט געווען אין פולן גאַנג. שלמה האָט אַזוי אויסגעבויט מיט פעניקישע בוימייסטער פון צור אַ טעמפּל פאַר יהוה אין ירושלים לויט דעם מוסטער פון די געטער־טעמפּלען פון די ציוויליזירטע פעלקער אַרום. ירבעם בן־נבט איז געגאַנגען אין דעם פּרט נאָך ווייטער ווי שלמה און האָט אויפגעשטעלט אין די מלוכה־טעמפּלען פון בית־אל

---

*) זע וועגן דעם:
James McCurdy, History, Prophecv and the Monuments, 1914, 560, 561. Gustav Hölscher, Die Profeten. 1914 S. 141.

און דן גאָלדענע קעלבער, וועלכע האָבן סימבאָליש פאָרגעשטעלט יהוה אַלס דעם „בעל" פונ'ם לאַנד.

„יהוה" און „בעל" זיינען איינס געוואָרן. אידישע קינדער האָבן געטראָגן נעמען פאַרבונדן מיט „בעל" *) (יר־בעל, שופטים ו: בעל־חנן, דברי הימים א, כ"ז: בעל־ידע, דברי הימים א, י"ד, 7: איש־בעל און מפי־בעל זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף איש־בשת און מפי־בשת פון שפּעטערע איבערשרייבער פון תנ"ך). מ'האָט אָנגעהויבן פייערן די סעזאָנען פון יאָר, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער אַגריקולטור, אַלס הייליקע טעג פאַר יהוה (חג המצות, חג הקציר און חג האסיף). מ'האָט אָנגעהויבן דינען די הייליקע שטיינער און בוימער פון די כנענים, די „מצבות" און די „אשרות", וועלכע זיינען געווען געהייליקט צו דעם „בעל" און דער „עשתרת", און וועלכע די אידישע לעגענדע האָט געזוכט צו פאַרבינדן מיט די אָבות כדי זיי דערמיט צו פאַראידישן.

אָבער גלייכצייטיק זיינען אויך אריינגעדרונגען אין אידישן לעבן אַלע פאַרדאָרבנקייטן פון די ציוויליזירטע פעלקער און פון דעם ציוויליזירטן געצנדינסט. מ'האָט אַפילו אָנגעהויבן זיך פאָרשטעלן גאָט אין צוויי געשלעכטער, אין אַ „בעל" און אַן „עשתרת", און אידישע מענער און פרויען האָבן זיך פּראָסטיטואירט לכבוד דער „עשתרת", דער געטין פון ליבע און פרוכטבאַרקייט. דאָס זיינען געווען די „קדשים" און „קדשות", וואָס ווערן אַ סך מאָל דערמאָנט אין תנ"ך.*)

די אידן, אַריינקומענדיק אין לאַנד כנען, זיינען ניט געווען גלאַט אַזוי נאָמאַדן, ווי אַלע אַנדערע סעמיטישע פעלקער אויף דער דאָזיקער שטופע פון אַנטוויקלונג. די אידן האָבן געבראַכט פון מדבר אַ טראַדיציע, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט משה'ן. עס איז טאַקע אמת, ווי מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז מיר ווייסן ניט גענוי אין וואָס אָט די טראַדיציע איז באַשטאַנען, אָבער עס איז כמעט ווי זיכער, אַז זי האָט געלעבט און געווירקט אין אידישן פאָלק און האָט עס ניט געלאָזט פאַרגעסן די צייט פון מדבר. דערצו איז ארץ ישראל אַזאַ לאַנד, וואו מדבר־לעבן און ציוויליזאַציע זיינען זייער נאָענטע שכנים. אין מאַנכע געגנטן פון לאַנד, באַזונדערס אין עבר הירדן און אין „נגב", האָבן זיך די אידן לחלוטין ניט

---

*) פאַרגלייך בראשית ל"ח 21; מלכים א, ט"ו 12; מלכים א, כ"ב 47; מלכים ב, כ"ג 7. פאַרגלייך אויך אין כתובים אחרונים, אגרת ירמיה פסוק מ"ב־מ"ח.

ציוויליזירט, נאָר האָבן געלעבט אַלס נאָמאַדן ביז אין די סאַמע שפּעטסטע צייטן פון דער אידישער מלוכה.

עס האָט דעריבער שטענדיק געהערשט אין אידישן לעבן אַ „ויתרוצצו" צווישן מדבר און לאַנד, צווישן נאָמאַדיזם און ציוויליזאַציע. פאַר עכט־אידיש איז באַטראַכט געוואָרן בלויז דאָס, וואָס איז נאָמאַדיש. די אָבות האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אַלס נאָמאַדן. יהוה נעמט אָן מיט באַוויליקונג די מתנה פון דעם נאָמאַד הבל, אָבער ניט די מתנה פון דעם פּויער קין. ווער רעדט שוין פון שטעט מיט טורעמס! דאָס האָט יהוה פיינט תכלית שנאה (בראשית י"א).

פון דעם דאָזיקן נאָמאַדישן אידעאַל איז נאָך דער צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה אנטשטאַנען אַ ביינקעניש נאָך דער אַלטער צייט און אַ פאַר־ביטערטער קאַמף געגן דעם „בעל", עס הייסט: געגן דער כנענ'ישער ציוויליזאַציע, וואָס די אידן האָבן איבערגענומען צוזאַמען מיט'ן לאַנד.

## 2

## אַלגעמיינע אורזאַכן פון דער באַוועגונג געגן דעם „בעל"

די באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין קאַמף געגן „בעל", איז ניט געווען באַשרענקט אויף דער רעליגיע און דעם קולט. זי האָט ארומגענומען דאָס גאַנצע אידישע לעבן און האָט געהאַט פּאָליטישע און סאָציאַלע אורזאַכן. וואָרים וואו עס אַנטשטייט אַ באַוועגונג צו שאַפן בעסערע פאָרמען פון לעבן, איז עס אַ סימן, אַז עס זיינען פאַראַן שלעכטע צושטאַנדן, וואָס יעדערער פילט, אַז זיי מוזן אָפּגעשאַפט ווערן.

דער ערשטער פאַקטאָר אין דער דאָזיקער באַוועגונג איז געווען דער פּאָליטישער. וואָרים זינט דאָס אידישע קעניגרייך האָט נאָך שלמה'ס טויט זיך צעשפּאַלטן אין צוויי איז די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ ישראל ניט געווען קיין פריילאַכע. עגיפּטן האָט ווידער געזוכט צו געווינען איר אַלטן איינפלוס אויף דרום־סיריע*). און אין פינפטן יאָר פון רחבעם'ן האָט אַ מיליטערישע עקספּעדיציע פון שישק מלך מצרים געפּלינדערט ירושלים (מלכים א, י"ד 25, 26). בעת יהודה האָט אין די פופציק יאָר נאָך

*) ארץ ישראל איז געווען אַן עגיפּטישע פּראָווינץ אין דער צייט פון דער 18טער און 19טער דינאַסטיע, אין 16טן, 15טן און 14טן יאָרהונדערט פאַר דער ריסטלאַכער צייט. די אידן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד אין אַ צייט ווען די עגיפּטער האָבן פאַרלאָרן זייער הערשאַפט איבער זייערע פּראָווינצן אין אַזיע.

שלמה׳ט טויט אויסגעשעפּט אירע כחות אין איר ברודער־קריג מיט ישראל, האָט די צפון־מלוכה אין אָנהויב אָנגעהאַלטן כּלומר׳שט איר מאַכט. אָבער אַפילו עמרי׳ס נצחונות זיינען ניט געווען קיין דויערנדיקע און קיין גלענצנ־דיקע. צו ארם האָט ער געמוזט אָפּטרעטן אַ סך שטעט אין עבר הירדן, און ער האָט געמוזט געבן די אַראַמעאישע סוחרים דאָס רעכט אויף אייגענע באַזאַרן אין שומרון (מלכים א, כ 34). אחאב איז טראָץ זיינע פריערדיקע נצחונות געפאַלן ביי ר מ ת ־ ג ל ע ד אין אַ מלחמה געגן ארם (מלכים א, כב). אחאב׳ס זון יהורם האָט קיין ערפאָלג ניט געהאַט אין זיין מלחמה געגן מואב (מלכים ב, ג), און אַז אונטער יהורם בן יהושפט האָט אויך אדום זיך אָפּגעריסן פון יהודה (מלכים ח, 22), איז די אידן ווייניק וואָס געבליבן פון דוד׳ס גרויסע עראָבערונגען.

צו דעם פּאָליטישן פאַקטאָר איז נאָך צוגעקומען דער סאָציאַלער, ווארים די פּאָליטישע שוואַכקייט איז געווען באַגלייט פון סאָציאַלער נויט. אין די פריערדיקע צייטן האָט מען ניט געוואוסט פון קיין גרויסער עניות. פלעגט קומען אַמאָל אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע: אַ פעסט, אַ טריקעניש, אַ היישעריק, אָדער אַ פיינט האָט געמאַכט אַן אָנפאַל, האָט דער אידישער פויער נאַטירלאַך שטאַרק געליטן, אָבער דאָס איז געווען נאָר צייטווייליק. אויף דער דויער האָט דאָס אים ניט געקאָנט רואינירן. איצט אָבער האָט זיך אָנגעהויבן עניות און דחקות אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב. עס איז די התחלה פון יענער שרייענדיקער אָרימקייט פון אַכטן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַרויסגערופן די פייערדיקע פּראָטעסטן פון די שריפטלאַכע נביאים.

די ערשטע סיבה צו פאַראָרימען דעם פויער זיינען געווען די שטענדיקע מלחמות. ארום 50 יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה צווישן יהודה און ישראל. אַלס צוגאָב האָט שישק׳ס רויב־צוג געמאַכט אַ תל פון דעם האָב־און־גוטס פון לאַנד. לויט דעם ספר מלכים האָט ער בלויז געפּלינדערט יהודה, לויט די עגיפּטישע אויפשריפטן אָבער האָט ער געפּלינדערט דאָס גאַנצע לאַנד ביז׳ן טאָל יזרעאל. נאָך ערגער ווי אין יהודה האָבן די מלחמות געמוזט פאַראָרימען די פויערים אין צפון־ישראל. ווארים אחוץ דעם בירגער־קריג מיט יהודה, האָט ישראל ארום הונדערט יאָר געפירט מלחמות מיט ארם. אַלס צוגאָב האָט נאָך ישראל דורכגעמאַכט מיליטערישע איבער־קערענישן און אינערלאַכע דינאַסטישע מלחמות. דער פויער האָט געמוזט אָפּט פאַרלאָזן זיין פעלד און זיין נחלה און זיך שטעלן אין די רייען פון דעם קעמפּנדיקן חיל. דערצו נאָך זיינען די אַראַמעער געקומען מערערע מאָל אין לאַנד, און אַז דער אידישער פויער פון דער צפון־מלוכה איז

געקומען צוריק אהיים פון מלחמה, האָט ער אָפט געפונען זיין נחלה אין די הענט פון דעם פיינט.

אַ צווייטע סיבה פון דער פאַראַרימונג פון פויער זיינען געווען די קעניגלאַכע שווערע שטייערן. דער אידישער פויער, וועלכער איז אַמאָל געווען פריי פון יעדער געצוואונגענער צאָלונג און פון יעדן געצוואונגענעם דינסט, האָט איצטער געמוזט צאָלן פון דאָס לעצטע אויפצוהאַלטן דעם קעניגלאַכן הויף מיט דעם קעניג׳ס אַלע פאַוואָריטן און באַאמטע. שוין דוד האָט געלאָזט מאַכן אַ פאָלקס־ציילונג, קענטיק כדי איינצואָרדענען די אָפּצאָלונגען פאַר דער מלוכה (שמואל ב, כ״ד), און שלמה האָט איינגעטיילט דאָס גאַנצע לאַנד אין צוועלף שטייער־דיסטריקטן, און אַלס צוגאָב האָט ער נאָך געמאַכט אַ פריזיוו און האָט גענומען דרייסיק טויזנט אידן פאַר געצוואונגענער רעגירונגס־אַרבעט (מלכים א, ד; ה 7, 8, 27). קיין חידוש ניט דעריבער, וואָס נאָך שלמה׳ס טויט האָבן די אידן זיך באַקלאָגט פאַר רחבעם׳ען איבער דעם אומדערטרעגלאַכן יאָך, און אַז דער יונגער דעספּאָט האָט זיי געגעבן זיין ברוטאַלן ענטפער, האָבן זיי זיך אָפּגעריסן פון דוד׳ס הויז. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן דערמיט געוואונען זייער אַלטע פרייהייט. אָבער זיי זיינען שפּעטער אַנטוישט געוואָרן. אויב אפילו די ערשטע מלכים האָבן ניט געדריקט אַזוי שטאַרק דאָס פאָלק, איז על־כל־פּנים אונטער אחאב׳ן געפינען מיר ווידער דיזעלביקע דריקנדקע לאַגע און דעמזעלביקן סיסטעם פון פאַרוואַלטונג ווי אונטער שלמה׳ן („שרי המדינות“. מלכים א, כ 14).

צו דעם דרוק פון אויבן זיינען נאָך צוגעקומען מאַנכע אַנדערע צרות און נויטן, וועלכע זיינען אַלעמאָל דער רעזולטאַט פון סאָציאַלע ענדערונגען. די אידן זיינען אין זייער לאַנד געוואָרן ניט בלויז פון פאַסטוכער פויערים, נאָר זיי האָבן אין דער צייט פון די מלכים אויך אָנגעהויבן נעמען אַן אַנטייל אין דעם האנדל, וועלכער איז ביז דעמאָלט געלעגן אין די הענט פון די כנענים.*) דוד און שלמה האָבן זיך פאַרבונדן מיט די כנענים (פעניקיער, פון צור, כדי צו קענען נעמען אַן אַנטייל אויך אין אינטער־נאַציאָנאַלן האנדל (שמואל ב, ה 11: מלכים א, ט 26־28; י 11, 14, 15, 22, 28). אויך מיט עגיפּטן און מיט דמשק האָבן אידישע סוחרים אָנגעפירט אַ האנדל (מלכים א, י 28; כ 34).

דער דאָזיקער לאַנגזאַמער איבערגאַנג צו מסחר און געלט־ווירטשאַפט

*) „כנעני“ איז דערפאַר געבליבן ביי אידן אַ סינאָנים (שם נרדף) פון „סוחר“. הושע י״ב 8; ישעיה כ״ג 8; איוב מ 30; משלי ל״א 24.

האָט לגמרי איבערגעקערט די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן. די אַמאָליקע סאָציאַלע גלייכקייט פון אַלע מיטגלידער אין דער משפחה און אין דעם שבט איז ביסלאַכווייז פאַרשוואונדן. נעבן די רייכע אייגנטימער פון ערד און פון סטאַדעס איז אַנטשטאַנען אַן אָרימער פּראָלעטאַריאַט. די קלאַסן־היפּוכים זיינען וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געוואָרן. צייטן פון הונגער האָט מען אויסגענוצט אויף צו הויבן מורא'דיק די פּרייזן (מלכים ב, ו 25; ז 1, 16). ווען דער בעל־חוב האָט ניט געקאָנט באַצאָלן וואָס ער איז שולדיק געווען, האָט מען אים מיט זיין גאַנצער פאַמיליע צו־גענומען פאַר קנעכט (מלכים ב, ד 1). אין אַזעלכענע צושטאַנדן איז עס פאַרשטענדלאַך, וואָס אין ברייטע קרייזן פון פאָלק האָט געהערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט. די אידישע נאָמאַדן האָבן ווי עס איז זיך צו־געוואוינט צו זייער לאַנד און זיינען געוואָרן פּויערים אין דערפער. אָבער אַ שטאָטיש לעבן מיט האַנדל און געלט־כאַפּעריי, מיט שיכרות און אויס־געלאַסנקייט, דאָס האָבן זיי ניט געקאָנט פאַרטראָגן. דאָס איז פאַר זיי געווען „סדום". מ'האָט דעריבער געזוכט פּלענער און וועגן ווי אויס־צובעסערן דאָס לעבן און אָפּצושאַפן די שלעכטע צושטענדן.

## 3

## די בענקשאַפט נאָך דער אַלטער צייט. די „רכבים", די „נזירים" און די „נביאים".

די אומצופרידנקייט מיט דער געגנוואַרט האָט אַרויסגערופן אַ בענק־שאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט. מאַנכע אידן האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַלע צרות שטאַמען דערפון וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך צעשפּאָלטן אין צוויי מלוכות. אַמאָל, האָבן זיי געגלויבט, ווען אַלע אידן זיינען נאָך געווען פאַראייניקט אין איין מלוכה אונטער שלמה'ן, האָט מען ניט גע־וואוסט פון די אַלע נויטן, פון וועלכע מ'ליידט איצטער. דעמאָלט האָט מען ניט געוואוסט פון קיין אָרימע און רייכע, נאָר יעדער איד איז געזעסן אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים און האָט גענאָסן פון דער פּרוכט פון לאַנד, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

די מערסטע אומצופרידענע אָבער האָבן געזען די הויפּט־סיבה פון די שלעכטע, געדריקטע צושטענדן אין דער ציוויליזאַציע פון די כנענים, וואָס די אידן האָבן איבערגענומען אַריינוואַנדערנדיק אין לאַנד. זיי האָבן דערפאַר אויפגעהויבן אַ קאַמף געגן דעם „בעל", עס הייסט: געגן דער

כנען'ישער השפעה אין אידישן לעבן, און האָבן געפאָדערט, אַז מ'זאָל זיך צוריקקערן צו „יהוה" און אים דינען אַזוי ווי אַמאָל אין דער מדבר־צייט; אַז מ'זאָל ניט אָננעמען די פאַרדאַרבענע ציוויליזאַציע פון די שכנים־פעלקער ארום, נאָר מ'זאָל פירן אַ איינפאַך נאָמאַדיש לעבן, אַן אַז אונטערשייד פון אָרים און רייך, אָן פּאַלאַצן פאַר מענטשן און אַן טעמפּלען פאַר גאָט, אָן רייכע מאָלצייטן און אָן גאָלדענע געצן.

אַלס פאַרטרעטער און פאַרקעמפער פון דעם נאָמאַדישן אידעאַל טרעפן מיר די „רכבים", די „נזירים" און די „נביאים". די רכבים זיינען געווען אַ פאַמיליע, אָדער אַ סעקטע, וועלכע האָבן געפירט אַ נאָמאַדיש לעבן ניט אויס געוואוינהייט, נאָר אויס פּרינציפּ, ווייל יהונדב בן־רכב, זייער פאָטער און לערער, האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי און זייערע קינדער זאָלן קיינמאָל ניט טרינקען קיין וויין, ניט בויען קיין הויז און ניט זייען קיין פעלד, נאָר זיי זאָלן וואוינען אַלעמאָל אין געצעלטן (ירמיה ל"ה). און אַז זיי זיינען געצוואונגען געווען צוליב דעם חיל פון די כשדים צו פאַרלאָזן דאָס אָפענע לאַנד און זיך צו באַזעצן אין ירושלים, האָבן זיי אויך אין דער שטאָט ניט אויפגעגעבן זייערע נאָמאַדישע פּרינציפּן (ירמיה ל"ה 11). יהונדב בן־רכב, אויף וועמען די רכבים באַציען זיך אין זייער ענטפער צו ירמיהו'ן, איז געווען אַ גוטער פריינט פון יהוא בן נמשי און אין פולער סימפּאַטיע מיט זיין בלוטיקן קאַמף נעגן אחאב'ס הויז (מלכים ב, י 17-25). אויך די „נזירים", וועמען עמוס שטעלט אין איין ריי מיט די „נביאים", האָבן זיך געהיט פון טרינקען וויין, דעם צייכן פון אַ ציוויליזירטן לעבן (עמוס ב 11, 12).

אין די „רכבים" און אין די „נזירים" זעען מיר בכן אַן אויסדרוק פון דער שטרעבונג צום נאָמאַדישן אידעאַל אין אידישן לעבן. אָבער איר גלענצנדיקסטן אויסדרוק און איר פולסטע אַנטוויקלונג האָט די דאָזיקע שטרעבונג באַקומען דורך די נביאים.

## 4

## די ערשטע שפּורן פון אַ רעליגיעזער רעפאָרם אין יהודה

די ערשטע שפּורן פון אַ רעליגיעזער רעפאָרם טרעפן מיר אין יהודה באַלד נאָך דער צעשפּאַלטונג פון דער מלוכה. אסא, ווערט דערציילט (אין מלכים א, ט"ו 12, 13), האָט אָפּגעשאַפט די אויבן דערמאָנטע „קדשים" און דעם גאַנצן דינסט פון דער „עשתרת", וואָס די קעניגין־מוטער האָט

איינגעפירט אין ירושלים. דעם לעצטן רעשט פון דער רעליגיעזער פּראָסטי־טוציע האָט אסא׳ס זון יהושפט נאכהער אויסגעראָמט פון לאנד (מלכים א, כ״ב, 47). די דאָזיקע מלכים ווערן דערפאר געלויבט פון דעם שפּעטער־דיקן צוזאמענשטעלער פון ספר מלכים פאר׳ן טאָן דאָס „וואָס איז געפעלן אין די אויגן פון „יהוה״.

פאַרוואָס די רעאַקציע קעגן דעם „בעל״ האָט זיך אָנגעהויבן צוערשט אין דער דרום־מלוכה יהודה און ניט אין דער צפון־מלוכה ישראל, לאָזט זיך לייכט דערקלערן. ערשטנס, זיינען די אידן פון יהודה געאָגראַפיש זייער נאָענט געווען צו די נאָמאַדישע און האַלב־נאָמאַדישע שבטים פון דעם „נגב״ און זיינען דעריבער געבליבן קינדער פון מדבר: און צווייטנס, איז דער באָדן פון יהודה ניט אומעטום גינסטיק פאַר ערד־אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט דאָרטן געלעבט פון האָדעווען בהמות אויף דער פּאַשע. דער דינסט פונ׳ם „בעל״, עס הייסט: די כנען׳ישע השפעה, איז דערפאר געווען אַ סך שוואַכער אין יהודה איידער אויף דעם פרוכטבארן באָדן פון אפרים אין דער ערשטער צייט פון דער אידישער מלוכה.

אין דער צייט פון דער פאַראייניקטער מלוכה איז דער כנען׳ישער איינפלוס אריינגעדרונגען אין יהודה פון דעם כנען׳יזירטן צפון. אָבער נאָך שלמה׳ס טויט, ווען די אידישע מלוכה איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי און שלמה׳ס ערשטע נאָכפאָלגער האָבן שטענדיק געפירט מלחמות מיט ישראל, איז יהודה געבליבן אָפּגעשיידט פון דעם צפון. און די אומ־שטענדן זיינען דאָרטן דערפאר געווען גינסטיק צו רעפאָרמירן דעם אידישן קולט און אַרויסצואווארפן די כנען׳ישע עלעמענטן, וועלכע זיינען אַריינ־געדרונגען אין דער צייט פון דער פאַראייניקטער מלוכה.

ווער עס זיינען געשטאַנען בראש פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין יהודה און ווער עס זיינען געווען אירע איניציאַטאָרס, קענען מיר ניט ווייסן. וואַרשיינלאַך איז עס, אַז די דאָזיקע באַוועגונג איז אַרויסגעגאַנגען אין יהודה פון די כהנים־קרייזן. וואָרים אויך אין שפּעטערע צייטן גע־פינען מיר אין יהודה די כהנים אַלס די טרייבנדע כוחות צו רעפאָרם און אויסבעסערונג, אונטערשטיצט אין די מערסטע פאַלן פון די מלכים. דער כהן יהוידע, צום ביישפּיל, איז געווען דער אָנפירער פון דעם אויפ־שטאַנד קעגן דער קעניגין עתליה (מלכים ב, י״א, י״ב), און דער כהן חלקיה האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין יאשיהו׳ס עפּאָכע־מאַכנדער רעפאָרם, אין דער אָפּשאַפונג פון די „במות״ (מלכים ב, כ״ב, כ״ג).

## 5

# דער פרעמדער „בעל“

בעת די רעליגיעזע רעפאָרם אין דער קליינער האַלב־נאָמאַדישער יהודה איז דורכגעפירט געוואָרן שטילערהייד אין דער צייט פון אסא און יהושפט, האָט די באַוועגונג געגן דעם „בעל“ אַביסל שפּעטער אין דער גרויסער, אַנטוויקלטער מלוכה ישראל צעטרייסלט דאָס גאַנצע אידישע לעבן און האָט אַרויסגעבראַכט מורא'דיקע קאַנוואולסיעס און בלוטיקע איבערקערענישן, וועלכע האָבן געפונען אַ נאָכקלאַנג דערנאָך אויך אין יהודה.

דער שטורעם איז אויסגעבראָכן אין ישראל אין אחאב'ס צייט. אחאָב האָט פאָרטגעזעצט די פּאָליטיק פון זיין פאָטער עמרי, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג מיט די פעניקיער געגן ארם. ער האָט דערפאַר געהייראַט איזבל'ן, די טאָכטער פון דעם קעניג פון צור, און די פעניקישע קעניגין האָט אויפגעשטעלט אין שומרון אַ טעמפּל פאַר דעם צור'ישן „בעל“ און האָט דאָרטן איינגעפירט אַלע צערעמאָניעס פון די פעניקיער.

מיט דעם אריינפיר פון אַ ווילד־פרעמדן גאָט אין אידישן לאַנד, אין דער הויפּט־שטאָט פון דעם אידישן מלך, וועלכער איז געוועזן „דער גע־זאַלבטער פון יהוה“, און נאָך דורך אַזאַ אָפיציעלער פּערזאָן ווי די קעניגין, האָט געפלאַצט די געדולד ביי די אומצופרידענע שיכטן פון פאָלק. מ'האָט זיך שוין געהאַט ווי עס איז צוגעוואוינט צום היימישן „בעל“, וועמעס דינסט איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף יהוה. אין וואָס פאַר אַ הייליקן אָרט אין לאַנד מ'זאָל ניט האָבן געדינט גאָט, און וואָסערע פאָרמען דער קולט זאָל ניט האָבן אָנגענומען, איז מען אַלץ געוועזן באַוואוסטזיניק, אַז דאָס דינט מען דעם גאָט יהוה. אפילו די גאָלדענע קעלבער אין בית־אל און אין דן האָבן ניט מער ווי סימבאָליש פאָרגעשטעלט יהוה אַלס דעם „בעל“, דעם איינגנטימער און באַפרוכטער פונ'ם לאַנד, אָדער ווי די ביבלישע לעגענדע דריקט זיך אויס: זיי האָבן געזאָגט אויפ'ן גאָלדענעם קאַלב „דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיך אַרויסגעפירט פון לאַנד מצרים“ (שמות ל״ב 4). אָבער אַ פרעמדן גאָט האָט יהוה ניט געקאָנט פאַרטראָגן נעבן זיך.

די אָנהענגערשאַפט פון דעם פרעמדן „בעל“ איז קענטיק ניט געוועזן קיין גרויסע, ווען אַלע בעל־דינער פון שומרון ביז אויף איינעם האָבן געקאָנט אַריינגיין אין איין הויז (מלכים ב, י 21). אחאב האָט אויך ניט פאַרלאָזן דעם אידישן גאָט, וואָרים זיינע קינדער האָבן געטראָגן נעמען

פאַרבונדן מיט יהוה (יהורם, אחזיהו, עתליה). אַז אחאב האָט אויסגע־הרג'ט אַלע נביאים פון יהוה און די געבליבענע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן אין היילן, איז ניט מער ווי אַ לעגענדאַרישע גוזמא, ווארים פאַר זיין לעצטער מלחמה מיט ארם איבער ר מ ת־ג ל ע ד טרעפן מיר אין זיין הויף פיר הונדערט נביאים פון יהוה (מלכים א, כ״ב 5, 6). דער שטורעם וואָס האָט זיך אויפגעהויבן געגן אחאב'ן איז געווען ניט בלויז געגן דעם פרעמדן „בעל". נאָר געגן דעם קעניג'ס גאַנצן רעזשים. אחאב האָט געוואָלט מאַכן די אידן פאַר אַ ציוויליזירט האַנדלס־פאָלק ווי די פעניקיער, און ער גופא האָט זיך געוואָלט אויפפירן ווי די דעספּאָטישע מלכים פון די ציוויליזירטע שכנים־פעלקער אַרום. דאָס האָט ער געוויזן מיט דעם מאָרד פון נבות היזרעאלי. די יהוה־פּאַרטיי האָט דעריבער פאַראייניקט אַלע אומצופרידענע שיכטן פון פאָלק אונטער דער פאָן פון דעם אַלטן מדבר־גאָט און פון דער אַלטער מדבר־מאָראַל, וועלכע האָט ניט געוואוסט פון קיין רייכע און אָרימע, פון קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. די אָפּאָזיציע געגן דעם קעניג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געצייגט אין אירע רייען אפילו אַזעלכע פּראַקטישע פּאָליטיקער ווי אחאב'ס הויף־מיניסטער אובדיהו און זיינע גענעראַלן יהוא און בדקר (מלכים ב, ט 25).

אַלס פירער אין קאַמף געגן דעם פרעמדן „בעל" טרעטן דאַן אויף אין ישראל די נביאים. אין יענער צייט האָבן זיי שוין געלעבט צוזאַמען, אָר־גאַניזירט אין אַן אָרדען, אין פאַרשידענע געגנדן פון לאַנד, און האָבן גע־טראָגן דעם נאָמען „בני הנביאים" (מלכים ב, ב 15; ד 38־44). איז זיי אין אַ געוויסן אָרט ענג געוואָרן, האָבן זיי זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט (מלכים ב, ו 1). זיך אָנשליסן אָן די „בני הנביאים" האָט מען געקאָנט נאָך גאָר יונגערהייד (מלכים ב, ה 22; ט 4). זיי זיינען געווען אויסערלאַך אויסגעצייכנט מיט זייער באַזונדערער קליידונג, מיט דעם פעלציקן מאַנטל און דעם לעדערנעם גורט (מלכים ב, א 8; זכריה י״ג 4). זיי האָבן אויך געהאַט אַ באַזונדערן צייכן אויפ'ן פּנים (מלכים א, כ 41). געלעבט האָבן זיי צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער (מלכים ב, ד 1) אונטער דער אָנפירערשאַפט פון אַ לערער, וועמען זיי האָבן גערופן „אָב" און "אדון".

ד ר. י ה ו ש ע  ב ל אָ ך:

# אידישע סאָציאַלע גערעכטיקייט

עס איז אַ גאַנץ באַקאַנטער פאַקט, דאָס דער אנטייל פון אידן, איבערהויפּט די אידן אין די מערב-אייראָפּייאישע לענדער, אין געזעלשאַפטלאַכע ארבעט — איבערהויפּט סאָציאַלע, — איז באַדייטנד אונטערגעשאַצט. מען לייגט ניט גענוג געוויכט אויף דער ראָל וואָס זיי שפּילן אין אַלע וויכטיקע אונטערנעמונגען לטובת הכלל, איבערהויפּט אונטערנעמונגען וואָס זיינען לכתחילה באַזיכטיקט צו דינען די אָרימע, די אונטערדריקטע, די קראַנקע אין דער געזעלשאַפט. עס איז כמעט ניט פאַראַן אַ פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונג וואו אידישע געלט און אידישע אַרבעט ווערן ניט געווידמעט. גרויס איז זייער חלק אין דער טעטיקייט פון דער מענטשהייט אויף דעם געביט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

אין דער מאָדערנער תקופה פון דער אידישער געשיכטע, איבערהויפּט צייט די אידן אין די מערב-לענדער זיינען פאָלקאָם עמאַנציפּירט געוואָרן, איז זייער חלק אין דעם טעאָרעטישן פאָרשן פון די פּראָבלעמען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט כמעט אַזוי גרויס, אויב ניט גרעסער, ווי אין דעם פּראַקטישן אופן ווי די פּראָבלעמען ווערן באַהאַנדלט. די סאָציאַלע אידייען וואָס רעאַגירן אויף דער היינטיקער ציוויליזאַציע און די סאָציאַלע מאָטיוון וואָס ווירקן אין געגנזייטיקן געזעלשאַפטלאַך-סאָציאַלן פאַרקער פון אונזער צייט, זיינען עכט-אידישע. דאָס איז אַ פאַקט, וואָס איז נאָך ניט גענוג אַנערקענט און וואָס ווערט כמעט ווי אין גאַנצן פאַרשוויגן. עס איז אָנגענומען אין געוויסע קרייזן, אַז דער גרויסער אנטייל פון אידן אין סאָציאַל-גערעכטיקייטס אַרבעט איז אַ גאַנץ נאַטירלאַכער רעזולטאַט פון דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אַליין געליטן פון אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג. עס איז פשוט דער אויסדרוק פון דער באַגייסטערונג פאַר יענע אידייען, וואָס האָבן געפירט צו זייער אייגענער באַפרייאונג. דאָס איז אָבער ניט אין גאַנצן אמת. דער פאַקט איז, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אימער כאַראַקטעריזירט געוואָרן דורך די סאָציאַל-גערעכטיקייטס מאָטיוון וואָס האָבן באַהערשט דעם אידישן לעבן אין אַלע צייטן און וואָס

זיינען שטאַרק באַטאָנט געוואָרן פון די בעסטע און באַדייטנדסטע פירער פון אידישן געדאַנק.

די אנערקענונג פון דעם פאַקט, דאָס די נביאים און די שפּעטערע גרינדער פון אידנטום זיינען מער פון אַלץ געווען לערער פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פירער אויף דעם געביט פון געזעלשאַפטלאַכע רעפאָרמען, איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר דער מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער באַציאונג צום תנ״ך. די נביאים און זייערע נאָכפאָלגער זיינען מער איבערצייגנד מיט זייערע עטישע לערעס, מיט זייער מוסר ווען זיי ווערן אָנגעווענדט צו די אומשטענדן וואָס הערשן היינט, ווי זיי זיינען געווען צו זייערע אייגענע דורות. מיר באַגרייפן היינט פיל בעסער די סאָציאַלע גערעכטיקייטס-פּראָבלעמען וואָס די נביאים אין זייער צייט האָבן בלויז פּרובירט לייזן. זייערע לערעס זיינען היינט איינגעוואָרצלט אין דעם קולטור-גאַנץ פון דער מענטשהייט, און דער איינפלוס וואָס זיי איבן אויס איז אַ אידישער איינפלוס, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אוועקמאַכן מיט׳ן האַנט.

ס׳איז אינטערעסאַנט, דאָס פילאָ פון אַלכסנדריה (ידידיה האלכסנדרוני), דער העלעניסטיש-אידישער פילאָזאָף און דענקער וואָס האָט אין ערשטן יאָרהונדערט פּרובירט באַווייזן צו דער ניט-אידישער וועלט ווי גרויס די לערעס פון אידנטום זיינען, האָט קיין בעסערן אופן ניט געפונען ווי צו באַטאָנען די גערעכטיקייטס-אידייען וואָס דאָס אידנטום האָט געפּריידיקט פאַר דער מענטשהייט. זיין ווערק א י ב ע ר מ ע נ ט ש נ ל י ב ע איז איינע פון די ליטעראַרישע דאָקומענטן, פון וועלכע דאָס קריסטנטום האָט זייער פיל געלערנט בנוגע סאָציאַלע גערעכטיקייט מאָטיוון. פילאָ האָט אָבער געצויגן זיין גייסטיקע יניקה פון די לערעס פון דער תורה און פון די נביאים.

די אַלטע אידישע סאָציאַלע לערעס באַצוועקן הויפּטזעכלאַך אויסצולייזן די מענטשהייט פון אומדערטרעגלאַכע צושטעדן. זיי ווילן ווירקן אויף דער מענטשהייט זיך צו באַפרייען פון יענע אורזאַכן און פון יענע צו־שטענדן, וואָס ברענגען אומגליק און טרויער אין לעבן. די פרייהייט פון דעם יחיד אין דער געזעלשאַפט איז אַ פונדאַמענטאַלער יסוד אין די לערעס פון אידנטום, אייביקע שקלאַפעריי איז דעריבער ניט געווען אנערקענט אין אידישע לערעס און אייביקע שקלאַפעריי איז ביים אידישן פאָלק געווען פאַרבאָטן. די אידישע שבת-רו געזעצן זיינען געשאַפן געוואָרן הויפּטזעכלאַך כדי די אַרבעטער און אַנדערע צוריקגעזעצטע קלאַסן זאָלן געניסן פון רו און עונג. די אידישע שוץ-געזעצן פאַר פרעמדע (גרים) האָבן זייער גלייכן ביי קיין אַנדער פאָלק ניט געהאַט. אונטערדריקן פרעמדע, פאַרנאַכלעסיקן

אלמנות און יתומים איז שטרענג פאַרבאָטן אין אידנטום. די מאָראַלע פאַר־אַנטוואָרטלאַכקייט זיי צו שיצן און שטיצן איז באַטאָנט אין דער גאַנצער קלאַסישער ליטעראַטור פון אידישן פאָלק. העלפן אָרימע און אונטער־דריקטע; היילן קראַנקע און שטיצן שוואַכע זיינען שטאַרקע יסודות פון סאָציאַלן לעבן ביים אידישן פאָלק. אָט די אַלע עטישע פּרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט מוזן אָבער אימער אָנגעווענדט ווערן מיט אומ־פּאַרטייאישן יושר און גערעכטיקייט.

אזוי שטאַרק איז סאָציאַלע גערעכטיקייט באַטאָנט געוואָרן אין אידנ־טום, אַז מ׳דענקט דאָס עס איז זאָגאַר געווען אַ צייט ווען דער אָרימאַן איז אימער געווען אין אַ לאַגע צו געווינען גיך „יושר״ אויף אַזאַ אופן, אַז דער רייכער איז קיינמאָל ניט געווען גערעכט — כמעט אַ קאָמוניסטישער בליק. עס איז דעריבער נויטיק געווען צו וואָרנען געגן אַזאַ נטיה, וואָס איז קענטיק אַלץ שטאַרקער געוואָרן מיט דעם שנעלן גאַנג פון סאָציאַלן פּראָגרעס אין אידישן לעבן. די תורה האָט דעריבער פאַרבאָטן מען זאָל אין פּראָגן פון דין און יושר ניט געבן קיין פאָרצוג צום אָרימאַן ווען ער איז ניט באַ־רעכטיקט צו אַזאַ באַהאַנדלונג. אַ פאָראורטייל געגן דעם רייכן איז שטרענג פאַרבאָטן געוואָרן טאַקע צוליב דעם, ווייל דאָס אידנטום האָט געוואָלט אָנווענדן די מידה פון אומפּאַרטייאישער סאָציאַלער גערעכטיקייט פאַר דעם אָרימאַן. אזוי ווי דער אָרימאַן האָט אימער אויף זיין צד די סימפּאַטיע פון פאָלק, איז גאַנץ נאַטירלאַך אַז דער דין קען אזוי אויסגעטייטשט ווערן, אַז דער דיין זאָל נאָכדעם באַשולדיקט ווערן אין פּאַרטייאישקייט. דאָס האָט דאָס אידנטום פאַרבאָטן צוליב דעם שטאַרקן פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער סאָציאַלער גערעכטיקייט פאַר אַלעמען.

סאָציאַלע גערעכטיקייט אין אידנטום איז ניט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ קלייניקייט אין לעבן. עס איז געוואָרן אַן עיקר, אויף וועלכן מען האָט זייער פיל געוויכט געלייגט. מען האָט דעם פּרינציפּ אזוי פיל און אזוי שטאַרק באַטאָנט, אַז די נביאים האָבן שפּעטער אַנטוויקלט דעם טעאָלאָגישן געדאַנק, דאָס רעליגיע אין דעם זין פון מענטשנ׳ס נאָענטע באַרירונג מיט גאָט, געפינט איר פּאָסיקסטן אויסדרוק אין סאָציאַלער גערעכטיקייט. דער אידישער גאָט איז געוואָרן אַ גאָט פון אַבסאָלוטער סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין די ווערטער פון דעם נביא ירמיה (קאַפּיטל ט, פּסוקים כ״ב־כ״ג) פּראָ־קלאַמירט דער אידישער גאָט:

„זאָל זיך ניט רימען דער חכם מיט זיין חכמה,
און זאָל זיך ניט רימען דער גבור מיט זיין גבורה;
זאָל זיך ניט רימען דער עושר מיט זיין עשירות;

נאָר דערמיט זאָל זיך רימען דער וואָס רימט זיך,
מיט פאַרשטיין און קענען מיך,
אַז איך יהוה טו חסד,
רעכט, און גערעכטיקייט, אויף דער ערד;
ווייל די דאָזיקע באַגער איך,
זאָגט גאָט."

אָט די ווערטער פון דעם נביא ירמיה זיינען שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דעם אידישן באַגריף פון גאָט. צום סוף פון זיין גרויסן פילאָזאָפישן ווערק, דער מורה נבוכים, באַטאָנט דער רמב"ם, דאָס עס איז וויכטיק, אַז דער מענטש זאָל ניט זוכן זיך צו באַקענען מיט גאָט דורך מעטאַפיזישע באַגריפן, עס איז ניט גענוג מען זאָל זוכן אַטריבוטן פאַר גאָט אין טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע אויסדריקע, נאָר יענע אַטריבוטן פון גאָט זאָלן ערנסט באַטראַכט ווערן, וועלכע דינען דעם מענטשן אַלסביישפּיל אין זיין טעגלאַכן פאַרקער מיט זיין מיט־מענטשן. אין דעם זעלבן גייסט האָט אויך ברוך שפּינאָזא באַטראַכט ירמיה'ס ווערטער, און אַ מאָדערנער אידישער דענקער — הערמאַן קאָהען — האָט דעריבער מיט רעכט דער־קלערט, אַז די הויפּט־פונקציע פון דעם גאָט פון די נביאים איז מאָראַליטעט אין ברייטסטן און נאָבעלסטן זין.

די לערעס פון די נביאים און דער אַנטוויקלונגס־געדאַנק פון אידנטום האָבן געפונען זייער שטאַרקסטן אויסדרוק אין די פּרינציפּן פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. זיך באַנעמען אָרנטלאַך צום אָרימאַן, צו באַהאַנדלען אין גייסט פון גערעכטיקייט די פּראָבלעמען פון די אונטערדריקטע איז געווען אַ גרונט־לערע פון אידנטום. ניט ליבע, ניט רחמנות, זאָנדערן „רעכט און גערעכטיקייט אויף דער ערד" זוכט דאָס אידנטום צו עטאַבלירן. סאָציאַלע גערעכטיקייט פאַר דער מענטשהייט איז דער אידעאַל וואָס דאָס אידנטום זוכט צו ערדייכן, און פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל האָבן אירע בעסטע זין און איבערגעגעבנסטע נאָכפאָלגער זייער פיל מקריב געווען.

דאָס אידנטום גלויבט, אַז דורך דעם זיג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט וועט די מענטשהייט געהאָלפן ווערן. אַלוועלטלאַכער שלום וועט דאַן הערשן, קלאַסן־האַס און פעלקער־האַס וועלן אויפהערן צו עקזיסטירן. די האָפנונג פאַר אַ צוקונפטיקער פאַראייניקונג פון שלום און גערעכטיקייט צווישן מענטשן און פעלקער אונטער דער פאָן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, אָט די דאָזיקע האָפנונג אין דעם אייביקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשהייט איז נאָך היינט די שטאַרקסטע טרייב־קראַפט אין דער געשיכטע. מיט דער פאַרשפּרייטונג פון די דאָזיקע נאָבעלע אידייען, מיט

פראָפּאַגאַנדירן די דאָזיקע אידעאַלן האָבן זיך דאָס אידישע פאָלק באַשעפטיקט נאָך אין דער ערשטער תקופה פון איר עקזיסטענץ. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעגעבן מיט פאַרשפרייטן רעיונות פון גערעכטיקייט און געדאַנקען פון אמת צווישן דער מענטשהייט. און מיט אַ שטאַרקן צוטרויען צום עתיד האָט דאָס אידישע פאָלק זיך איבערגעגעבן צו דער אַרבעט פון פאַרבעסערן די לאַגע פון די אונטערדריקטע, פון די אונטערוואָרפענע און שוואַכע. דורך דעם אידישן געדאַנק פון סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט זיך די אַלגעמיינע מענטשהייט באַקענט מיט דעם אַל־געמיינעם פּרינציפּ פון אַלעמענטשלאַכער גלייכהייט און יושר.

יוחנן טווערסקי:

# אָנהויב און סוף*)

פרידריכ'ן, דעם קורפירשט פון בראַנדנבורג, האָט צוגעשפּילט דאָס מזל. נאָך גרויסע באַמיאונגען און השתדלות'ן האָט דער קייזער לעאָפּאָלד געגרויסט זיין נאָמען אַלס דעם ערשטן פּרייסישן קיניג. אמת, דער פירשט אייגעני, דער פעלדמאַרשאַל און באַרימטער עסטרייכישער העלד, זאָגט, אַז לויט זיין פאַרשטאַנד האָבן אַלע קייזערלאַכע ראַטגעבער פאַרדינט טויט־שטראָף, ווייל מיט זייערע הענט האָבן זיי געלעגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ נייער דייטשישער מדינה, וועלכע וועט נאָך אַמאָל אויפשטיין אַלס אַ שונא פון עסטרייך.1) ס'איז אָבער אַן אָפּגעטאָנענע זאַך, און פרידריך דער ערשטער פראַוועט אַ גרויסע שמחה מיט אַ ברייטער האַנט, וואָס רודערט אויף דאָס קליינע, אָרימע פּרייסן־לאַנד.

ס'איז מיט־ווינטער, און אויף פאַרשנייטע וועגן פון ווייסער וויסטעניש און בלאָ־גרינע סאָסנע־וועלדער ציען און שלענגלען זיך שליטנס אָן אַ סוף, הוידען זיך און גליטשן זיך מיט אַ פריילאַכן קלינג־קלאַנג פון גלעקער, און בראש פון אַלע פאָרט דער נייער מלך אין אַ שווערער, באַגילדעטער קאַרעטע, איינגעוויקלט אין אַ טייערן פוטער מיט בריליאַנטענע קנעפּ, באַוואַכט פון זיין לייב־וואַך, רייטער אויף שטאָלצע פערד מיט בלאַנקע שפּיזן. און אין אַ לאַנגן צוג פון טייערע עקיפּאַזשן באַגלייטן אים זיינע פאַר־טרויענסווערטע האַרן, און נאָך זיי — שליטנס מיט לאַקייען, באַדינער און קוכערס. אויף דער קאָזלע פון דער קיניגין סאָפיע־שאַרלאָטע'ס קאַרעטע זיצט דער מאַרקגראַף אַלברעכט, איר שוואָגער, געקליידט אין סאַמעט, מיט אַ גרויסן פאַריק אויפ'ן קאָפּ, די בייטש און די זיידענע לייצעס אין די הענט. די קיניגין קוקט פאַר זיך אין דער פאַרשנייטער ווייט און הוזק'ט טיף אין האַרצן פון דער איבערגעטריבענער פייערלאַכקייט פון איר גע־הויבענעם מאַן. נאָך איר פאָרן אירע הויפדאַמען, וועלכע, יעדעם מאָל

*) פראַגמענט פון אַ בוך.

1) Franz Kugler: Geschichte Friedrichs des Grossen, gezeichnet von A. Menzel, S. 6, Lpzg., 1856.

בשעת'ן ארויסגיין פון די עקיפּאַזשן, קערן מיט זייערע לאַנגע שלעפּן דעם שניי.

און בראש פון דער דריטער מחנה פאַרט דער 12-יעריקער קרוינפּרינץ פרידריך־ווילהעלם, אַ ווילד, שעמעוודיק אינגל. ער איז איצט צומישט. ווייל ער האָט אַ פראַגע און שעמט זיך זי צו פרעגן. מ'האָט אים געזאָגט, אַז לויט זיין פאַטער'ס באַפעל פאָרן איצט קיין קעניגסבערג 1800 שליטנס. אָבער ווער קען איבערציילן אַזאַ גרויסע צאָל? אַט ציילט ער און ציילט, און יעדעס מאָל פאַרפּלאָנטערט ער זיך אין חשבון.

און קעניגסבערג, די רעזידענץ און קרוינשטאָט, איז אויסגעפּענדלט מיט פאַרביקע פאָנען און באַצירט מיט טעפּיכער, און אין די שמאָלע גאַסן און אין די ברייטע מערק שאַלט דאָס פאָלק, רעש'ט און טומלט. ס'גיסט זיך ווייַן כיד המלך און אין פאַרביטערטע הערצער וואַקסט אַ נייע האָפנונג אויף זיסערע צייטן און אַ בעסער מזל, און ס'הויבן זיך פיס צום טאַנצן און פון העלזער רייסט זיך געזאַנג. פון די פעסטונג־וואַלן צעקנאַלן זיך האַרמאַטן אין הילכיקע דונערן און ס'ווערט שאַ־שטיל: די שעה פון קרוינונג! — דער קיניג לייגט אַליין ארויף די קרוין אויף זיין קאָפּ 2), און זיין פּנים ווערט נאָך גאווה'דיקער און פייערלאַכער ווי תמיד. אַ פויק צעפּייקלט זיך, צוועלף טרומייטערס שאַלן און זייערע זילבערנע טרומייטן און די קליינע גילדענע פענדעלאַך וואָס הענגען אויף זיי, גלאַנצן מיט אַ פריילאַכן גלאַנץ קעגן דער קאַלטער ווינטער־זון. דאָס פאָלק שטייט אין רייען, קוקט אויף דער פאַרבייציענדיקער פּראָצעסיע און גאַפט, קלויבט זיך דערנאָך אין רעדלאַך, און וויסערס דערציילן: אַ קלייניקייט, די קאָראָ־נאַציע האָט דאָך אָפּגעקאָסט זעקס מיליאָן טאַלער! 3) — און ביינאַכט רייסן זיך צום הימל ראַקעטן, פאַרביקע שלאַנגען בייסן די נאַכט, שפּריצן פונקען און צעשיסן זיך פּלוצים אין פלאַמען צום פרייד פונ'ם פאָלק און דער יובלענדיקער יוגנט.

בלויז פאַר דער געטאָ דרייען זיך אַרום באַוואָפנטע טויער־היטער: אין טאַבעל־טעג, חגאות און אין דער צייט פון דעמאָנסטראַציעס טאָרן זיך אידן נישט ווייזן אין שטאָט, און זיין פאַרשפּאַרט אין זייערע ענגע געסלאַך.

---

2) Th. Carlyle: History of Friedrich II, Book I, p. 61 און באַזונדערס Fr. Förster: Friedrich-Wilhelm I, Bd. I, S. 14-15, Potsdam, 1834.

3) Norwood Jung: The Life of Frederick the Great, p. 15, N. Y., 1919.

אין זייערע הייזער, וואָס שטייען אַזוי געדיכט און אַריבערגעבויגן איינס איבער דאָס צווייטע.4)

שוין לאַנג אַריבער די קאָראָנאַציע, אין פרידריכ'ס פּאַלאַץ הערן אָבער נישט אויף די פייערונגען. צי וויל ער זיי זאָלן איבערשרייען די שווארצע מרה שחורה, וואָס נאָגט אים אין דער שטיל? צי פּוצט ער זיך און גרויסט זיך אַזוי שטאַרק, כדי מ'זאָל נישט באַמערקן זיין מום? — ער איז אַ שוואַכער, אַ געבויגענער, כמעט אַ הויקער. אין זיינע קינדער־יאָרן האָט אים די אַם בעת אַ נסיעה אַראָפּגעוואָרפן פון אירע הענט, האָט ער זיך אויסגעקרומט דעם רוקן. יאָגט ער זיך נאָך פּראַכט און שיינע קליידער. זיין הוט באַשטעלט ער אין פּאַריז און די קנעפּ פון זיינע מונדירן זיינען פון גאָלד אָדער עדלשטיינער. אין וועג פאָרט ער אַרום מיט אַ גלאַנצנ־דיקער סוויטע. אין האָלאַנד בויט ער זיך אַ פּראַכט־שיף. ער זוכט איצט כבוד און האָט ליב דעם זיסן גיפט פון חניפה. זיין הויפּט־שטרעבונג איז צו מאַכן זיין הויף פאַר אַ קליין־ווערסאַל, גלייכע מנהגים און איין שפּראַך פאַר ביידן.

וועער ס'קען נישט פראַנצויז
קומט נישט אָן אין קיניגלאַכן הויז.5)

און ער איז שטענדיק איבערטריבן מאַנירלאַך, פּאַזירט תמיד און זיין שפּראַך איז מליצה'דיק. ער רעדט וועגן זיינע פּילע און רייכע לענדער, הגם זיי זיינען קליין און אָרים, און די צאָל פון זיינע אונטערטאַנען גרייכט קוים צוויי מיליאָן. וועגן זיך אַליין רעדט ער אין מערצאָל: „מיר" (אפשר כדי צוצוגעבן מער געוויכט זיינע ווערטער). סאָפיע־שאַרלאָטע רופט ער „אונזער פיל־געליבטע פרוי", הגם ער האָט אַ קעפּסווייב, ווייל אַזוי טוט אויך לואי דער פערצנטער, זיין אידעאַל און מוסטער. זיין זון פרידריך ווילהעלם רופט ער: „אונזער זייער געליבטער זון". כאָטש ער איז נישט צופרידן מיט אים און האָט ניט פון אים קיין נחת.

ווען ער האָט פאַר אים צוגענומען אַ גוואווערנער, האָט איינער פון די הויפסלייט אויסגערעכנט ביי דער פייערלאַכער פאַרזאַמלונג אַלע מעלות טובות פונ'ם געהויבענעם „חתן־התורה": ער איז אַ העלד, אַ חכם מחוכם און אַ מושלם, און דער האַר האָט נביאות געזאָגט, אַז פרידריך ווילהעלם וועט זיין דאָס שיינדלינג פון זיין פאָלק, ווען ער וועט גרויס ווערן, און די

4) ש. דובנוב: דורות אַחרונים, כרך א, ע' 8.
5) "Wer nicht Französisch kann
Der kommt zu Hof nicht an". (Fr. Förster: op. cit., 41)

שטאָלץ פון דער מענטשהייט: אַ העלד ווי דוד, אַ חכם ווי שלמה, פרום ווי אויגוסט און באַשיידן ווי טיטוס.

אָבער די נבואה איז ניט מקוים געוואָרן. אַ גבור איז ער, אמת, דער קרוינפּרינץ: פאַרמאָגט אַ פּאָר שטאַרקע, אייזערנע הענט און ברייטע, סאָלדאַטישע פּלייצעס, דערפאַר אָבער איז ער זייער שוואַך אין די קליינינקע אותיות׳לאַך און זייער נעבאַכדיק אין די סאַלאָנען.

איינמאָל, ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ קליינינקער, האָט מען אים אָנגעטאָן „ען גאַלאַ“, אָנגעפּודערט, צוגעפאַרבט און אויסגעציירט. און מיט אַ מאָל איז ער נעלם געוואָרן — און ניטאָ אים. ערשט נאָך לאַנגע זוכענישן האָט מען אים געפונען פאַרשטעקט אין אַן אויוון. צי אים איז ניחא׳ר געווען זיך צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים אין סאַזשע אײדער דאָס ווייס צו מאַכן אין סאַלאָן? — אַן אַנדער מאָל האָט ער אַריינגעשליידערט אין פייער אַן אויסגעהאָפטענעם נאַכט־ראָק, גלייך ווי מ׳האָט עס אים אָנגעמאָסטן, און ווידער אַן אַנדערס מאָל איז אַריינגעגאַנגען אין פאָדערשטיבל, וואו ס׳זיינען געזעסן זיין פאָטער׳ס הארן און זיך געוואַרימט ביים ברענענדיקן קאַמין, די קעפּ פאַרוואָרפן אויף צוריק, כדי ניט צו פאַרסמאַליען די לאָקן פון זייערע טייערע, צווייהונדערט־טאַלערדיקע פאַרוקן, וועלכע זיי פלעגן באַציען פון פאַריז, האָט ער גענומען און אַרונטערגעוואָרפן זיין שייטל אין פייער, צווינגענדיק זיי אים נאָכצוטאָן און אַנטפּלעקן זייערע פּליכעס...

די צירלאַך־מאַנירלאַכקייט פונ׳ם הויף איז אים געווען דערווידער און ער איז געווען סאָלדאַטיש־גראָב און סאָלדאַטיש פּשוט אין זיין באַנעמונג און געזוכט דווקא אָפּצוברענגען דאָס וויסקייט פון זיין לייב... דער פאָטער ציט אַלץ אַרויף, ער אַראָפּ. איז מיט אים פרידריך נישט צופרידן. און אַ גאַנצע בוכהאַלטעריע פירט ער פאַר יעדער פּרוטה, און יעדן קליינעם ווי גרויסן געשאַנק, וואָס ער קריגט צו זיין געבורטסטאָג צי פאַר זיין הצלחה אין לערנען“Dieu! . . . Avare dans un age si tendre!” („גאָט ! . . . אַזוי יונג אין יאָרן און אַזוי קאַרג!“) — שרייבט וועגן אים זיין מוטער אין איינעם פון אירע בריוו. זיין קאַרגשאַפט ערגערט זי. וואו איז דאָס ברייט־האַרציקייט און מילדקייט פון אַ קרוינפּרינץ? און וואָס פאַר אַ בן־מלך איז ער, ווען זיין האַרץ איז ניט מילד און זיין האַנט ניט אָפן? — זי איז מיט אים אויך נישט צופרידן, הגם זי האָט אים באמת זייער ליב און ער איז איר זייער טייער. אַן אומגעבילדעט, אומגעהובלעוועט אינגל! ווען אַ דאַמע קושט אים די האַנט, ווי ס׳פאָדערט די עטיקעטע, ווערט ער רויט ווי אַ צווינטער און אַנטלויפט אָדער כאַפּט זיך אַרויס אין זיין צומישטקייט מיט אַ נאַריש וואָרט. בכלל, טראָגט ער נישט אויף די פּלייצעס קיין

איבעריק קלוגן קאָפּ. טוט עס איר וויי, ווייל זי איז אַ גייסטרייכע פרוי און אַ פאַרערערין פון געלערנטע. לייבניץ איז אַ אָפטער אַריינגייער צו איר אין סאַלאָן, וואו די שמועסן דרייען זיך אַרום די מאָנאַדן, פאַראויס־באַשטימטער האַרמאָניע און סדר פון דער וועלט. זי פאַרוואַרפט אים מיט פראַגן, ווייל אַפילו וויסן דעם „פאַרוואָס פונ׳ם פאַרוואָס״ ("Le pourquoi du pourquoi") — און ברענגט אים אָפט אין פאַרלעגנהייט. ס׳איז לייכטער צו פרעגן אַ שווערע קשיא, ווי צו פאַרענטפערן אַ גרינגע פראַגע!

אָבער לייבניץ איז אוניווערסאַל. ער איז אַ פּילזייטיקער געלערנטער. חוץ פילאָסאָפיע פאַרנעמט ער זיך אויך מיט מאַטעמאַטיק, ווי אויך מיט פראַגן פון רעליגיע, געשיכטע, יוריספּרודענץ און שפּראַכוויסנשאַפט. ער האָט אַ סך אַרומגערייזט, געזען די וועלט און ער איז פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדימער פון געמיינזאַמע וויסנשאַפטלאַכע און פּאָליטישע אינ־טערעסן מיט די גרעסטע גייסטער פון זיין צייט.

די קיניגין האָט הנאה פון לייבניץ׳עס שמועסן, פון זען זיינע אויגן אויפלויכטן מיט׳ן ליכט פון חכמה. ס׳רוב געלערנטע זיינען פאַרשלאָסן אין די ענגע ד׳ אמות פון זייער געביט. זייער חכמה איז מערסטנס ווינקל־חכמה. לייבניץ אָבער באַהערשט אַלע וויסנשאַפטן.

און נאָך איין מעלה טובה אונטערשיידט אים פון ס׳רוב זיינע קאָלעגן. על־פי רוב האָבן געלערנטע פיינט איינס דאָס אַנדערע און זייער רעדן איז באַרעדן זייערע חברים, אַפילו זייער שווייגן איז זייער אָפט דאָס וועלן פאַרשווייגן. לייבניץ אָבער לערנט פון יעדן מענטשן און פאַראַכטעט נישט קיין שום געדאַנק, ווייל אויף יעדן געדאַנק קומט אַ מאָל אַ צייט און יעדע מחשבה געפינט אַ מאָל איר פּלאַץ. האַלט ער טייער דעם כבוד פון מענטשן און אַ כל־שכן פון תלמידי־חכמים. אמת, ער איז כלל נישט קיין עניו, איז דורשטיק נאָך רום וואָס אין אַנערקענונג און נאָך דער אַנערקענונג וואָס אין רום, און איז נישט מוחל אויף קיין באַ־לײדיקונג, אָבער ער איז נישט מקנא אַנדערע און פאַרלייקנט נישט זייער אַרבעט. ער איז ווי אַ בין אין גאָרטן פון גייסט. ס׳בליען בלומען — ער זאַמלט דעם האָניק. פאַר־געלערנטע זיינען מערסטנס ליימערס און ציגל־קנעטערס, ער — דער אַרכיטעקט. איינער מער, אַ צווייטער ווייניקער, אָבער, ס׳דאַכט זיך, ווי גלייך אַלע וואָלטן צוגעגרייט בוי־מאַטעריאַלן פאַר זיין בנין און אים מיטגעהאָלפן אין זיין אַרבעט. איז ער גרייט צו אַנערקענען — און ממילא אויסצונוצן — די פאַרדינסטן פון יעדן, און ער לויבט יעדן ספר, וואָס ער לייענט. ווי אַ זיפּ נעמט ער אַריין אין זיך די סולת, וואַרפט אַרויס די פּסולת... בלויז רכילות־טרייבער און מחוצפים

קאָן ער נישט פאַרטראָגן, אַז די דאָזיקע קליינינקע נשמה'לאַך, וואָס גרויסן זיך מיט'ן בזיון פון גרעסערע פון זיי. עזות־פנים'ער, אין גיהנום אַריין!

און די קיניגין גייט מיט אים אָפּט שפּאַצירן. אַ ליכטיקער מאָרגן: גאָלד און בלאָ. דער ליטצעלבורגער גאָרטן (נאָכדעם שאַרלאָטנבורגער) איז אָנגעטרונקען מיט זיסע ריחות, וואָס דערקוויקן דאָס האַרץ פון לייבניצ'ן... די קיניגין און דער פילאָסאָף שפּאַצירן אין די אַלייען פון גאָרטן — און פון גייסט, דען צו וואָס איז געגליכן אַ שמועס? נישט צו קיין גאַנג אַהיים, נאָר צו אַ גלאַט־אַזוי'איקן שפּאַציר פון פאַרגעניגן וועגן (בעקאָן).

די קיניגין וויל וויסן, צי זיינען גערעכט די וואָס האַלטן, אַז ג ל ו י ב ן און ו ו י ס ן זיינען צוויי פאַרשידענע וועלטן, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט קענען פאַראייניקט ווערן? — און לייבניץ, וועמען ס'איז ע"פּי הרוב שווער אַרויסצופירן פון זיין עמאָציאָנעלן גלייכגעוויכט און וועלכער איבערטרייבט נישט קיינמאָל זיין טרויער אָדער פרייד, צינדט זיך התלהבות־דיק, און דערהערנדיק די פראַגע, הויבט ער אויף זיין שטימע, וואָס איז אַזוי אינגעלש־שוואַך און הויך, מער העל ווי שטאַרק, גוטוראַלע קלאַנגען. באַזונדערס אַ „קוף", איז אים שווער אַרויסצוברענגען, אָבער דער כח פון זיין געדאַנק מאַכט פאַרגעסן די שוואַכקייט פון זיין מויל.

אמת, ס'זיינען היינטיקע צייטן פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס טענה'ן זיך אויס מיט'ן רבש"ע און קריגן זיך מיט אים פאַר דעם שלעכטן סדר פון דער וועלט. ער אָבער, לייבניץ, וויל זיין דעם כביכול'ס אַדוואָקאַט, דעם רבש"ע'ס פאַרטיידיקער, און וואו ס'איז געשטעלט געוואָרן אַ פראַגע וועט ער קומען מיט אַן ענטפער... וויסן קומט נישט אָפּצולייקענען גלויבן. פונקט ווי האַרץ און מח לייקענען נישט אָפּ איינס דאָס אַנדערע, נאָר פאַרקערט, אויספילנדיק פאַרשיידענע פונקציעס האָבן ביידע איין ציל... אָבער ווי אַזוי, פרעגט מען, קען מען גלויבן, אַז דעם כביכול'ס וועגן זיינען נישט קלאָר און מ'קען צווייפלען אין דער גערעכטיקייט פון זיינע מעשים?

און ווירקלאַך, ס'איז דאָ אַ סך אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף דער וועלט. אין דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס קען מען איינטיילן אונזערע יסורים: 1) קערפּערלאַכע, 2) יסורים פון צוזען די אומפּולקאָמענהייט פון דער וועלט, און צולעצט 3) די לײדן פון אַ קראַנקן געוויסן. —אַלזאָ, עטישע יסורים.

און אויף וועמעס פּלייצעס פאַלט אויס דער הויפּט־חלק פון אַלע לײדן? אויף די פּלייצעס פונ'ם דענקער. ווייל נאָר אַ נאַר דאַנה'ט ווייניקער פון אַ פאַרשטענדיקן און אַ אידיאָט פילט כמעט גיט אפילו קיין

קערפּערלאַכע ליידן. נאָר דער חכם אַליין פילט די גאַנצע טיפקייט פון צער, ווייל ער איז שפּירעוודיקער פון אַלע אַנדערע און איז באַשאַפן מיט א גרעסערער מדרגה פאַרשטאַנד ווי זיי. אָבער אַט טאַקע צוליב דעם האָבן נישט די יסורים די אויבערהאַנט איבער אים, נאָר ער איבער זיי. ווייל זיין חכמה און זיין תורה זיינען צוויי קמיע'ס, וואָס פאַריאָגן זיין צער, פאַרטרייבן זיינע ליידן. צי פאַרגעסט ער נישט אָפּט, לייבניץ, די ווייטיקן פון דער פּאַדאַגרע און פרייד פון שאַפן? — אָבער נישט נאָר א דאַנק דער אויסערגעוויינלאַכער קאָנצענטרירונגס-קראַפט פון געדאַנק באַהערשט דער מענטש פון גייסט זיינע ליידן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ער דערגרונטעוועט זיך צו די וואָרצלען פון די ביטערע דערשיינונגען און זעט פאָראויס זייערע אָפּט גראַד זיסע פאָלגן. געוויס, ליידן, ווען זיי קומען אין א גרויסער מאָס, זיינען שווער צום פאַרטראָגן, ער אָבער זעט דעם איצט און דעם שפּעטער: די רפואה וואָס קומט פון ווייטיקדיקע אָפּעראַציעס און דעם העלן טאָג, וואָס שיינט אַרויס פון דער שוואַרצער נאַכט. און ער בויגט זיין קאָפּ פאַר'ן אומגליק און זאָגט: גם זו לטובה! — אַלא וואָס דען, די ליידן קומען אין א קליינער מאָס, זיינען זיי זאַלץ צו אונזער ברויט, זענפט צו אונזער פלייש, א שאַרפער געווירץ צוצופעפערן דאָס גרויקייט פון אונזער לעבן. מענטשן צאָלן געלט פאַר'ן ווייטיקדיקן, אויפרעגנדיקן פאַרגעניגן וואָס אין קליינע ליידן: שטריק-טענצער שטעלן איין זייער לעבן טאַנצנדיק אויף אַן אָנגעצויגענעם שטריק און דער עולם האָט הנאה. אין טעאַטערס ווערן אויפגעפירט טרויער-שפּילן צו דער פרייד פון די צוזעער. דען ליידן זיינען דער שאָטן, וואָס מאַכט בולט'ער דאָס ליכט, דאָס צוגעווירץ וואָס באַ'טעמ'ט דאָס לעבן.

— אָבער צי האָט דען דער אַלמעכטיקער זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן זיי? — פרעגט סאָפיע שאַרלאָטע. — מיר וואָלטן גערן מוחל געווען די ליידן מיט דער הנאה וואָס אין זיי!

— אָט איז וואַסער, איר קיניגלאַכע הויכקייט! — זאָגט לייבניץ. — זיי שפּאַצירן איצט אויפ'ן ברעג פון דער שפּרעע. — שטעלט זיך פאָר: צוויי שיפן זעגלען אָפּ. ביידע גלייך שטאַרק און גלייך שנעל, בלויז דער באַלאַסט זייערער איז פאַרשיידן. די איינע איז אָנגעלאָדן מיט שווערע שטיינער, די אַנדערע מיט האָלץ. די איינע איז איבערגעלאָדן, די צווייטע — ניט דערלאָדן. ביידע זוכן זיי צו צוקומען צו א ברעג, — וועלכע וועט דערגרייכן איר ציל די ערשטע? — אודאי, די לייכטערע. פרעגט זיך: צי האָט דער קאַפּיטאַן פון דער הינטערשטעליקער שיף דאָס רעכט צו באַשולדיקן דעם שטראָם? ניין, דער שטראָם האָט זיי ביידן ג ל י י ך

געטראָגן. אָדער דעם ווינט? ניין, דער ווינט האָט גלייך געבלאָזן אין ביידנ'ס זעגלען. ווער זשע איז דער הויפּט־חייב אין זיין דורכפאַל? זיין נישט־אויסגערעכנטקייט, זיין איבערלאָדן די שיף מיט שווערע שטיינער. גאָט איז אַ פאָטער צו אַלעמען און זיין רחמנות איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע זיינע באַשעפענישן. ער איז דאָס ליכט פון דער וועלט, די סיבה פון אַלעם גוטן, די אורזאַך פון יעדער שלמות. בלויז די באַגרענעצטע השגה פון די מענטשן איז אָפט שולדיק אין זייערע דורכפאַלן.6)

און איבערבלייבנדיק אַליין טראַכט סאָפיע שאַרלאָטע וועגן לייבניצ'עס לעצטע ווערטער: נאָר די באַגרענעצטע השגה פון די מענטשן איז די סיבה פון זייערע שטרויכלונגען. זי טראַכט וועגן איר זון, וועגן פרידריך־ווילהעלמ'ן. זיין השגה איז אַזאַ באַגרענעצטע. ער קאָן נישט משיג זיין דעם פריידיקן שפּיל פון ערנסטע געדאַנקען, אויפכאַפּן די אויפבליצן פון רעיונות אין אַ גייסטרייכן שמועס... און זי שפּאַצירט מיט אים אין די געדיכטע אַלייען פון איר גאָרטן, האַלטנדיק פענעלאָנ'ס „טעלעמאַק" אין האַנט, און זי פאַרהערט אים און דערקלערט אים. זי וויל אים דער־ציען אין חכמה און אין קונסט, ווי ס'פּאַסט פאַר אים.

אָפט זעצן זיי זיך אויפ'ן ברעג פון דער שפּרעע. דער גרינער ברעג שפּיגלט זיך אין טייך און דאָס וואַסער פינקלט מיט גאָלד, פאַלדעוועט זיך און מיניעט זיך. אַ פויגעלע שוועבט דורך נידריק איבער'ן טייך. אַ פּאַטש מיט די פליגעלאַך — און צוריק זיך אויפגעהויבן. פילפאַרביקע פלאַטערלאַך פלאַטערן אַרום, טאַנצן אין ליכט פונ'ם טאָג. אָבער פרידריך־ווילהעלם איז איצט נישט קיין שותף צו דער ליכטיקער פרייד וואָס אַרום. די ביכער פאַרפינסטערן אים זיין וועלט, פאַרביטערן אים זיינע טעג און יאָרן, זייער חכמה קלעפּט זיך אָבער נישט צו אים. ס'דאַכט זיך אים, אַז די אַלע ביכער האָבן קיין שום ווערט נישט און ברענגען נישט קיין נוצן. דערפאַר האָט ער אָבער ליב מיליטערישע איבונגען, די קלונגשאַפט פון קערפּער.

ער איז פון מזל מאדים.

און ס'טרעפט, אַז בלייבנדיק מיט זיך אַליין איז ער זיך נוקם אין די ביכער־העלדן און מאַכט פון זיי חוזק. אָט, ווען מ'זאָל אָט דעם דאָזיקן לייבניץ, למשל, דעם לאַנגנאָזיקן אַלטיטשקן אין שוואַרצן פּאַרוק, וועלכער האָט אָנגעשריבן פאַר זיין מוטער'ס כבוד אַ פילאָסאָפישן בוך, און וועלכן זיין פאָטער האָט באַשטימט פאַר'ן הויפּט פון דער וויסנשאַפטלאַכער אַקאַדעמיע, — אָט ווען מ'זאָל אים געבן אַ' ביקס, פאַרציען אין אַ שינעל

6) Leibniz: Theodicee, אויך M. Halbwachs: Leibniz, p. 105. Paris.

און אַוועקשטעלן אויפ'ן פּאָסטן אַלס אַ סאָלדאַט — וואָלט דאָס געווען אַ געלעכטער אַ ביסל! דער דאָזיקער חכם וואָלט געווען דער לעבערלאַכסטער סאָלדאַט אויף דער גאַנצער וועלט.

און דער קיניגינ'ס האַרץ ווייטיקט, וואָס איר זון איז ניט ווי זי וואָלט געוואָלט, און זי באַשליסט אים צו שיקן קיין אויסלאַנד. זאָל דער קרונפּרינץ אַרויספאָרן פון זיין ענגן פאָטערלאַנד, זאָל ער אַרומרייזן אין לענדער, לערנען, שטודירן, זען וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט. וואָרים אויב נישט איצט, טאָ ווען זשע? ער איז שוין זיבעצן יאָר אַלט.

און אַז פרידריך ווילהעלם פאָרט אַוועק, בלייבט זי פאַראייניזאַמט מיט זיך אַליין, פאַרזונקען אין איר צער. ערשט אַצינד דערפילט זי, ווי שטאַרק ס'איז איר ליבע צו אים. ער איז די איינציקע פרייד אין איר לעבן. אמת, ווילד און אומגעהובלעוועט, אָבער נישט קיין קאָמעדיאַנט ווי אַלע אַרום, פאָזירט נישט און שטייט נישט שטענדיק פאַר'ן שפּיגל.

אָפּט, כדי זיך צו צעשטרייען, צייכנט, פאַרצייכנט עפּעס די קיניגין. אויף איין שטיקל פּאַפּיר מאָלט זי אויס אַ האַרץ און שרייבט צו ביי דער זייט: „פאַרטי“, ד. ה. אָפּגעדינט זיך, ס'האַרץ, אויסגעריבן זיך, אַוועק די כחות... און וועלנדיק אַנטלויפן פון איר צער פאָרט זי קיין האַנאָווער זיך זען מיט איר אַלטער מוטער, און דאָרט באַפאַלט איר אַ שווערע קרענק.

„באַוויינט מיך נישט,“ זאָגט זי צו איינער פון אירע הויפדאַמען, וועלכע וויינט ביטער, „ווייל כ'גיי איצט אַנטפּלעקן דאָס, וואָס ס'איז פאַרהוילן פון מענטשן, אפילו פון לייבניצ'ן, דעם סוד פון אומענדלאַכקייט און דעם סוד פון זיין און ניט זיין.“ זי שווייגט אַ מינוט און גיט צו מיט אַ ביטערן שמייכל: „און אַט וועל איך געבן אַ געלעגנהייט מיין קיניגלאַכן מאַן צו ווייזן זיך אין זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער פּראַכט בשעת דער לויה.“ 7)

---

צום סוף פון 1716 קערט זיך לייבניץ אום קיין האַנאָווער... ער האָט אַמאָל פאַרגליכן דעם דענקער, וואָס פאַרטראַכט זיך איבער דער פּראָבלעם פון זעל און קערפּער, צו אַ רייזענדן, וואָס לאָזט זיך אַרויס אויף אַ קליין שיפל אין אַ גרויסן, שטורמדיקן ים. דען זעל און קערפּער זיינען גרונטפאַרשיידן איינס פון אַנדערן, אַן אָפּגרונט ליגט צווישן זיי. דער קערפּער איז רוימלאַך, די נשמה אָבער פאַרנעמט נישט קיין פּלאַץ אין חלל. ווי

7) Frederic II: Memoire pour servir a l'histoire de la Maisan de Brandenbourg, 2o partie, p. 213, Berlin.

אזוי זשע ווערט דאָך דערמעגלאַכט די צוזאַמענאַרבעט צווישן זיי? דורך דער פּאַראויסבאַשטימטער האַרמאָניע. דער גוף און די נשמה זיינען גע־גליכן צו צוויי זייגערס, וועלכע דער זייגערמייסטער האָט זיי פון סאַמע אָנהויב אָנגעצויגן אַזוי, אַז זיי זאָלן ביידע גלייך גיין, פּינקטלאַך צו דער מינוט. קיין דירעקטע השפּעה האָט טאַקע ניט איינער אויפ'ן אַנדערן. אָבער אַ האַרמאָניע איז דאָך דאָ צווישן זיי, אַ האַרמאָניע וועלכע איז באַשטימט געוואָרן פאַראויס. און ווען מ'קוקט אויף איינעם פון זיי ווייסט מען גענוי וויפיל ס'האַלט דער צווייטער.

אָבער לייבניץ'עס גוף און נשמה האַרמאָנירן נישט מער איינס מיט'ן צווייטן. דער קערפּער געבראָכן, זיין שעה וועט אָט־אָט באַלד שלאָגן! — דער גייסט אָבער אַרבעט נאָך אָן אויפהער און זוכט צו דיסציפּלינירן דעם חומר. בלויז פאַר אַ ווייל הויבט זיך לייבניץ אויף פון זיין אַרבעט־שטול און וואַכנווייז גייט ער ביינאַכט נישט צו בעט, ווייל ער פילט, אַז די צייט איז קורץ און צו טאָן איז דאָ נאָך אַזוי פיל. אָבער פון תחילת נאָוועמבער כאַפּן אים אָן אומדערטרעגלאַכע, מאַוים'דיקע אָנפאַלן פון פאַדאַגרע. פון צופיל זיצן און שוואַכקייט עפנט זיך אים אַ יאַטערדיקע וואונד אויפ'ן רעכטן פוס און ער דאָקטערט זיך אַליין, לייגט צו איר צו לעש־פּאַפּיר איינצוזאַפּן די מאַטעריע.8) איצט ליגט ער שוין די גאַנצע צייט צו בעט און לעבט בלויז אויף מילך. און דאָך שטאַרקט ער זיך נאָך און הערט נישט אויף צו אַרבעטן. אָבער די שוואַכקייט איז שטאַרק, שטאַרקער פון אים — און ס'קומען פּייניקנדיקע, שלאָפלאָזע נעכט און פוסטע, איבערדריסיקע, נישט־אויסגעפילטע טעג. ער געוועלטיקט נישט מער איבער זיינע יסורים, זיי געוועלטיקן איבער אים. אומזיסט כאַפּט ער זיך אָן אין די רעשטלאַך פון זיין לעבן, נעמט זיך ווידער אַרבעטן, וויל ענטפערן אויף שמואל קלאַרק'ס בריוו, ניוטאָנ'ס פאַרערער, וואָס ס'האָט אים צוגעשיקט צוריק מיט אַ פּאָר טעג די פּרינצעסין פון וועלס. — אָבער זיינע הענט דינען אים נישט מער, די אַרבעט איז פאַר אים איצט אַ קאַטאָרגע, מאַטערט זיין גוף מיט דער נשמה צוזאַמען.

די פּרינצעסין האָט געשריבן לייבניץ'ן: „סאיז מיר אַ ווייטיק צו־צוזען, אַז אַזעלכע צוויי גרויסע געלערנטע און געבילדעטע מענטשן ווי איר און ניוטאָן ווילן ניט שלום מאַכן איינער מיט דעם אַנדערן." שלום מאַכן? — לייבניץ'עס פּנים פאַרוואָלקנט זיך. האָט דען ניט איינער פון ניוטאָנ'ס חסידים, קייל, אויסגעטראַכט אויף אים אַ מיאוס'ן בלבול, אַז ער איז אַ' גנב, גנב'עט געדאַנקען ביי אַנדערע, און אָנרופנדיק זיי מיט גייע נעמען גיט זיי אויס פאַר זיינע, און אַז זיינע Differentias זיינען בלויז

ניוטאָנ'ס Fluxiones? — פון צווישן די שורות פון יעדן בריוו, וואָס ער באַקומט פון ענגלאַנד, פילט ער אָט די באַשולדיקונג, דאָ אין אַ אָפענער פאָרם, דאָ בלויז אַלס אַ חשד. צי האָט דען נישט צוגע'פסק'נט די קיניגלאַכע וויסנשאַפטלאַכע געזעלשאַפט די בכורה ניוטאָנ'ען אינ'ם אַנטדעקן פון דער נייער דיפערענציאַל־רעכנונג? — און נויטאָן אַליין... ער, דער דענקער, דער גרויסער קאָפּ, ווייסט דאָך גוט, אַז די באַשולדיקונג איז פאַלש, און דאָך שוויגט ער, נעמט זיך נישט אָן פאַר דעם פאַרשוועכטן כבוד פון זיין חבר, האַלט זיך איין מיט אַ פאַרטייעטער בייזער כונה. אָדער צי דען קען דאָס זיין, אַז אויך ניוטאָן, וואָס האָט אַזוי שטאָלץ געזאָגט: Hypotheses non finsi („איך טראַכט נישט אויס קיין השערות!") זאָל דאָס מאָל גלויבן אין אַלע שקרים און בלבולים, וואָס אַנדערע האָבן אויף אים אויסגעטראַכט? ווייסט ער דען נישט, אַז דער ליכטיקער אמת איז ווי די זון און אַז ניט בלויז איינעם שיינט זי אויף, ווייל יעדער איינער וואָס האָט זעענדיקע אויגן זעט דאָס ליכט... אָבער אַזוי צו אַזוי, וויל מען אים דערנידעריקן, אים מאַכן צו לייטישע רייד (מענטשן האָבן דאָך אַזוי ליב צו באַרעדן און דערנידעריקן גרויסע, מפורסמ'דיקע לייט, זיך נוקם זיין אין זיי פאַר די אַלע טעג, וואָס זיי האָבן זיי אַזוי מקנא געווען). מ'וויל ביי אים אַוועק'גזל'ען זיין גרעסטן וויסנשאַפטלאַכן אויפטו, די וואונדערלאַכסטע דערגרייכונג פון זיין געדאַנק. ווי זשע קאָן ער שווייגן און זיך איבערבעטן מיט ניוטאָנ'ען?

און פּלוצים באַפאַלט אים אַ שטאַרקער, איבערוועלטנדיקער טרויער, ווי נאָך קיינמאָל פריער. זיין גאַנץ לעבן האָט ער געלערנט, אַז אפילו ווען ס'לעבט זיך נישט ווי מ'וואָלט געוואָלט, טאָר דער מענטש ניט אַריינפאַלן אין עצבות. ממה נפשך, נעמט ער זיך צום האַרצן די פאַרגאַנגענהייט, זיינען דאָך זיינע יסורים אומזיסטע. מן הסתם, איז אַזוי נגזר געוואָרן אויף אים פון הימל און דער אויבערשטער האָט אַזוי געוואָלט. אַלא וואָס דען, ער זאָגט זיך איבער זיין מאָרגן — איז דאָך ניט שייך, זאָל ער זיך פאַרלאָזן אויפ'ן רבש"ע און גלויבן באמונה שלימה, אַז ער, ברוך הוא, וועט שוין אודאי געפינען אַ צייט צו ענדערן אַלץ צום גוטן...[9] אָבער איצט דערפילט פּלוצים לייבניץ, אַז די עצבות דערדריקט אים, ער קען זיך ניט פריי'ען, זיין צופרידן מיט זיין לעבן. געבענשט און פאַרשאָלטן איז געווען זיין לעבן ביז אַהער מיט רייכקייט און אָרימקייט צוגלייך.

כמעט אַלע זיינע יאָרן, פון זינט ער איז געקומען צום שכל, איז ער

9) Leibniz: Auswahl Seiner kleinern Aufsätze, S. 11, Lpzg., 1863.

עזעסן על התורה והעבודה, נישט פאַרלאָזן זיין לערנשטיבל. אפילו פאַרנדיק אין וועג האָט ער געלערנט, אויך זיצנדיק אין אכסניה. אמת, אַלץ וואָס ס'איז שווער פאַר ס'רוב מענטשן איז אים געווען לייכט. אין צוויי שעה האָט ער דערגרייכט מער ווי זיי דעם גאַנצן טאָג. אָבער שטענדיק האָט ער געהאַט דאָס אומרואיקע געפיל (נישט קוקנדיק אויף זיין אויסער־לאָבער רואיקייט): Ruhit Hora, ס'איילט די צייט און אַרבעט איז דאָ אַזויפיל. אַלץ אינטערעסירט אים און זיין געדאַנק נעמט אַרום אַלע געביטן פון וויסנשאַפט, און דעריבער קאָן ער קיינמאָל ניט דערגרונטעווען זיך ביז'ן סוף אפילו איינעם פון זיי, און אָפט פלעג ער וועלן אויסרופן מיט אָוויד'ן: מיין רייכקייט פאַראָרימט מיך! — ער איז ניט צוגעבונדן בלויז צו די ד' אמות פון זיין לאַנד, ער שטייט אין בריוולאַכע פאַרבינדונגען מיט דער גאַנצער קולטורעלער וועלט — פון פעקין ביז לאָנדאָן, פון מאָסקווע ביז פּאַריז. ער האָט אַ לעבעדיקן אינטערעס אין אַלץ וואָס בויט זיך — און דערוויילע לאָזט ער אומפאַרענדיקט זיינע אייגענע אַרבעטן: ער בליצט זיך אויס אין קורצע בליצן, צינדט זיך אָבער ניט אָן קיין נר־תמיד. נישט ער איז דער מייסטער אבער'ן געדאַנק, דער געדאַנק איז מייסטער איבער אים — און ער שלעפּט און פאַרשלעפּט אים אין זייטיקע געסלאַך, וועלכע האָבן נישט קיין דירעקטע שייכות צום עיקר וועג פון זיין שאַפן. זיין שכל איז שטאַרק, זיין ווילן אָבער שוואַך — צונויפ־צושמעלצן די איינצלנע אויפבליצן אין איין גרויסער גאָלדענער קייט. שרייבט ער זיינע ווינציקע גרויסע ווערק בדרך צופאַל — זיין „טעאָדיצעע" לכבוד סאָפיע שאַרלאָטע און די מאָנאַדאָלאָגיע צום כבוד פונ'ם פירשט אייגעני. בכלל זוכט ער שטאַרק די געזעלשאַפט פון הארן און גרויסע, מעכטיקע לייט און ער פאַרגעסט אָפט, אַז די קרוין פון חכמה איז גרעסער פון זייער קרוין. אָפט פריינדלט ער זיך מיט מענטשן, נאָר בכדי באַליבט צו ווערן אין הויף. ער איז אַ געבוירענער דיפּלאָמאַט, זאָגט אויף אים איינער אַ איטאַליענער. פאַרוואָס יאָגט ער זיך אַזוי נאָך פאַלשן שיין און פוסטן גלאַנץ? אפשר צוליב זיין שלעכטן אויסזען. אויף מענטשן, וואָס קענען אים נישט און ווייסן אים נישט, מאַכט ער אין ערשטן מאָמענט אַן איינדרוק פון אַ ביסל אַ לעבערלאַך באַשעפעניש: זיינע פיס זיינען צו לאַנג אין פאַרהעלטניש צו זיין מיטלמעסיקן וואוקס. זיין קאָפּ איז אַ שפּיציקער, די אויגן קורצזעאיקע און די הענט זיינע זיינען פאַרפרוירן אפילו אין זומערדיקע טעג. אָבער דער פילאָסאָף האָט געוואוסט פון זיין דערפאַרונג, אַז אונזערע אורטיילן איבער שיינקייט זיינען מערסטנס פ אָ ר־אורטיילן: האַלטן מיר איינעם פאַר אַ גאָרנישט, פאַרלירט אויך זיין

אויסזען אין אונזערע אויגן. דערוויסן מיר זיך אָבער, אַז ער איז אַ גרויסער מענטש, אַ באַרימטע פּערזענלאַכקייט, ווערט ער באַלד געהויבן אין אונזערע אויגן, און אַפילו זיינע חסרונות באַקומען חן אין אונזערע אויגן. איז ער בלאָס — איז ער, נעבאַך, אויסגעמוטשעט פון צופיל לערנען; זיינען זיינע אויגן רויט — ווייל ער לערנט טאָג ווי נאַכט, א. א. וו. דערפאַר האָט לייבניץ ליב געהאַט אַרויסצואווייזן זיין גרויסקייט אויך דורך אויסער־לאַכן גלאַנץ, כדי פּרעמדע מענטשן זאָלן גלייך וויסן, אַז זיי האָבן ניט צו טאָן מיט אַבי וועמען. און צוליב זיין ווען אַרויסצואווייזן זיך גרויס איז ער אָפט געווען קליין, קליינלאַך.

איצט אָבער, אויפ'ן קראַנקן געלעגער, ווערט אים מיט אַ מאָל קלאָר, אַז אומזיסט האָט ער אַרויסגעקוקט אויף די חסדים פון די גרויסע לייט, וועמענס גאָב ס'איז קליין און זייער שנאַד גרויס. צי האָבן זיי אים נישט פאַרשטויסן אויף דער עלטער, פאַרלאָזן אים אינגאַנצן? זייט סאָפיע שאַרלאָטע איז געשטאָרבן האָט ער אָנגעוואוירן דעם חן אין די הויכע פענסטער, נאָר אַ דאַנק איר האָט ער געהאַט אַן השפעה אין די הויפן פון בערלין און האַנאָווער. און איצט איז ער פאַרלאָזן פון אַלעמען. אין לאָנדאָן וויל מען אים ניט. אין בערלין פאַראַכטעט מען אים. אין רוסלאַנד איז איצט אַ בהלה. דער צאַרעוויטש אַלעקסיי איז אַנטלאָפן, און ווער וויים, אפשר וועט נאָך אויסברעכן אַ מלחמה צווישן אים און זיין מאַנט־ פאָטער, פעטער דער ערשטער. אין ווין האָבן אויף אים, אַ פּראָטעסטאַנט, אַ שלעכט הארץ די יעזואיטן און זיי זוכן מיט אַלע מיטלען צו פאַרקלענערן זיין השפעה. און אין פראַנקרייך איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן לואי דער פופצנטער, דער וואוילטוער און אונטערשטיצער פון אַלע געלערנטע. דעם לוּאָוור, זיין פּאַלאַץ, האָט ער באַשטימט אויך פאַר'ן זיצפּלאַץ פון דער אַקאַדעמיע, אָבער די געלערנטע זיינען דורכדעם נישט געוואָרן זיינע הויז־מענטשן, נאָר זיינע לאַקייען און באַדינער. מיט געלט און מיט חסדים האָט ער געוואָלט אָפּקויפן די קונסט און די וויסנשאַפט זיי זאָלן גרויס מאַכן זיין נאָמען, באַשיינען אים און באַצירן אים און דערנידעריקן אַלע זיינע שונאים. און די מאַלער האָבן אים געמאָלן אויף די סופיטן פון זיין פּאַלאַץ אַלס אַפּאָלאָ, דעם גאָט פון זון, און דעריבער האָט ער אָנ־געשטעלט מאָליער'ן, נישט ווייל ער האָט פון אים איבריק שטאַרק גע־האַלטן, נאָר ווייל דער קאָמעדיאַנט איז געווען אַ שאַרפע צונג און האָט געקענט דערלאַנגען אין דער זיבעטער ריפּ יעדן הויפסמאַן, וואָס האָט נישט נושא חן געווען ביי זיין קיניגלאַכער מאַיעסטעט. לואי האָט אָבער נישט געזען דעם טיפן צער וואָס אין די גרויסע אויגן פון מאָליער'ן, דעם צער

וואָס האָט אים געטריבן צו געלעכטער, ווייל „די וועלט איז אַ טראַגעדיע פאַר׳ן מענטש פון געפיל און אַ קאָמעדיע פאַר׳ן מענטש פון געדאַנק.“

אָבער אַזוי צי אַנדערש, איז די גלאַנציקע הויפישע וועלט נישט די וועלט פונ׳ם מענטש פון גייסט. צי איז ניט גערעכט געווען שפּינאָזע, וואָס האָט זיך דערווייטערט פון פּוסטן כּבוד?

און לייבניץ דערמאָנט זיך זיין באַגעגעניש מיט׳ן אידישן פילאָסאָף. אַ כמורנער הארבסטיקער הימל איז דעמאָלס שווער געהאַנגען איבער האאַג. די גאַסן פון דער שטאָט זיינען געווען באַדעקט מיט טרוקענע בלעטער, וועלכע האָבן געשאָרכעט און גערוישט אונטער די פיס. די וועלט איז געווען ברייט און פאַרטרויערט. און אין אַן אָרים חדר׳ל ערגעץ אויף „פּאַוויליאָנס גראַכט“ זיינען זיי ביידע געזעסן, ער און ברוך שפּינאָזע. פרעמד איז אים געווען דער מענטש און פרעמד די סביבה. ער איז געווען אַן אריינגייער אין די סאַלאָנען פון פירשטן און מלכים, וואו דאָס פאַרגעניגן איז אַ סך מער קונסט ווי די קונסט אַ פאַרגעניגן. און דאָ אין די צוויי צימערלאַך פון אידישן פילאָסאָף איז געשטאַנען ווייניק, אָרים מעבל, האָט מאַט געגלאַנצט דאָס געצייג צום גלאָז־שלייפן און ס׳האָט צניעות׳דיק אויסגעטיילט זיך פון ארומיקן דאָס איינציקע שטיקל פאַרמעגן פון דער גרויסער דירה: דער סאָסנאָווער ביכער־שראַנק. אָבער נאָך מער פרעמד איז אים געווען דער מענטש. לייבניץ איז דעמאָלס געווען יונג, אַ קיניגלאַכער פאַוואָריט, פול מיט האָפנונג און בטחון. ער האָט געהערט דער וועלט, אָבער פאַרוואָרצלט איז זיין נשמה געווען אין פּראָטעסטאַנטיזם. שפּינאָזע אָבער איז געווען אָפּגעזונדערט פון דער וועלט אין זיין קליין אויבערשטיבל, אַ בעל־מלאכה, אַ שווער־קראַנקער מאַן. אויך ער האָט געהערט דער מענטשהייט, אָבער זיין נשמה איז געווען פאַרוואָרצלט אין אידישקייט, נישט געקוקט אויף זיין אָפטער פאַר־ביטערטקייט קעגן זיין פאָלק.

אַט שטייט שפּינאָזע אויף, נעמט אַרויס פונ׳ם טיש־שופלאָד דעם כתב־יד פון דער „עטיק“ און הויבט אָן פאַרצולייענען פאַר זיין גאַסט. לייבניץ הערט אויפמערקזאַם צו. אַ לאַנגע צייט האָט שפּינאָזע אויס־געבאַהאַלטן פון אים זיין חבור, ווייל ער איז געווען זייער פאָרזיכטיק אין אַלע זיינע מעשים און רייד און בלויז צו נאָענטע אין גייסט האָט ער אַנטפּלעקט זיין נשמה, און נאָר נאָך לאַנגע בעטענישן האָט ער איצט צוליב געטאָן לייבניץ׳ן. אין דרויסן איז אַ הארבסטיק־קאַלטער טאָג, אָבער שפּינאָזע׳ס צערויטלטע באַקן גליען. אָפט האַקט איבער אַ הוסט זיין לייענען, פאַרווישט דעם סוף פון אַ וואָרט, פון אַ סוף זאַץ, טרייסלט

איינגאַנצן אויף זיין מאָגערן גוף. און ווידער הערט זיך זיין שטילע שטים און זיינע קלאָרע, העלע ווערטער, און פון זיינע אויגן שטראַלט ווידער ארום רואיקייט. צו וואָס איז ער געווען געגליכן אין יענער שעה? — צו יענעם ליכט, וואָס די יאַפּאַנעזער צינדן אָן, כדי צו באַשטימען לויט דעם אָפּגעברענטן טייל וויפיל צייט ס'איז אריבער. ס'גליט און פלאַמט נאָך רואיק דאָס פלעמל, אָבער יעדער איינער זעט: די צייט איז פאַריבער, דאָס ליכט איז צו ענד.

און באמת, שפינאָזע איז געשטאָרבן אַ פּאָר חדשים נאָך זיין באַגעגעניש מיט לייבניצ'ן.10)

דעמאָלס האָט דער אידישער גלאָז־שלייפער נישט איבערגעלאָזט אויף אים אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק, הגם ער איז פון אים באַאיינפלוסט געוואָרן... איצט אָבער זעט אים לייבניץ ווידעראַמאָל. אָט זיצט ער אַ נוטה־למות'דיקער און דאָך פול מיט געטלאַכער רואיקייט. וואָס האָט געלייטערט זיין געדאַנק, אים געגעבן דעם כח אַנצונעמען פאַר גוט אַלע פורעניות'ן פון זיין לעבן און קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן?

אַלץ וואָס ס'איז דערהויבן איז שווער און אומגעוויינלאַך, האָט געלערנט שפינאָזע. אויך דאָס גליק. וואָרים, וואָלט דאָס גליק געווען לייכט בנמצא און וואָלטן מיר נישט געדאַרפט צאָלן דערפאַר אַזאַ הויכן פּרייז — ניט שוין זשע וואָלט נישט יעדער מענטש געווען אַ בעלן אויף גליק? — דער וועג אָבער איז שווער, דער גאַנג נאָך שווערער, ווייל ס'רוב מענטשן זיינען געפּענטעט, געבונדן הענט מיט פיס. וואָרים, „אַ מענטש, וואָס איז אונטערגעוואָרפן זיינע אַפעקטן איז ניט אין זיין אייגענער מאַכט, נאָר איז דער מאַכט פון'ם גורל, וואָס געוועלטיקט איבער אים. ער ווערט אָפט מיטגעריסן און טוט דאָס שלעכטס, הגם ער זעט פאַר זיך דאָס גוטע.“ אָבער אין דער צייט, ווען די שיפן פון די בלינדע צעקלאַפּן זיך אין די שפּיציקע פעלזן, דערגרייכט די שיף פון'ם זעענדיקן אַ זיכערן ברעג, ווייל איבער דעם שטורעמדיקן ים פון תאוות און געפילן צינדט ער אָן דעם ליכט־טורם פון פאַרשטאַנד. דער וועג צו אינוויינינקסטער רו, צו פרייהייט — און ממילא גליק — פירט דורך דעם פאַרשטאַנד.

און דעריבער טאַקע האָט זיך שפינאָזע געהיט פון די פאַרשלאַגן פון פירשטן און מלכים, פון דעם פּוסטן שיין, וואָס לאָקט אים, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז נאָר אין דער פרייהייט פון זיין גייסט ליגט זיין גליק.

---

10) J. Freudenthal—C. Gebhardt: Spinoza, S. 269-271 also: W. Bolin—C. Gebhardt: Spinoza, S. 142-43, 1927.

און ער זיצט גאַנצע טעג אָנגעבויגן איבער זיין אַרבעט, שלייפט, הוסט און טראַכט. אַ פריער מענטש איז ער און ער איז שטענדיק גוט געשטימט, הגם דאָס לעבן ווייזט אים די שאָטנדיקע זייט און זיינע טעג זיינען געציילטע. וואָס מער די נשמה דערקענט די הכרחיות פון עפּעס אַלץ וויניקער ווערט זי באַטריבט. האָבן מיר רחמנות אויפ'ן קליינעם קינד, פאַרוואָס ס'קאָן ניט רעדן, גיין און טראַכטן? ווייל די קינדהייט איז אין אונזערע אויגן אַ נאַטירלאַכע דערשיינונג... און אין דער אַנערקענונג פון דעם מוז, אינ'ם באַהערשן פון אינסטינקטן און אין דער ליבע צו גאָט געפינט שפּינאָזע זיין שטענדיקע גוטע שטימונג.

לייבניץ אָבער האָט זיך אָפּט געלאָזט פאַרפירן פון פּוסטן גלאַנץ. אמת, ער האָט געזוכט די נאָענטקייט פון פירשטן און מלכים נישט בלויז כדי זיי זאָלן צוגעבן שטאָלץ און דערהויבנקייט זיין נישטיקן אויסזען, נאָר כדי צו בויען מיט זייער מאַכט די וועלט. ער האָט זיי געוואָלט מאַכן לייטערס פאַר דער פאַרווירקלאַכונג פון זיינע חלומות, איז אָבער נישט ווילנדיק געוואָרן אַ בענקעלע צו זייערע פיס — און ס'איז אים שווער געווען צו דערפילן דאָס, וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס די מיסיע פון זיין לעבן, שלום צו מאַכן צווישן אַלט און יונג, בויען אַ בריק צווישן צוויי דורות.

די אַלטע קוקן נאָר צום עבר און שטיצן זיך בלויז אויף פּסוקים פון פאַרצייטיקע ספרים, די יונגע ווידער וואַרפן שטיינער אין דעם ברונעם פון וועלכן זייערע עלטערן האָבן געטרונקען — און סיי די סיי יענע זעען נישט איין, אַז זיי זיינען ביידע בלויז רינגעלאַך אין איין קייט, אין דער גאָלדענער קייט פון גייסט. די יונגע ווילן אָנהויבן אַלץ פון ס'ניי, די אַלטע מיינען, אַז פּונקט ווי וויין איז גוט בלויז דאָס, וואָס ס'איז אַלט, און ביידע דורות גרייזן ביטער — אין דער נאַטור זעען פאַרשיידענע מינים פאַר איינס דאָס אַנדערע, אַזוי אַז מיר ווייסן נישט אָפּט, ווי ס'הויבט זיך אָן איינער און ווי ס'ענדיקט זיך דער אַנדערער,11) און אַזוי איז אויך דער וואוקס פון קולטור: יעדער נייער דור הויבט ניט אָן פון בראשית, בויט בלויז אַ נייעם שטאָק אויפ'ן אַלטן געביי. אמת, אַלעמאָל ווייזט זיך אויס, אַז דער פאָדים וואָס פאַרבינדט די דורות האָט זיך איבערגעריסן, אָט ווי ס'איז איצטער — האָט לייבניץ טאַקע געוואָלט ווידער פאַרקניפּן דעם פאָדים צווישן דער אַלטער און נייער פילאָסאָפיע, צווישן גלויבן און פאַרשטאַנד.

---

11) H. F. Osborn: From the Greeks to Darwin, p. 95, 1924.

ער וויל פֿעדערן דעם געבוי פֿון דער מדינה און פֿאַרשטאַרקן די קירך, וואָס האַלט אין איינפֿאַלן. צוליב דעם איז נויטיק אַן אויסגלייך צווישן די פּראָטעסטאַנטן און קאַטויליקן. און הגם ער באַטראַכט לוטער'ן אַלס דעם דערלייזער פֿון דער מענטשהייט און איז פֿאַרוואָרצלט אין גלויבן פֿון זיינע אבות, איז ער דאָך נישט קיין פּראָטעסטאַנט ווי אויך נישט קיין קאַטויליק, ווי ס'פֿאַרשטייט דאָס דער המון: ער נעמט זיך אָפּט אָן פֿאַר די יעזואיטן, אָבער איז נישט מקיים די מצוות מעשיות, אַ האַלב פֿון זיין לעבן באַזוכט ער נישט די קירך. און ער רעגט אויף קעגן זיך די גלחים און דאָס פֿאָלק, וואָס גיט אים אַ צונאָמען אויף זיין באַזונדערן דיאַלעקט: Löwenix (אַפּיקורס, ווי „טויגניכטס“ (לא יוצלח) — פֿון טויגן), אים, וואָס האָט געוואָלט רעכטפֿערטיקן גאָט און איז אין זיין פֿאַרטיידיקונג געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפֿילו מלמד זכות געווען אויף די יסורים אין גיהנום.

און דאָך גלויבט ער, אַז סוף כּל סוף וועט זיין אַרבעט געקרוינט ווערן מיט דערפֿאָלג. דאָס וואָרט „מאָרגן“ איז בכלל אַ מאַגיש וואָרט פֿאַר אים. דערמיט שפּרעכט ער אָפּ אַלע זיינע צרות. מאָרגן וועט קומען דער דער־פֿאָלג; מאָרגן וועט ער פֿאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעטן. מאָרגן וועט ער געפֿינען די, אויף וועלכע ער וואַרט. — דער מאָרגן קומט, אָבער אַלץ בלייבט ווי פֿריער, און ער ווערט אַלץ מער און מער איינזאַם, אַלץ מער אַן אַלטער בחור. אפשר האָט ער טיף אין האַרצן מורא פֿאַר דער פֿרוי. נעווים, זי וועט אים רעספּעקטירן און האָבן פֿאַר אים דרך ארץ, אָבער ליב האָבן וועט זי, מן הסתם, אַן אַנדערן, אַ שענערן און אַ יונגערן פֿון אים. אמת, איינמאָל שטעלט ער זיך איין און בעט די האַנט פֿון אַ פֿרוי, אָבער זי וויל זיך באַטראַכטן פֿריער איידער זי וועט אים ענטפֿערן, און ער זעט איין, אַז ס'איז שוין צו שפּעט. כּמעט דאָס גאַנצע לעבן אָפּ־געלעבט אָן פֿרוי'שער צערטלאַכקייט אָן ליבע — און איצט ביי פֿופֿציק יאָר... און ער פֿאַרבלייבט שוין אַן אַלטער בחור.

און אַזוי אין אַלעמען. ער וואַרט אַלץ אויפֿ'ן מאָרגן — און דער מאָרגן נאַרט אָפּ און אַנטוישט.

בלייבט ער אַליין, אַליין אויף דער וועלט. פֿאַר די פּרייזיניקע אַ גלויביקער, פֿאַר גלויביקע אַ פֿרייזיניקער. און ביידע דורות חידוש'ן זיך, פֿאַרשטייען נישט, וואָס איז ער, אייגנטלאַך: אָנהויב צי סוף? — און ווייסן נישט, אַז גיכער פֿון אַלעמען איז ער גאָר מיט, אַ בריק צווישן ביידע.

און צי וועט אים גאָט איצט געבן כּח צו פֿאַרענדיקן זיין אַרבעט?

דער טאָג פֿאַרגייט. אין בית־השמשות'דיקן שיין קוקט אַריין אין

פענסטער די מאַרק־גאַס. די הויכע הייזער אין סטיל פון רענעסאַנס און באַראָקאָ הויבן זיך אָן צו באַלויכטן. לייבניצ'ן כאַפּט אָן אַ מוראָ'דיקע שוואַכקייט. מ'דערלאַנגט אים אַ ביסל געצוקערטן וויין געמישט מיט וואַסער, אים צו שטאַרקן (ער טרינקט בלויז זיס). אָבער דער ווייטיק אין רוקן און אין די געלענקן פון די הענט לאָזט אים נישט רוען. מיט אַ שאַרפן עקבויער עקבויערט די פּאַראַגרע זיין גוף.

ניין אַזייגער אין אָוונט רופט מען צום קראַנקן דעם דר. זייפ, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אומגעקערט פון האָלאַנד. אויף די שטולן לעבן לייבניצ'עס בעט און אויף דער קאָלדרע ליגן גאַנצע פּעק מיט בריוו און גרעסערע און קלענערע ביכער. דער דאָקטאָר זעצט זיך און נעמט דעם קראַנקנ'ס האַנט — דער דופק איז זייער שוואַך, קוים וואָס מ'פילט אים. און די האַנט איז אייז־קאַלט. לייבניץ אָבער לייענט איבער אויפ'ן דאָקטאָר'ס פּנים, וואָס יענער טראַכט, און דערציילט אים, אַז זיין פּולס איז פון תמיד אָן אַ שוואַכער, אַזוי אַז מ'דאַרף אין זיין איצטיקער שוואַכ־קייט נישט זען קיין אויסערגעוויינלאַכע סכנה. און ער שטאַרקט זיך און פּאַרפּירט מיט אים אַ שמועס איבער מעדיצין און אַלכעמיע. דער־ציילט אים מיט אַ געלעכטער וועגן דעם באַרימטן פּאַרטנבאַך פון פלאָרענץ, וואָס האָט כלומרשט פּאַרוואַנדלט אַ האַלבן נאָגל פון אייזן אין גאָלד. ס'זיינען נאָך דאָ אַ סך נאַאיווע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס גלויבן אינ'ם כישוף־כח פונ'ם פילאָסאָפישן שטיין.

דר. זייפ אונטערזוכט דערווייל דעם חולה און גייט אַרויס פון זיין צימער, כדי צוצוגרייטן אין דער אַפּטייק די נויטיקע מעדיצינען. אָבער אין קאָרידאָר פּאַרהאַלט אים אויף אַ ווײַלע לייבניצ'עס סעקרעטאַר עקהאַרד... עקהאַרד'ס אויגן פינקלען מיט יענעם שלעכטן פייערל, וואָס איז די אויגן פון אונטערטעניקע מענטשן, וועלכע האַלטן ביי זיך, אַז זיי זיינען בכלל נישט קלענער פון זייערע בעלי־בתים. עקהאַרד קוקט אויף זיך ווי אויף לייבניצ'עס ממלא מקום און ער וואַרט מיט אומגעדולד ער זאָל אים פריי מאַכן דאָס פּלאַץ — לייבניץ איז דאָך שוין אַלט און טויג שוין נישט צו קיין שום אַרבעט, אַבי זיך גלאַט מוטשען! אַפילו אַ קליין בריוועלע איז אים איצט שווער אָנצושרייבן. אָבער קאַרג איז ער נאָך ווי פריער. אָנגעזאַמלט אַ פּאַרמעגן. פרעג: פאַר וועמען? — אַן אַלטער בחור. זיין משפחה, מ'שטיינס געזאָגט... און שטעלן שטעלט ער נאָך אויף זיך ווי פריער. און עקהאַרד דערציילט דעם דאָקטאָר שטילערהייט, אַז בעת לייבניץ האָט געקריגן אַ שווערן אַנפאַל פון פּאַדאַגרע האָט ער געהייסן צושרייבן הילצערנע שרויפן צו אַלע ערטער וואָס טוען אים ווי. „כ'מיין."

פאַרענדיקט דער סעקרעטאַר, „אַז ער האָט זיך דערמיט בלויז צעשרויפט די נערוון. דערפאַר טוט אים איצט אַזוי וויי." 12)

דער דאָקטאָר גייט אַוועק און אַפּטייק און זיין באַדינער טראָגט פאַר אים די לאַמטערנע.

און לייבניצ'ן ווערט דערווייל ערגער און ערגער. זיין באַדינער און עקהאַרד קומען צולויפן צו אים: ער איז טויט־קראַנק, קאַרטשעט זיך פאַר ווייטיק, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין אים... זיי ווילן וויסן: אפשר שיקן נאָך אַ גלח? פאַרשטייט זיך, ס'וועט אים באַלד בעסער ווערן. אָבער וואָס קאָן עס שאַדן? — ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין. צי האָט ער זיך שוין ניט מתודה געווען פאַר זיך אַליין, זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אין זיין גאַנץ לעבן? — און ער ענטפערט אַ ביסל אויפגערעגט. צו וואָס אַ גלח? ער זאָל זיך מתודה זיין אויף זינד, וואָס ער איז נישט באַגאַנגען? ער וועט אומקערן גאָט אַ ריינע נשמה, ער האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן.

אין די פענסטער קוקט אַריין אַ פינסטערע האַרבסט־נאַכט. איינס נאָך דעם אַנדערן לעשן זיך אויס די פייערלאַך אין די הויכע הייזער, וואָס אין דער מאַרק־גאַס. לייבניצ'ן ווייזט זיך אויס, אַז זיין קערפּער ווערט צעשאָסן פון ווייטיק. ער וויל עפּעס זאָגן און דערפילט, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. די ווערטער בלייבן אים שטעקן אין האַלז. אַ קאַלטער שווייס באַדעקט אים. ער גיט אַ צייכן מיט דער האַנט, מ'זאָל אים דערלאַנגען פּאַפּיר און שרייבגעצייג. ער שרייבט עפּעס אָן און צערייסט באַלד דאָס אָנגעשריבענע. דאָס כתב איז אַרויסגעקומען אַזוי ציטריק־פאַרדרייט, אַז ער אַליין האָט נישט געקענט זיך פונאַנדערקלייבן אין די אותיות. אַ שרעקלאַכע שוואַכקייט נעמט אים אַרום. ער מוז זיך צוריק אַוועקלייגן. אָבער אין אַ ווייל אַרום שטאַרקט ער זיך, נעמט צונויף דאָס לעצטע ביסל כחות זיך נאָכאַמאָל אויפצוהויבן... אָפּט זיינען די לעצטע ווערטער פון אַ מענטשן דער גאַנצער תוך פון זיין לעבן, די גרויסע תפילה פון זיינע טעג, דער הייסער וואונש פון אַלע זיינע יאָרן.

ער פּרואווט זיך נאָכאַמאָל עפּעס אָנצושרייבן. אָבער אויך דאָס מאָל איז דאָס צו שווער פאַר אים. ס'איז אים, אַ פּנים, נישט באַשערט צו לאָזן הערן דער וועלט זיין לעצט וואָרט, אונטערציען די לעצטע שורה... ער דעקט צו זיינע אויגן מיט'ן נאַכט־מיצל. ער קרעכצט שטיל פון האַרצן. די קאָנוואולסיעס פון זיין קערפּער ווערן אַלץ שוואַכער. קוים וואָס מ'הערט

---

12) L. Grote: op. cit., s. 551.

איצט זיין קרעכצנדיק קול. זיין נשמה בענקט איצט נאָך רו, נאָך אַ שטילער האַנט, וואָס זאָל איינשטילן זיינע אומדערטרעגלאַכע יסורים.

און אַרום עלף אַזייגער ביינאַכט ווערט זיין בקשה דערפילט: זיין נשמה קערט זיך אום אין איר רו אַריין — און די צאָל פון זיינע טעג איז זיבעציק יאָר, פיר חדשים און פיר און צוואַנציק טעג.

ס'איז ניט געווען ביי זיין טויט קיין קרוב און קיין גואל, אַ ליבער מענטש, וואָס זאָל צומאַכן מיט אַ צאַרטער האַנט זיינע אויגן.

לייבניצ'עס טויט האָט ניט געמאַכט קיין שום רושם. די הויפּסלייט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו זיין לויה, קיין איינער פון זיי אָבער איז ניט געקומען. די שטאָט האַנאָווער האָט נישט אָפּגעגעבן קיין כבוד דעם גרויסן מת... בלויז אַ צוויי־דריי מענטשן, צווישן זיי אַ אַלטער איד, 13) וואָס האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו:

Der Seines Lehrers Sarg,
Einsam um Mitternacht begleitete
Ein alter Jude wars.

האָבן זיך שטיל נאָכגעשלעפּט איבער די ביינאַכטיקע גאַסן נאָך זיין מטה. דער איד האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיט זיין גרויזן קאָפּ און פאַראיבל געהאַט טיף אין האַרצן אויפ'ן רבש"ע: צי איז דאָס דער שכר פאַר תורה?

און צומאָרגן האָט זיך האַנאָווער אויפגעכאַפּט ווי געוויינלאַך. לאָרן זיינען אויפגעהויבן געוואָרן, קראָמען האָבן זיך געעפנט. מענטשן האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט און די וועלט איז געווען אַ וועלט ווי אַלע מאָל, אַ גרויע, טרויעריקע, האַרבסטיקע וועלט.

אין דער אַקאַדעמיע, וואָס לייבניץ האָט געגרינדעט אין בערלין, האָט מען אַפילו ניט דערמאָנט זיין נאָמען. נאָר אויף דער זיצונג פון די אַקאַדעמיקער אין פּאַריז האָט פאָנטאַנעל געהאַלטן זיין באַוואוסטע רעדע 14) און פאַרגליכן לייבניצ'ן מיט אַ אַמאָליקן העלד, וואָס האָט געטריבן פאַר איין מאָל אַלע אַכט פערד, וואָס זיינען געשפּאַנט אין זיין רייטוואָגן, צום נצחון. לייבניץ האָט מיט זיינע גאָונישע חידושים באַרייכערט אַלע וויסנשאַפטן. ער איז געווען אַ חריף און אַ בקי, אַ קאַלך־גרוב און אַ פליסנדיקער קוואַל. ער איז געווען די יוירנדיקע הייוון פון זיין דור און געעפנט נייע פענסטער צום פאַרהוילענעם.

---

13) לויט דעם דיכטער Heinrich Voss איז דער איד געווען דער איינציקער.
14) Fontenelle: Lebens-Beschreibung Herrn v. Leibnitz, Amsterdam, 1720.

משה שטארקמאן:

# ביא־ביבליאגראפיע פון א. ש. זאקס

אברהם שמחה זאקס איז געבוירן געווארן דעם 20טן אקטאבער, 1878, אין זאגער, קאוונער גובערניע, איצטיקע ליטע. „זאגער," — דערציילט זאקס וועגן זיין געבורטשטאט,1) — „א כרך פון צוויי טויזנט נפשות (באשטייט פון צוויי שטעט: אלט־זאגער און נייַ־זאגער, צווישן וועלכע עס לויפט א וואסער...) — האט געשפילט ניט נאר א גרויסע, נאר די גרעסטע ראליע אין אידישן גייסטיקן לעבן פון ליטע און זאמוט. — זאגער איז געווען די וויגעלע פון השכלה. אין זאגער איז זי, די השכלה, געבוירן געווארן און דא האט זי געקראגן די לעבנסקראפט, דורך וועלכער זי האט אויסגעשפרייט אירע פליגלען איבער גאנץ רוסלאנד. — דאס קליין שטעטל זאגער איז געווען אן עיר חכמים וסופרים — די גרעסטע פירער און טאן־געבער אין דעם אידישן גייסטיקן לעבן זיינען געווען, אדער אליין זאגערער אדער האבן געקראגן זייער השפעה אין זאגער. — די חכמי־זאגער זיינען געווען די קוואלן פון וואנעט עס האבן זיך גענומען פיל גייסטיקע שטרעמונגען אין אידישן פאלק פאר די לעצטע הונדערט־און־פופציק יאר. — פון איין זייט רבי צמח זק"ש, רבי עלינקע (אליהו) לידער, רבי ישראל סאלאנטער צו וועלכן מען קען אויך מצרף זיין דעם קעלמער מגיד, וואס איז געווען אין זאגער אן אפטער גאסט, און פון דער צווייטער זייט רבי חיים זאק, וואס ווערט מיט רעכט פאררעכנט פאר דעם פאטער פון דער השכלה־באוועגונג, דער פאלקס־דיכטער מיכל גאר־דאן, די מאנדעלשטאמס — שניאור זאקס (זק"ש), רבי צמח זאקס' זון, און שפעטער אליעזר אטלאס (דער באוואוס־טער העברייאישער קריטיקער און רעדאקטאר פון „הכרם"). אויך

1) א. ש. זאקס: פון אמונה צו השכלה, אין Studies in Jewish Bibliography in memory of Abraham Solomon Freidus, New York, 1929. pp. XXXI and XXXV.

י ע ק ב  ד י נ ע ז א ן  אין זיינע יונגע יאָרן און אַ סך, אַ סך געלערנטע שריפטשטעלער און פּיאָנערן — האָבן געקראָגן זייער גייסטיקע יניקה פון זאַגער. — — אין די זאַגערער הייזער האָט מען גערעדט זייער גוט דייטש און מען איז געווען באַהאַוונט אין די דייטשע ביכער. — — אַ זאַגערער למדן איז ניט געווען בלויז אַ למדן, נאָר אויך אַ משכיל. פלעגט לעזן העברייאיש און דייטש און איז געווען באַקאַנט מיט פאַרשידענע פילאָסאָפישע סיסטעמען. — — אין דעם מוח פון אַ זאַגערער אויפגעקלערטן יונגנמאַן האָבן געלעבט בשלום אונטער איין דאַך לומדות און השכלה. אין זאַגער איז ניט געווען קיין זכר פון חסידות. — די אַטמאָספערע אין זאַגער איז געווען דורכגענומען מיט אַ פ ר י י ע ן גייסט, מיט פ ר י י ע  ג ע ד א נ ק ע ן, אפילו מיט „פ ר י י ע ר  ר ע ד ע“.

זאַקס' פאָטער, ר' ב נ צ י ו ן ־ ו ו א ל ף  ז ק“ ש — ר' וועלפּטשיק חריף האָט מען אים גערופן — איז געווען דער אמת'ער מוסטער פון אַ זאַגערער בר־אורין: אַ למדן און אַ משכיל צו דערזעלבער צייט. זיין הויז איז געווען אַ בית ועד לחכמים, דער זאַמל־פּלאַץ פון די זאַגערער „אייזערנע מוחות“. איינער פון ר' וועלפּטשיק'ס אינטימע פריינט איז געווען דער דערמאָנטער אלעזר אַטלאַס. ר' וועלפּטשיק חריף האָט פאַרמאָגט זייער אַ רייכע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אויך אַ היפּשע צאָל ווינסשאַפטלאַכע ווערק אין העברייאיש און אין דייטש. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן געפיל פאַר סאָציאַלן יושר, האָט ער זיך תמיד איינגעשטעלט פאַר די געקריוודעטע און נאָכדעם ווי ער האָט געלייענט אין די העברייאישע צייטונגען וועגן דער „העימאַרקעט“־טראַגעדיע אין שיקאַגע, וואו אַכט אַנאַרכיסטן זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט צוליב אַ בלבול (1888), איז ער אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען „ווי אַ קאָפּ“.

אין דער דאָזיקער סביבה און אונטער דער השגחה פון אַזאַ טאַטן איז דערצויגן געוואָרן א. ש. זאַקס. דער יונגער אברהם שמחה האָט געלערנט ש“ס ופוסקים אינדערהיים און אין דער שאַולער ישיבה ביז'ן עלטער פון פופצן יאָר. שפּעטער האָט ער זיך נעענטער באַקענט מיט דער העברייאישער ליטעראַטור און געלייענט יעדעס ביכל, וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער די הענט. אַמשטאַרקסטן האָבן אים פאַראינטריגירט די ווערק וועגן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען.

אין שאַוול האָט זאַקס, צו 17 יאָר, אָנגעהויבן אַנטייל צו נעמען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1897, אַלס אַ 19־יאָריקער בחור'ל, פאָרט ער שוין קיין ווילנע נאָך אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס ער האָט שפּעטער אַליין איבערגעזעצט אויף אידיש. אין צוויי יאָר אַרום האָט זאַקס

אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף לערער און ער איז אַוועק קיין וואַרשע, וואו ער האָט געפונען אַ ברייט פעלד פאַר בילדונג־אַרבעט צווישן די אידישע אַרבעטער. דאָ האָט ער אין די געגרינדעטע אַרבעטער־קרייזלאַך געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. זאַקס׳ טעקסט־בוך איז געווען דער מאַנוסקריפּט פון זיין אידישער איבערזעצונג פון ב אַ ג ד אַ נ אַ װ ו ׳ ס ווערק. דעם לערער איז זייער שווער אָנגעקומען צו געפינען אידישע באַגריפן פאַר די וויסנשאַפטלאַכע עקאָנאָמישע טערמינען, אָבער ער האָט זיך ניט מיאש געווען און אַליין אָזעלכע טערמינען געשאַפן. זאַקס׳ תלמידים, אַרבעטער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי האָט דעמאָלט צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון וועלטלאַכער בילדונג און פון בילדונג בכלל, האָבן ממש פאַרגעטערט זייער לערער, וואָס האָט זיך צו זיי פאַרהאַלטן נישט ווי אַ לערער נאָר ווי זייערס גלייכן. זאַקס האָט געאַרבעט אונטער׳ן נאָמען „זלמן", און זיינע אָנהענגער האָט מען דעריבער גערופן „זאַלמאַנאָווצעס". צוליב זיין דעמאָקראַטישן כאַראַקטער איז זאַקס ניט געווען שוה בשוה מיט די אַרבעטער־פירער, וואָס האָבן געקוקט אויף זייערע נאָכפאָלגער ווי אויף אַ מאַסע, באַשטימט בלויז פאַר דער באַוועגונג. זאַקס האָט זיך שטענדיק איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון די אַרבעטער און זיין שיטה אין דער באַוועגונג איז געווען: מער פּראָפּאַגאַנדע, ווי אַגיטאַציע; מער זעלבסט־שטענדיק דענקען ווי בלינדע נאָכפאָלגערשאַפט, מער פאַרטיפונג ווי פאַר־ברייטערונג.

דעם 22טן אַפּריל, 1901, איז זאַקס אַרעסטירט געוואָרן און כמעט דעם גאַנצן זומער איז ער אָפּגעזעסן אין דעם צענטן פּאַוויליאָן פון וואַרשע־ווער ציטאַדעל — אין אַן איינצל־קאַמער. שפּעטער האָט מען אים אַ צווייטן מאָל אַרעסטירט און דערנאָך אינגאַנצן באַפרייט. צוויי יאָר צייט האָט ער זיך געפונען אונטער׳ן אויפזיכט פון דער וואַרשעווער פּאָליציי.

זיצנדיק אין טורמע האָבן זיך ביי זאַקס׳ן אויסגעקריסטאַליזירט זיינע וויסנשאַפטלאַכע נייגונגען. ער איז דעמאָלט געקומען צו דער איבער־צייגונג, אַז כדי צו קענען גוט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע בכלל, זיינען אויך נויטיק גרינטלאַכע ידיעות אין נאַטור־וויסנשאַפט. אין 1902 איז ער אַוועקגעפאָרן שטודירן קיין בערלין.

בעת זאַקס איז אַרעסטירט געוואָרן, איז דער מאַנוסקריפּט פון זיין באָגדאַנאָוו־באַאַרבעטונג פאַרבליבן ביי ה. ד. נ אָ מ ב ע ר ג. פאַרלאַג „פּראָגרעס" פון י. ל י ד ס ק י האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן טייל —

---

2) זע ווייטער — די ביבליאָגראַפיע.

„די עקאָנאָמישע לערע“ — אין 1902, און דעם צווייטן טייל — „די אַלטע שקלאַפעריי“ — אין 1904. 2) צום צווייטן ביכל האָט זאַקס אויך צוגעגעבן אַן אייגענע איינלייטונג. ווען מען האָט שפּעטער די דאָזיקע איינלייטונג איבערגעזעצט פאַר באָגדאַנאָוו'ן, האָט ער זיך געפילט שטאַרק געשמייכלט פון דער אנערקענונג. ביידע ביכלאַך האָבן אויסגעהאַלטן אַ גרויסע צאָל אויפלאַגעס, און פּונקט ווי זאַקס' אָריגינעלע וויסנשאַפטלאַכע ווערק, האָבן זיי געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער בילדונג פון די אידישע אַרבעטער־מאַסן.

זיין אָריגינעלע ליטעראַרישע טעטיקייט האָט זאַקס אָנגעהויבן אין 1902, מיט אַן אַרטיקל אונטער'ן נאָמען „פּריוואַט־אייגנטום“, אין דער „יודישער פאָלקסצייטונג“, וואָס איז דאַן דערשינען אין קראָקע אונטער דער רעדאַקציע פון מ ר ד כ י ס פּ ע ק ט אָ ר און ח. ד. ה ו ר ו ו י ץ. דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג סיי ביי הורוויצ'ן, וואָס איז אַליין אַן עקאָנאָמיסט, און סיי ביי אַ ריי אַנדערע וואַרשעווער ליטעראַטן. דער פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע“ פון מ. ק ר י נ ס ק י האָט מיט פיר יאָר שפּעטער — אין 1906 — איבערגעדרוקט דאָס אַרטיקל אין בראָשור־פאָרם אָן דעם וויסן פונ'ם מחבר.

די רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג“ האָט אין 1903 אַרויסגעגעבן דאָס זאַמלבוך „ה י ל ף“ פאַר די געליטענע אינ'ם קעשינאָווער פּאָגראָם. צווישן די באַטייליקטע אינ'ם זאַמלבוך זיינען אויך געווען ט אָ ל ס ט אָ י און ג אָ ר ק י. זאַקס האָט דאָרט פאַרעפנטלאַכט אַן אַרטיקל — „נאַציאָנאַליטעט און שאָוויניזם“ — וואָס האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט, ספּעציעל אין די אידישע אַרבעטער־קרייזן. אין יענעם אַרטיקל בשר'ט זאַקס דעם נאַציאָנאַליזם פון אַ סאָציאַליסט און ווייזט אָן, אַז נאַצאָנאַליזם און שאָוויניזם זיינען צוויי באַזונדערע זאַכן. פון אַ אידישן סאָציאַליסט אין יענער צייט האָט זיך געפאָדערט אַ ביסל געוואַגטקייט אָנצושרייבן אַזאַ אַרטיקל. די נאַציאָנאַלע פראַגע — פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט — האָט זאַקס אויך שפּעטער באַהאַנדלט אין אַ ריי פאַרשידענע אידישע צייטשריפטן.3)

געקומען קיין בערלין אין 1903, איז זאַקס אַריינגעטראָטן אינ'ם

3) „קלאַס און נאַציע“, „קאָוטסקי און די נאַציאָנאַלע פראַגע“ — אידישע פאָלקסצייטונג 1903; „מיכאַלאָווסקי און די נאַציאָנאַלע פראַגע“ — די אידישע צוקונפט, רעד. דר. י. וואָרטסמאַן; „נאַציעס און נאַציאָנאַליזם אין דער פאַרגאַנגענהייט, געגנוואַרט און צוקונפט“ — דאָס אידישע וואָרט, קראָקע, רעד. אברהם רייזען — א. אַנד.

אַרטיקן אוניווערסיטעט. ער האָט שטודירט אויף צוויי פאַקולטעטן: דעם שטאַטס־וויסנשאַפטלעכן און דעם נאַטור־וויסנשאַפטלעכן. אין׳ם בערלינער אוניווערסיטעט האָט ער געלערנט פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פילאָסאָפיע ביי אַזעלכע געלערנטע ווי גוסטאוו שמאָלער, אַדאָלף וואַגנער, געאָרג זימעל א. אַנד. אין דער „קעניגליכער לאַנדווירטשאַפטליכער האָכשולע צו בערלין", זיינען זיינע לערער געווען די בעמיקער בוכנער און עמיל פישער, דער אָגראָנאָם אַרט, דער באָטאַניקער קניע און דער פיזיאָלאָג צונץ. אין בערלין איז זאַקס געווען דער קאָרעספּאָנדענט פון׳ם פּעטערבורגער „פריינד" (אונטער׳ן פּסעוודאָנים "S").

נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר לערנען איז זאַקס, אַלס סטודענט־אַגראָנאָם, אַנגעקומען אויף פּראַקטישער אַרבעט אין דער אידישער לאַנד־ווירטשאַפטלעכער שול אין סלאָבאָדקא לעשנאָ, לעבן קאָלאָמיי, גאַליציע.

צוליב זיין גרויסן באַגער צו שטודירן נאַטור־וויסנשאַפט איז זאַקס אין 1905 אַוועק קיין יענאַ, טירינגען, וואו ער איז געווען אַ תּלמיד פון ערנעסט העקל. ער איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער אַנהענגער פון העקל׳ס נאַטור־פילאָסאָפיע און מאָניסטישע וועלט־אַנשויאונג — דער סינטעז צווישן נאַטור־וויסנשאַפט און סאָציאָלאָגיע. זאַקס האָט אָנגענומען דעם מאָניזם פון העקעל אַלס איינער פון די הויפּט־יסודות, אויף וועלכע דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם דאַרף זיין געבויט.

אין דעצעמבער 1907 האָט זאַקס געענדיקט דעם יענאַ׳ר אוניווערסי־טעט מיט אַן ערשט־קלאַסיקער דיפּלאָם אַלס געלערנטער־אַגראָנאָם. אין דעמזעלביקן יאָר האָט דער בונדיסטישער פאַרלאַג „די וועלט", אין ווילנע, אַרויסגעגעבן זאַקס׳ ווערק „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", וואָס עד היום איז עס איינס פון די בעסטע ביכער אויף דעם געביט.

בעת זיין שטודירן אין יענאַ האָט זאַקס אויך מיטגעאַרבעט אין די אַמעריקאַנער אידישע סאָציאַליסטישע אויסגאַבעס. אין „צוקונפט" און אין וועכנטלאַכן „צייט־גייסט", אונטער דער רעדאַקציע פון אב. קאַהאַן. שפּע־טער האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג פון מאָריס ווינטשעווסקי, אין נאָמען פון דער „צוקונפט פרעס פעדעריישאַן", צו קומען קיין אַמעריקע און ווערן דער וויסנשאַפטלעכער רעדאַקטאָר פון „צוקונפט". ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זאַקס׳ן איז פאַרגעשטאַנען אַן אַקאַדעמישע קאַריערע אין דייטשלאַנד, האָט אָבער זיין תּשוקה צו פּראַקטישער אַרבעט גובר געווען, און ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. אין 1908 איז שוין זאַקס געווען אין ניו־יאָרק.

עטלאַכע חדשים נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, איז זאַקס איינגעלאַדן געוואָרן קיין שיקאַגאָ צו ווערן דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון׳ם סאָציאַליסטישן וואָכנבלאַט „די אידישע אַרבעטער־וועלט״. ער האָט די צייטונג רעדאַקטירט ביז 1910. אין דער „אידישער אַרבעטער־וועלט״ האָט זאַקס אין אַ סעריע אַרטיקלען שאַרף אַטאַקירט און באַקעמפט די געלע מעטאָדן פון סאָציאַ־ליסטישער אַגיטאַציע. דאָס האָט אים, פאַרשטייט זיך, געשאַפן אַ סך שונאים אין די סאָציאַליסטישע פירערישע קרייזן. ער האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשראָקן. זאַקס איז בטבע ניט קיין קנאי און ער רעדט שטענדיק מיט׳ן טיפסטן דרך ארץ וועגן זיינע קעגנער, כאָטש די חלוקי־דעות צווישן זיי זיינען אָזעלכע ווייטע און שאַרפע.

אין 1911 איז זאַקס באַשטימט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון „צו־קונפט״. ער האָט דעם זשורנאַל רעדאַקטירט ביז יאַנואַר 1913 (אַריינגערעכנט), ווען „די צוקונפט״ איז אַריבער צו א. ליעסין, וואָס איז איר רעדאַקטאָר עד היום.

אין דעמזעלביקן יאָר (1911) איז דערשינען אין ניו־יאָרק זאַקס׳ גרעסערע ווערק „פּאָליטישע עקאָנאָמיע — איר אַנטשטייאונג און אַנט־וויקלונג״. אין דעמדאָזיקן בוך ווערן באַהאַנדלט די לערעס פון אַלע גרויסע עקאָנאָמיסטן זינט פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז געוואָרן אַ וויסנשאַפט. זאַקס האָט זיך דערהויפּט אָפּגעשטעלט אויף די קלאַסיקער (אַדאַם סמיט, דוד ריקאַרדאָ, מאַלטוס, די אוטאָפּיסטן, ראָבערט אָוען, סען סימאָן, טשאַרלס פוריע), און ברייטער באַהאַנדלט אויך די מערקאַנטעליסטן און די פיזיאָקראַטן.

אין משך פון די יאָרן 1913-1912 האָט זאַקס רעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל פון׳ם אַרבעטער־רינג, „דער פריינד״. אין 1914 איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון דעם אידישן פאָלקס־אוני־ווערסיטעט דורך קאָרעספּאָנדענץ. זיין קורס אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע איז דערשינען אין בוך־פאָרם אין 1915; דאָס איז דער ערשטער און צווייטער טייל פון׳ם שפּעטער־גרויסן בוך „די גרונט־פּרינציפּן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע״.

בעת די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אין 1915 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אַרבעטער־ביבליאָטעק, איז זאַקס׳ „די לערע פון סאָציאַליזם״4) געווען דאָס

ערשטע בוך פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק. אַ יאָר שפּעטער האָט די פּעדעראַציע אויך אַרויסגעגעבן זאַקס' „ד ע ר אַ ל ף־ב י ת פ ו ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם" — קעשענע־פאָרמאַט — אַלס נומער פיר פון דער „סאָציאַליסטישער קעמפּיין־ביבליאָטעק".

אין 1915, אַלס פּאַרזיצער פונ'ם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג, האָט זאַקס זייער אַ סך געוווירקט אין דער שאַפונג פון דער „וויסנשאַפטלאַכער ביבליאָטעק", וואָס די „עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע" האָט אַרויסגעגעבן. אין דער וויסנשאַפטלאַכער ביבליאָטעק זיינען דערשינען די פאָלגנדיקע צוויי זאַקס' ווערק: „באָטאַניק", 1916; (אגב, דאָס ערשטע בוך פון דער ביבליאָטעק), און „פּאָליטישע עקאָנאָמיע — די גרונט־פּרינציפּן" (1918-1920). די ערשטע צוויי טיילן פון דעם ווערק זיינען שוין איינמאָל דערשינען אין 1915, אַלס דער עקאָנאָמישער קורס פונ'ם פאָלקס־אוניווערסיטעט דורך קאָרעספּאָנדענץ (זע פריער). די „באָטאַניק" איז זיך צעגאַנגען אין פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן, און אין 1917 איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע אין דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן. די „פּאָליטישע עקאָנאָמיע" איז דערשינען אין פ י נ ף ג ר ו י ס ע א ו י פ ל אַ ג ע ס (זע צום סוף די ביבליאָגראַפיע). דעם ערשטן טייל פון דעמדאָזיקן בוך האָט דער „קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע ענינים" אין פּעטערבורג אַרויסגעגעבן אין יאָר 1918 אונטער'ן נאָמען „די גרונט־פּרינציפּן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע". דאָס איז געווען דאָס דריטע ביכל פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פאָלקס־ביבליאָטעק. אַנדערע סאָוועטישע פאַרלאַגן האָבן אויך איבערגעדרוקט די „גרונט־פּרינציפּן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע". ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין 1926 און אין 1928, זיינען אין וואַרשע דערשינען צוויי גרויסע אויפלאַגעס פון דעמדאָזיקן ווערק.

אין די מלחמה־יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש אויף די רוסישע אידן, האָט אין זאַקס'ן אויפגעשיינט אַ מסירת־נפש'דיקע ליבע און פאַרערונג צו די אידישע שטעטלאַך אויף יענער זייט ים, מיט זייערע זיטן און מנהגים. אין יענע טעג האָט ער געשריבן די קאַפּיטלאַך פון זיין ווערק „חרוב'ע וועלטן", אַ בוך וואָס האָט אויסגעהאַלטן דריי גרויסע אויפ־

---

4) דאָס בוך איז אויך אַרויס אין ענגליש דורכ'ן „רענד־סקול"־פאַרלאַג, 1925; די צווייטע און דריטע אויפל. דורך „וואַנגאַרד־פּרעס", 1927-1928. ווערט גענוצט אַלס טעקסטבוך אין ענגלישע אוניווערזיטעטן (זע ביבליאָגראַפיע). דער „מינסטער־פאַרלאַג" אין ווין האָט אַרויסגעגעבן די דייטשע איבערזעצונג פון דעם בוך.

לאַגעס און וואָס זאַקס אַליין האָלט פאַר זיין „ליבלינגס"־ווערק. אין 1928 איז דערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון די „חרוב'ע וועלטן" (צען טויזנט עקזעמפּלאַרן).

זאַקס איז געווען איינער פון די ערשטע לערער אויף די וויסנשאַפט־לאַכע קורסן, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט אָרגאַניזירט אין 1918. אַלס לערער און לעקטאָר איז זאַקס איינציקע מאָל דורכגעפאָרן אַמעריקע פון'ם אַטלאַנטיק ביז'ן פּאַסיפיק און פון קאַנאַדע ביז מעקסיקאָ.

דער פאַראייניקטער פאַרלאַג „נייע וועלט" – „מאַרקס ליטעראַטור־געזעלשאַפט" האָט אין 1921 אַרויסגעגעבן זאַקס' „די פּאַריזער קאָמונע". דאָס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז שנעל אינגאַנצן אויס־פאַרקויפט געוואָרן.

אין 1920־1921 איז זאַקס געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער ניו־יאָרקער דייטשער „פאָלקסצייטונג", און אויך איצטער שרייבט ער דאָרטן פון צייט צו צייט.

אין 1922 האָט זאַקס פּרובירט אַרויסגעבן אַ וואָכנשריפט אונטער'ן נאָמען „היינט". דאָס האָט געזאָלט זיין אַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלאַך וואָכנבלאַט. מער ווי איין נומער איז ניט דערשינען. אַ צאָל באַדייטנדיקע אידישע שריפטשטעלער, יונגע און עלטערע, האָבן זיך באַטייליקט אין דעם נומער.

ווען די „פרייהייט" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, איז אַ. ש. זאַקס געווען איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג. זיין מיט־אַרבעטערשאַפט האָט אָבער דאָרט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן.

ווען די גענעראַל־עקזעקוטיווע פון'ם אַרבעטער־רינג האָט באַשלאָסן צו פייערן דעם יובילײ פון'ם אָרדן אויך מיט אַ געשיכטע פון זיין אַנטשטיי־אונג, אַנטוויקלונג און זיינע דערגרייכונגען, איז זאַקס באַשטימט געוואָרן אָנצושרייבן די דאָזיקע געשיכטע, און אין מאַי 1925 איז דערשינען די צוויי־בענדיקע „געשיכטע פון אַרבעטער־רינג" אין צוועלף־טויזנט עקזעמ־פּלאַרן. דאָס איז ניט בלויז אַן „אָפיציעלע" געשיכטע פון'ם אַרבעטער־רינג. אין הינטער־גרונט זעען מיר אויך די געשיכטע פון דער אידישער פּראָגרעסיווער־ און אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, אָנגעהויבן מיט די „עם־עולם"־גרופּעס.

זאַקס האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן זיין לערערישע טעטיקייט. אין אַלע אונזערע העכערע לערן־אינסטיטוציעס האָט ער געפירט קורסן אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאַליזם און נאַטור־וויסנשאַפט. זאַקס איז

געוועזן איינער פון די ערשטע לערער אין׳ם אידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט (1921-1920), אַ לערער אויף די אַרבעטער־רינג לערער־קורסן (1929-1927), אין אידישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט און, עד היום, אין אידישן לערער־סעמאַניר (פון 1918 אָן).

א. ש. זאַקס פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער אידישער פּובליציסטיק. ער איז איינער פון די ווינציקע פּובליציסטן, צו וועלכע די אידישע אַרבעטער הערן זיך שטאַרק צו. בעת דעם שאַרפן קאַמף צווישן די „רעכטע" און „לינקע" מיט עטלאַכע יאָר צוריק, איז ער פאַר מאַסן אַרבעטער געוועזן ממש ווי אַ וועג־ווייזער אין דער דעמאָלסדיקער זידל־שמוץ־ און ליגן־צייט. אַ טייל אַרבעטער זיינען אים אַזוי שטאַרק דאַנקבאַר געווען פאַר זיינע אַרטיקלען וועגן דער מלחמה צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטערשאַפט, אַז זיי האָבן אין 1927 אַרויס־געגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע אַרטיקלען, געדרוקטע אין „טאָג", אונטער׳ן נאָמען „דער קאַמף אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס".

אין די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, וואו זאַקס האָט מיט־געאַרבעט אין משך פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, זיינען געדרוקט גע־וואָרן אַ סך פון זיינע גרעסערע אַרבעטן, ביז היינט נאָך ניט־פאַרעפנט־לאַכטע אין בוך־פאָרם, אויף סאָציאָלאָגישע און נאַטור־וויסנשאַפטלאַכע טעמעס. צו זיינע וויכטיקערע אַרבעטן, וואָס זיינען צעוואָרפן אין דער פּרעסע, דאַרף מען אויך צורעכענען זיין סעריע אַרטיקלען, געדרוקט ווינטער 1928 אין „טאָג", אונטער׳ן נאָמען „סאָציאַלע זיטן און מנהגיםביים אידישן פאָלק אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער" (דער חרם, כתובה, גט, חליצה, קבורת־חמור, א. ד. גל.), און אַ סעריע פון 28 אַרטיקלען איבער דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג („טאָג", 1930-1929).

צו די אַנדערע וויכטיקע אינסטיטוציעס, וואָס א. ש. זאַקס האָט גע־גרינדעט אָדער געהאָלפן גרינדן, דאַרף מען אויך צורעכענען די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע, דעם „איקאָר" און דעם אידישן וויסנשאַפט־לאַכן אינסטיטוט — דעם איוו"א בעת זיין רייזע אין מזרח־אייראָפּע און אין די באַלטישע לענדער אין 1924. אין 1926-1925 איז זאַקס געווען פּרעזידענט פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין.

זאַקס׳ן איז צוליב דעם, וואָס ער איז ניט געווען קיין „פּערסאָנאַ גראַטאַ" ביי אַ טייל פון די היגע אָפיציעלע אַרבעטער־פירער, אויס־געקומען אַ סך מאָל צו קעמפן און ליידן — און אָפט מאַטעריעל — צוליב

זיינע איבערצייגונגען. זיין אייפעריקייט איז אָבער קיינמאָל ניט געבראָכן געוואָרן אַ דאַנק דער דערמוטיקונג, הילף און טרייסט פון זיין פרוי ד ר. ו ו י ע ר א ק י ס י ן ־ ז א ק ס. אַ מוסטער פון דער שענערער רוסיש־אידישער אינטעליגענץ. זאַקס האָט געשילדערט איר כאַראַקטער אין פאַרשידענע קאַפּיטלאַך פון זיין בוך „חרוב'ע וועלטן“. אין די שווערסטע צייטן פון זיין לעבן האָט זי אים דערמוטיקט ווייטער צו קעמפן און אים געגעבן די מעגלאַכקייט רואיק צו אַרבעטן אויף זיינע וויסנשאַפטלאַכע ווערק. איר האָט זאַקס געווידמעט די ענגלישע אויסגאַבע פון דער „לערע פון סאָציאַליזם“.

---

# ביבליאָגראַפיע

אין דער דאָזיקער ביבליאָגראַפיע ווערן בלויז פאַרצייכנט יענע ווערק זאַקס', וואָס זיינען דערשינען אין בוך־פאָרם; די צייטונגען, זשורנאַלן און זאַמלביכער, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט, און די צייטשריפטן וואָס ער האָט רעדאַקטירט. מיר גיבן דאָ אויך אַ רשימה פון זיינע פסעוודאָנימען. אין דער ביבליאָגראַפיע זיינען ניט פאַרצייכנט די צעוואָרפענע אַרטיקלען אין אידיש און אין אַנדערע שפּראַכן פ ו ן זאַקס'ן און ו ו ע ג ן א י ם. אָבער ווי באַגרענעצט עס איז אונזער ביאָ-ביבליאָגראַפיע, איז זי זיכער ניט ריין פון פעלערן. זאָל דער לייענער אינזינען האָבן, אַז דאָס איז בלויז אַ פ ר ו א ו ו פ ו ן אַ ן א. ש. ז א ק ס ב י אָ ־ ב י ב ל י אָ ג ר א פ י ע.

## ביכער (כראָנאָלאָגיש)

1. די עקאָנאָמישע לעהרע (פּאָליטישע עקאָנאָמיע) נאָך א. באָגדאַנאָוו, בעאַרבייטעט דורך ... וואַרשע, פאַרלאַג „פּראָגרעס“, 1902. 81 זייטן.

2. באָגדאַנאָוו: די אַלטע שקלאַפעריי (צווייטעס בוך פון די „עקאָנאָמישע לעהרע“) בעאַרבייטעט דורך ... וואַרשע, פאַרלאַג „פּראָגרעס“, 1904. 48 זייטן.

[מיט אַן אַריינפיר פון א. ש. זאַקס].

3. פריוואַט-אייגנטום, פון . . . פארלאַג „ביכער פאַר אַלע“, ווארשע, 1906. 10 זייטן.

[אין 1902 געדרוקט געווען אַלס אַן אַרטיקל אין דער „אידישער פאָלקס-צייטונג“, קראָקע. איבערגעדרוקט אַן דעם וויסן פון מחבר.]

4. דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם. פארלאַג „די וועלט“, ווילנע, 1907. 75 זייטן.

5. פּאָליטישע עקאָנאָמיע, איהר ענטשטעהונג און געשיכטע... היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, ניו-יאָרק, 1911. 292 זייטן.

6. די לעהרע פון סאָציאַליזם. ארויסגעגעבען פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע, ניו-יאָרק, 1915. 153 זייטן.

[דאָס ערשטע ביכל פון דער „אַרבעטער-ביבליאָטעק“, וואָס די אידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע האָט אַרויסגעגעבן.]

7. פּאָליטישע עקאָנאָמיע. (קורס פון'ם פאָלקס-אוניווערסיטעט דורך קאָרעספּאָנדענץ. ניו-יאָרק, 1915.

[איך האָב דאָס בוך ניט געזעהן און נעם די ידיעה פון אַ צווייטער האנט.]

8. דער אלף-בית פון סאָציאַליזם. פארלאַג אידישע פעדעראַציע פון דער סאָציאַליסטישער פארטיי אין אַמעריקע, ניו-יאָרק, 1916. 26 זייטן.

[נומער 4 פון דער „סאָציאַליסטישער קעמפּיין-ביבליאָטעק.]

9. באָטאַניק, אָדער דאָס לעבען פון פלאַנצען (מיט בילדער). (קעשענע-פאָרמאַט). ארויסגעגעבען פון דער עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון ארבייטער-רינג, ניו-יאָרק, 1916. 96 זייטן.

צווייטע אויפלאַגע — 1917.

[דאָס ערשטע בוך פון דער „א. ר.“ וויסנשאַפטלאַכע ביבליאָטעק. די ערשטע אויפלאַגע — פינף טויזנט עקז. די צווייטע — דריי טויזנט.]

10. פּאָליטישע עקאָנאָמיע — די גרונד-פּרינציפּען. ערשטער טייל. פון . . . פארלאַג עדיוקיישאָנאַל קאָמיטעט פון ארבייטער-רינג, ניו-יאָרק, 1918. 107 זייטן.

... צווייטער טייל, 1918. 96 זייטן.

... דריטער טייל, 1920. 320 זייטן.

... דריטע פארגרעסערטע און פארבעסערטע אויפלאַגע, 1920. 320 און 220 זייטן.

נייע אויסגאַבע אונטער'ן נאָמען „די גרונט-פּרינציפּן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע“; ערשטער טייל, פעטערבורג, 1918. פארלאַג פון קאָמיסאַריאַט פאַר אידישע ענינים.

[נומער 3 פון דער אידישער-סאָציאַליסטישער פאָלקס-ביבליאָטעק. איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן פון אַנדערע סאָוועטישע אידישע פארלאַגן.]

... פערטע אויפלאַגע, פאַרלאַג „די וועלט״ - „קולטור-ליגע״, וואַרשע, 1926. 520 זייטן.

[איבערגעדרוקט פון די מאַטריצן פון דער אַמעריקאַנער אויסגאַבע.]

... פינפטע אויפלאַגע, דאָרט, 1928.

11. חרוב'ע וועלטען... ליטעראַרישער פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1917. 254 זייטן.

... צווייטע אויפלאַגע, פעברואַר, 1918.

... דריטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע, פאַרלאַג היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, ניו־יאָרק, 1928. 313 זייטן.

12. די פּאַריזער קאָמונע. געשיכטע פון דער ערשטער רעגירונג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע... פאַרלאַג „מאַרקס ליטעראַטור-געזעלשאַפט״ - „די נייע וועלט״, ניו־יאָרק, 1921. 207 זייטן.

13. די געשיכטע פון אַרבייטער־רינג, 1892-1925. צוויי טיילן. אַרויסגעגעבן פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון אַרבעטער-רינג צו דער 25טער יובילײ־קאָנווענשאָן [ניו-יאָרק], מאַי, 1925. 900 זייטן.

14. דער קאַמף אויף דער אידישער אַרבייטער-גאַס (א סעריע אַרטיקלען). אַרויסגעגעבן פון א גרופּע אידישע אַרבייטער, ניו־יאָרק, 1927. 157 זייטן.(5)

## א. ש. זאַקס'עס ביכער אין אַנדערע שפּראַכן

15. BASIC PRINCIPLES OF SCIENTIFIC SOCIALISM, by A. S. Sachs, New York. The Rand School of Social Science, 1925, 201 pages.

... צווייטע אויפלאַגע, „וואַנגאַרד פּרעס״, ניו-יאָרק, 1927.

... דריטע אויפלאַגע, דאָרט, 1928.

[די ענגלישע איבערזעצונג פון „די לערע פון סאָציאַליזם״. ווערט גענוצט אַלס טעקסטבוך אין א צאָל אוניווערזיטעטן. דער אוניווערזיטעט אין קאָיאָ (יאַפּאַן) האָט אָפּגעקויפט פאַר זיינע סטודענטן כמעט א גאַנצע אויפלאַגע. דאָס בוך איז זייער וואַרים אויפגענומען געוואָרן פון דער פּרעסע אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. די „אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי״ האָט עס אפילו רעקאָמענדירט צו אירע מיטגלידער.]

16. DER WISSENSCHAFTLICHE SOZIALISMUS. Münster Verlag, Wien, 1925.

[די דייטשע איבערזעצונג פון דער לערע פון סאָציאַליזם.]

---

5) אין מאַנוסקריפּט א „געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע״ און „די סאָציאַלע זייטן פון אידישן פאָלק״.

17. WORLDS THAT PASSED, Philadelphia Jewish Publication Society of America, 1928.
[די ענגלישע איבערזעצונג פון „חרוב'ע וועלטן". איבערזעצער: הערּאַלד בערמאַן.]

## צייטשריפטן וואָס א. ש. זאַקס האָט רעדאַקטירט

1. די אידישע אַרבעטער-וועלט, שיקאַגאָ, 1908-1910.
2. די צוקונפט, ניו-יאָרק, 1911—יאַנואַר, 1913.
3. דער פריינד, אָפיציעלער אָרגאַן פון אַרבעטער-רינג, ניו-יאָרק, 1912-1913.
4. „היינט", וואָכנשריפט. ניו-יאָרק, 1922.

## צייטונגען זשורנאַלן און זאַמלביכער, וואו א. ש. זאַקס האָט מיטגעאַרבעט

1. יודישע פאָלקס-צייטונג, קראָקע, 1902.
2. דער פריינד, פעטערבורג, 1904-1905.
3. דער וועקער און „פאָלקסצייטונג", ווילנע, 1905-1906.
4. די אידישע צוקונפט, ניו-יאָרק, 1908.
5. צייט-גייסט, ניו-יאָרק, 1905-1906.
6. דאָס אידישע וואָרט, קראָקע (רעד. אברהם רייזען), 1905.
7. די צוקונפט, ניו-יאָרק.
8. דער אידישער קעמפער, ניו-יאָרק.
9. פרייע אַרבעטער-שטימע, ניו-יאָרק.
10. די נייע וועלט, ניו-יאָרק, 1914-1922.
11. דער אידישער סאָציאַליסט, ניו-יאָרק.
12. פרייהייט, ניו-יאָרק, 1922.
13. פאָרווערטס, ניו-יאָרק, 1923.
14. דער היינט, ניו-יאָרק, 1920.
15. דער טאָג, ניו-יאָרק, 1914-1919, 1926—.
16. דייטשע פאָלקסצייטונג, ניו-יאָרק, 1920-1921, 1925-1926.

17. נאָווי מיר, ניו־יאָרק (רעד. לעוו דייטש).[

18. יאָרביכער פון דער אידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, ניו־יאָרק.

19. זאַמל־בוך „קאַרל מאַרקס", ניו־יאָרק, 1918.

20. „הילף", ווארשע, 1903.

21. זאַמלבוך צום אָנדענק פון א. ז. פריידום, ניו־יאָרק, 1929.

22. משה קאַטץ זאַמלבוך, פילאַדעלפיע, 1925.

23. די וועלט און די מענטשהייט, ניו־יאָרק, 1913.

[אַרטיקלען פון א. ש. זאַקס זיינען אויך דערשינען אין „קלעס־סטראַגל", ענגליש, (1919־1920), „דזשואיש טריביון", העברי, התורן, לוח־אחיעבר, און אַנד.]

## א. ש. זאַקס'עס פסעוודאָנימען:

דר. א. וויינשטאַק, א. גפן, א. זשאַגאָרין, א. באָאַבאַכטער, א. שנייער־סאָן, א. וואָלפסאָן.

* * *

# א. ש. זאַקס דער לערער און דער חבר

## (ערינערונגען פון זיינע סטודענטן)

שוי'ן דער פאַקט אַליין, וואָס די סטודענטן פון לערער־סעמינאַר זיינען די איניציאַטאָרן פון דעם א. ש. זאַקס יוביליי־בוך, איז אַ גוטער באַוויז, אַז דער יובילאַר איז צו טיף איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון זיינע תלמידים. ער איז ביי זיי מער ווי אַ לערער, ער איז זייערער אַ חבר. זיי האָבן אים ליב, שטאַרק ליב. און זיי וואָלטן געוואָלט מיט עפּעס אויסדריקן זייערע הייסע געפילן צו אים.

א. ש. זאַקס! וויפיל דעראינערונגען רופט אָט־אָ דער נאָמען אַרויס ביי פילע פון זיינע געוועזענע און איצטיקע תלמידים!

אָט גאָר ניט לאַנג איז דאָס, דאַכט זיך, געווען.

ס'איז אַרום צען אַזייגער אין אָוונט. דער אַרבעטער־רינג סעמינאַר (אין 143 איסט 103טע גאַס) איז העל באַלויכטן. אין איינעם פון די צימערן אויפ'ן צווייטן שטאָק לערנט מען „פּאָליטישע עקאָנאָמיע".

אויף די שול־בענק זיצן אַרום דרייסיק סטודענטן: בחורים און מיידלאַך. אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין שאַפּ, און איצט — אנשטאָט צו גיין אָפּרוען זיך אָדער פאַרברענגען — איז מען געקומען לערנען.

אויבנאָן ביי אַ טישל זיצט דער לערער, א. ש. זאַקס. ער האַלט אַ לעקציע וועגן דער „מ ע ר ו ו ע ר ט טעאָריע". ער רעדט איינפאַך, אילוסטריט מיט ביישפּילן, גלעט אויס געוויסע סתירות, און קלאָר און דייטלאַך ברענגט ער אַרויס די געניאַלע אויפטואונגען פון קאַרל מאַרקס.

די תלמידים שטעלן פראַגן. ס'אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע. מען אַנאַליזירט די טעאָריע. די מוחות אַרבעטן שנעל. געדאַנקען לויפן איינע נאָך די אַנדערע. די גוטע סטודענטן ווייזן אַרויס חריפות און בקיאות. און דער לערער קוקט מיט ליבשאַפט אויף זיינע תלמידים. זיינע אויגן שמייכלען. ער האָט הנאה...

איך קוק אויפ'ן קלאַס און ס'דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז סלאָבאָדקער ישיבה. די סטודענטן זיינען די ישיבה בחורים און דער לערער איז דער ראש ישיבה. נאָר אנשטאָט דעם אַלטן תלמוד פלפול'ט מען זיך אין דעם נייעם תלמוד פון קאַרל מאַרקס... אַזוי איז אַלץ דאָך זעלבע. אַפילו דער ניגון פון „אמר אביי ורבא" הערט זיך דאָ גאַנץ אָפט, סיי ביי די תלמידים און סיי ביי דעם רבי'ן אַליין...

און נאָכ'ן לערנען. א. ש. זאַקס אײַלט זיך ניט אַהיים. ער שטעלט זיך אָפּ. ער שמועסט מיט די סטודענטן, פרעגט זיי אויס וועגן זייער לעבן, וועגן זייער אַרבעט, וועגן זייערע געזעלשאַפטלאַכע טעטיקייטן. און ריידן רעדט ער אַזוי האַרציק, אַזוי פריינד־

לאַך, אַז ס'ווילט זיך זיין אין זיין געזעלשאַפט וואָס מער...

און גייט מען אַראָפּ אין גאַס, האַלט מען נאָך אַלץ אין ריידן. און ניט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שטונדע גייט מען נאָך אַריין אין אַ קאַפע און מען פאַרברענגט מיט'ן לערער נאָך אַ שעה אָדער צוויי ביי אַ גלעזל טיי.

א. ש. זאַקס איז ניט פון דעם טיפּ „קאַזיאָנע" לערער, וואָס קומט אין קלאַס, גיט אָפּ זיין לעקציע און גייט אַוועק. ניין! ער איז אַ דערציער, אַ חבר. ער ווערט אינטים מיט'ן שילער. ער נעמט אַן אנטייל אין זיינע פרוידן און ליידן.

ס'דערמאָנט זיך מיר, אַז ביי אַלע אונזערע סעמינאַר שמחה'לאַך איז א. ש. זאַקס געווען איינער פון די הויפּט־מחותנים. ער פלעגט ניט נאָר באַשיינען אונזערע אָוונטן מיט זיין אנוועזנהייט, נאָר ער פלעגט גאַנץ אָפט נעמען אַן אנטייל אין אונזערע קאָמיטעס און — אַלס עקאָנאָמיסט — אונז אַרויסהעלפן אין אויסאַרבעטן פּלענער ווי אַזוי אויסצוגעבן וואָס ווייניקער געלט און אין דערזעלבער צייט זאָל דער גלאַנץ פון יום־טוב ניט פאַרמינערט ווערן...

און אָט־אָ די חבר'שע באַציאונג האָט אונז צוגעבונדן ניט נאָר צו א. ש. זאַקס'ן נאָר אויך צו זיינע געגנשטאַנדן. ס'איז אַ פאַקט, אַז די סטודענטן פון אַ. ר. סעמינאַר האָבן מיט דעם גרעסטן חשק געלערנט „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", „לערע פון סאָציאַליזם" און „ביאָלאָגיע". יעדער איינער פון אונז האָט געוואָלט ווערן דער „בעסטער" פון קלאַס. מיר האָבן געוואָלט פאַרשאַפן פאַרגעניגן אונזער גוטן לערער...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די גרויסע פרייד וואָס איך האָב געפילט, לויפנדיק פון „סיטי קאַלעדזש" אָנצוזאָגן מיין לערער די בשורה, אַז מען האָט מיר געגעבן „קאַלעדזש קרעדיט" פאַר דעם קורס פון „פּאָליטישע עקאָנאָמיע", וואָס איך האָב אָפּגענומען ביי אים. איך בין געלאָפן מיט אַלע מיינע כוחות. כ'האָב געציטערט פון אויפרעגונג. כ'האָב געוואָלט וואָס גיכער אָנזאָגן מיין גוטן לערער, אַז זיין אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט אַפילו פון די גויים...

און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס מיר האָבן אים אַזוי ליב געהאַט. א. ש. זאַקס האָט זיך צו אונז, סטודענטן, באַצויגן ווי אַן עלטערער ברודער. ער האָט פאַר יעדן איינעם פון אונז אַלעמאָל געהאַט אַ גוט וואָרט. ער איז געווען אונזער מליץ יושר אינ'ם בילדונגס קאָמיטעט פון א. ר. ער פלעגט אומעטום מלמד זכות זיין אויף אונז.

אָט שטייט פאַר מיינע אויגן אַ בילד פון אַן א. ר. פּעדאַגאָגן־ראַט מיטינג. ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע לערער פון סעמינאַר, די גרעסטע „גדולים" פון דער אידישער ראַדיקאַלער וועלט. אַלע מיט ערנסטע פּנים'ער. זיי וואַרפן אָן אַן אימה אויף מיר מיט נאָך אַ חבר, וואָס זיינען געקומען אַלס פאַרטרעטער פון די סטודענטן מיט אַ בקשה אַרויסצוגעבן דיפּלאָמען צו צוויי סטודענטן, וואָס זיינען הינטערשטעליק אין איין געגנשטאַנד.

נאָר אָט דערזעען מיר א. ש. זאַקס'ן. מיר כאַפּן אַ קוק אויף זיין גוטמוטיקן פּנים און מיר ווערן לעבעדיקער. מיר אַפּעלירן. מיר פאַרזיכערן, אַז די צוויי סטודענטן וועלן איבערנעמען דעם געגנשטאַנד און וועלכן זיי זיינען הינטערשטעליק. מיר ווילן אָבער, אַז אונזער שמחה

זאָל ניט פאַרשטערט ווערן. זאָלן די צוויי חברים קריגן זייערע דיפּלאָמען גלייך מיט אונז.

מען דיסקוטירט. אייניקע לערער זיינען שטרענג. אַנדערע שווייגן אינגאַנצן. נאָר אָט טרעט אַרויס א. ש. זאַקס. ער אַפּעלירט צו די יושר־געפילן פון די פאַרזאַמלטע.

„גייט אַריין אין זייער לאַגע", טענה'ט ער. „אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן זיי אין די שעפּער, און ביינאַכט קומען זיי צו אונז, שטילן זייער גייסטיקן דאָרשט. מיר דאַרפן זיך צו די אַרבעטער־סטודענטן באַציען מיט'ן גרעסטן רעספּעקט. מיר דאַרפן זיך ניט אָפּשטעלן אויף אַ „קוצו של יוד". מיר דאַרפן זיי דערמוטיקן און ניט אַריינטרייבן אין פאַרצווייפלונג..."

די פּנים'ער פון די מחמירים זיינען ווייכער געוואָרן... און די צוויי הינטערשטעליקע סטודענטן האָבן געקראָגן זייערע דיפּלאָמען גלייך מיט אונז.

און אָט־אָ לויפט דורך אין מיין זכרון אַן אַנדער אָונט. מען רופט מיך צו אַ מיטינג. דער אַ. ר. בילד. קאָמיטעט קלאָגט מיך אָן פאַר געוויסע אַרטיקלען, וואָס איך האָב געשריבן אין דער „פ. אַ. ש." צווישן די ריכטער געפין איך אייניקע פון מיינע לערער. זאַקס איז אָבער ניטאָ.

„פאַרוואָס האָט איר ניט באַשטימט א. ש. זאַקס'ן אין דער קאָמיטעט?" פרעג איך איינעם פון די אַ. ר. באַאַמטע.

„ער איז צו גוט מיט די סטודענטן..." איז געווען זיין ענטפער.

יאָ! א. ש. זאַקס איז „צו גוט" מיט די סטודענטן. און דערפאַר האָט ער טאַקע אַן אומגעהייערן איינפלוס אויף זיי. די סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט ביי זאַקס'ן, פאַרבלייבן שוין אויף אייביק זיינע פריינט. זיי לייענען זיינע ביכער, פאָלגן נאָך זיינע אַרטיקלען אין דער פּרעסע און לערנען זיך אוים אַליין צו דענקען... ניט נאָכטאַנצן דער אָדער יענער פאַר טוי, נאָר גיין מיט'ן אייגענעם וועג. א. ש. זאַקס איז אַ גוטער ביישפּיל פאַר די שילער. ער האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט פירן פון פאַרטייען. ער איז אַלעמאָל געווען און איז פאַרבליבן אַ פאַרטיי פאַר זיך. ער דענקט מיט'ן אייגענעם קאָפּ... און האָט קיין מורא ניט אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען אָפן און פריי...

זעלבסטשטענדיקייט און מוט! מיט אָט די צוויי מעלות האָט א ש. זאַקס אָנגעשטעקט אַ גרויסע צאָל פון זיינע שילער. מיט אָט־אָ די געווער זיינען מיר, זיינע תלמידים, אַריין אינ'ם לעבעדיקן לעבן. מיט אָט־אָ די געווער וועלן מיר קעמפן פאַר אונזערע אידעאַלן פון עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלאַכער גלייכהייט.

א. ש. זאַקס! אַ סינטעז פון דעם לאָגישן מתנגד און דעם האַרציקן חסיד, אַ לערער און אַ חבר, דער ר' עקיבא פון אונזער צייט — אין איין האַנט אַ ספר צו לערנען די מאַסן און אין דער אַנדער האַנט אַ שווערד צו קעמפן פאַר יושר און אמת.

י. לאַזאַרסאָן.

* * *

דורך דעם געפֿל פֿון די יאָרן זע איך חבר זאַקס׳ן, ווי ער שטייט אַנגע־שפּאַרט אָן דעם שטענדער און דער־קלערט אונז אַ האַרבע „סוגיא״ אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע. מיט אַ באַ־זונדערן סאָרט „למדנ׳ישן״ ענטוזיאַזם באַמיט ער זיך אונז איבערצוגעבן דעם ענין, און ער זאָגט איבער די זאַך נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. ער וויל מיר זאָלן תופס זיין דעם תוך, מיר זאָלן, חלילה, ניט נכשל ווערן מיט דער פֿאַרשפּרייטער ביי אונז זינד פֿון אויבערפֿלעכלאַכן באַנעמען. מיר הערן זיך צו צו חבר זאַקס׳ן און מיר פֿילן ווי פֿעדים פֿון טיפֿן ערנסט און גרויס אחריות פֿאַר דעם „אמת״ און דעם „וויסן״ ציען זיך צו אונז פֿון אונזער לערער, וועלכער האַלט אין איין פֿאַרטייטשן און מסביר זיין אונז זיין געדאַנק. מיר ווייסן פֿון וואַנען עס שטאַמט דאָס דאָזיקע „איינקנעלן״, דאָס דאָזיקע איבערזאָגן און איבער־פֿרעגן, און מיר זיינען אים מוחל פֿאַר דעם ניט גענוג געטרויען אונז.

חבר זאַקס האָט שטענדיק געוואָלט און אויך געאַרבעט דערויף, אַז מיר, זיינע תלמידים, זאָלן ניט אַרויס קיין „גענאַרניקעס״; מיר זאָלן אַוועק־טראָגן פֿון סעמינאַר אַ געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלאַכקייט צו וואָרט און טאַט, און דאָס דאָזיקע געפֿיל זייען און פֿלאַנצן אין אונזער געזעלשאַפֿט־לאַכקייט. זיינען זיינע תלמידים נאָכ־געקומען זיין וואונש? האָבן זיי דערפֿילט זיינע האָפֿנונגען? אויב אַפֿילו בלויז טיילווייז יאָ, איז דאָס אַ גוטע מתנה צו זיין 50 יאָריקן יובילײ.

ג. ברעסלער.

* * *

ווי אייניקע אַנדערע לערער פֿון סעמינאַר, איז חבר זאַקס פֿאַר אונז, סעמינאַריסטן, געווען עפּעס מער ווי אַ לערער: ער איז געווען אונזערם אַ גוטער חבר. אויב דער אידעאַל פֿונ׳ם מאָדערנעם לערער איז אָפּצו־שאַפֿן די מחיצה, וואָס טיילט אים אָפּ פֿון זיינע תלמידים, האָט זיך דאָס חבר זאַקס׳ן גוט איינגעגעבן. קודם־כל האָט חבר זאַקס זייער אָפּגעשאַצט די קרבנות, וואָס די סעמינאַריסטן פֿלעגן ברענגען פֿאַר׳ן ביסל לערנען: כמעט אַלע סעמינאַריסטן האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט אין די פֿאַבריקן, און לערנען דריי שעה יעדן אָוונט נאָך אַ ניו־יאָרקער טאָג אַרבעט איז טאַקע גאַנץ שווערלאַך. פֿלעגט דערפֿאַר חבר זאַקס זיך שטענדיק באַציען מיט טיפֿן רעספּעקט צו די סעמינאַריסטן. והשנית, האָט חבר זאַקס ניט איבער־גענומען פֿון די אַקאַדעמיקער די טבע אָנצוּוואַרפֿן אויף די סטודענטן אַ מורא פֿאַר׳ן קעגנשטאַנד. אדרבא, ער פֿלעגט אויף אַן אינטערעסאַנטן אופֿן דערמוטיקן מיטצוגיין מיט אים אין די טיפֿסטע ווינקלען פֿון מענטשלאַכן געדאַנק. פֿלעגן מיר טאַקע אַוועקגיין פֿון זיינס אַ לעקציע, אַפֿילו אַ שווערע, ווי: וועגן פֿיכטע׳ן אָדער העגעל׳ן, גאַנץ קלאָר, פּונקט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גע־וויינטלאַכער טאָג־פֿראַגע. אויך פֿלעגט חבר זאַקס אויסמיידן צו באַנוצן זיך מיט צופֿיל וויסנשאַפֿטלאַכע טערמינען. און אויב ער האָט אונז שוין יאָ גע־מוזט געבן אַ טערמין, האָט ער געזען פֿריער אים גוט קלאָר צו מאַכן. בכלל האָט חבר זאַקס ניט געוואָלט מאַכן אויף אונז, סעמינאַריסטן, דעם איינ־דרוק פֿון דעם גרויסן געלערנטן, פֿאַר

וועלכן עס דאַרף ציטערן יעדעס אבר, איידער מ׳וויל אים עפּעס פרעגן אָדער דיסקוטירן מיט אים אַ פראַגע. ער האָט אונז אויף אַן אינדירעקטן אופן ניט איינמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז אַ אונזעריקער אין פולן זין פון וואָרט און מיר קענען זיך פילן גאַנץ פריי אין זיין געזעלשאַפט. פלעגן טאַקע זיינע לעקציעס כמעט שטענדיק באַגלייט ווערן מיט אַ דיסקוסיע פון די סעמינאַריסטן.

חבר זאַקס האָט ליב, אין זיין רײדן ווי אין זיין שרייבן, איבערצו׳חזר׳ן איין ענין אַ סך מאָל און אָפּטמאָל אַפילו אָנצוגעבן די זעלביקע ביישפּילן. פלעג איך זיך אָפט וואונדערן וועגן דעם, ווייל פון קאָמפּאָזיציע־שטאַנדפּונקט ווערט דאָס געוויינטלאַך באַטראַכט פאַר אַ חסרון. היינט אָבער, נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט אַזויפיל דערפאַרונג מיט קינדערקלאַסן און מיט האַלטן פאָרטראַגן פאַר דערוואַקסענע, זע איך ערשט איין, ווי נויטיק עס איז פאַר׳ן לערער אינ׳ם לערן־פּראָצעס דאָס אָפטע איבערחזר׳ן אַן ענין. ווייל דער מענטשלאַכער מוח איז ניט אַלעמאָל פלינק גענוג אויף אויפצוכאַפּן מיט׳ן ערשטן מאָל אַ נייעם געדאַנק אין זיין פולער גאַנצקייט.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס דער אייגענער חבר זאַקס, וועלכער וועט ביים ד ע ר ק ל ע ר ן אַן ענין ניט שפּאָרן קיין ווערטער און ווידערהאָלונגען, ווערט אָבער אַ גרויסער מקפּיד פון קורצקייט, פון צמצום, ווען דער סטודענט דאַרף אים ענטפערן אויף אַ פראַגע וועגן אַן ענין, וואָס מ׳האָט שוין אָפּגעלערנט. ווייל קוים איז דער ענין שוין אַ פאַרשטאַנענער, אַן אויסגעלערנטער, טאָר מען זיך אדברא ניט וואַרפן מיט קיין איבעריקע ווערטער. אַזוי האָט ביים ענטפערן אויף חבר זאַקס׳עס אַן עקזאַמען, מינדלאַך צי שריפטלאַך, גאָר וויניק געהאָלפן דאָס זיין באַלאָדן מיט „שווערע קאַנאָנען" פון מליצה־שפּראַך אָדער „קליגערישע" אַרגומענטן... ווייל פונקט ווי ביים אויפקלערן אַן ענין איז חבר זאַקס דער לערער געוועזן מילד אין רייד, האָט ער ביים רעזומירן אַן אויפגעקלערטן ענין געהאַלטן פון אַן אַנדער פּעדאַגאָגישן כלל, אַז דעם רייכסטן געדאַנק, אויב ער איז נאָר גענוג קלאָר, דאַרף מען קענען איבערגעבן אין געציילטע ווערטער, און אַז, פאַרקערט, גאַנצע הויפנס ווערטער קענען אַמאָל זיין געדאַנקענלאָז, אויב עס פעלט נאָר אין זיי קלאָרקייט. אין שייכות דערמיט וואָלט מען אויך געקענט צורעכענען חבר זאַקס׳עס נייגונג צו סכעמאַטיזירן גאַנצע אָפּהאַנדלונגען, און זיין האַלטן שטאַרק פון דעפיניציעס, אַזוי אַז דער קאָמפּליצירטסטער ענין ווערט ביי אים אָפט רעדוצירט צו אַ פאָרמולע.

חבר זאַקס, האָבנדיק אַזאַ לייכטן צוגאַנג צו אונז סעמינאַריסטן, אי אַלס חבר און אי אַלס לערער, וואָלט זיכער געוועזן געקענט אויף אַ דירעקטן אופן אויסאיבן אויף אונז אַ געוואַלטיקע השפּעה. נאָר דאָ ווייזט זיך ווידער אַמאָל אַרויס חבר זאַקס׳עס דרך־ארץ פאַר זיינע תלמידים. מיר האָבן ניט איינמאָל געקענט באַמערקן, ווי חבר זאַקס פלעגט זיך ממש אויסהיטן פון וועלן אונז באַאיינפלוסן מיט זיין פּערזענלאַכקייט. ער האָט, צו אונז, דערוואַקסענע סטודענטן, און האָט זיך ניט געוואָלט אַריינמישן אין אונזער בליק אויף די פאַרשידענע

פּראָבלעמען אין אונזער געזעלשאַפטלאַכן לעבן. ער האָט הפּנים געגלויבט, ווייזט אויס, געהאַט גענוג צוטרויען אַז מיט דער הילף פון אונזער אייגענער אינטעליגענץ וועט זיך יעדער פון אונז אַליין געפינען אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פּראָבלעמען. אין אַ סך אוניווערזיטעטן טרעפט מען אָפט פּראָפעסאָרן, וואָס נוצן אויס יעדע גינסטיקע געלעגנהייט צו ווערן ביי זייערע סטודענטן דער „גייסטיקער העלד“, די „צויבער־קראַפט“, דער „אידעאַלער מענטש“... חבר זאַקס האָט עס וואַרשיינלאַך געהאַלטן פאַר אַן עולה צום אידעאַל פון פּערזענלאַכער פריוהייט צו האַלטן יונגע מענטשן „פאַר׳כישופ׳ט“...

חבר זאַקס האָט אונז דערפאַר קיינמאָל ניט געוואָלט אָנצייכנען דעם וועג, אויף וועלכן מיר זאָלן גיין שפּעטער, נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן דעם סעמינאַר־קורס פאַרענדיקט, און מיר וועלן דאַרפן ווערן קולטור־טוער אויף דער אידישער גאַס. פונדעסטוועגן בין איך זיכער, אַז ביי דער גאַנצער פּאָרזיכטיקייט פון חבר זאַקס׳ן ניט צו וועלן „געווינען אונזערע הערצער“, זיינען מיר, סעמינאַריסטן, אינדירעקט שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין מאַרקסיסטישער וועלט־אנשויאונג און פון זיין ליבע צו די קעמפער פאַר אַ גערעכטער וועלט־אָרדנונג. און וואו מיר געפינען זיך ניט איצטער, ווער אַלס לערער אין די אידישע שולן און ווער אַלס געזעלשאַפטלאַכער טוער, באַטראַכטן מיר, חבר זאַקס׳עס תלמידים, דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וואָס איז חבר זאַקס׳עס אידעאַל אַלעמאָל, פאַר דער נשמה, פאַר דעם ענדציל פון אונזער גאַנצער טעטיקייט...

פ. הערשטיין.

* * *

א. ש. זאַקס איז איינער פון די לערער, וואָס האָט זיך אינטים באַפריינדעט מיט זיינע תלמידים אינ׳ם סעמינאַר. זאַקס אַלס לערער דערפרישט, דערמוטיקט און סטימולירט זיינע תלמידים צו לערנען מיט חשק און גרונטלאַכקייט. עס מאַכט נישט אויס, ווי שטאַרק קאָמפּליצירט ס׳איז דער געגנשטאַנד, אָבער אַ דאַנק חבר זאַקס׳עס פּעדאַגאָגישן צוגאַנג, וואו עס איז נישטאָ דאָס אָפּיציעל־לערערישע, ווערט דער לימוד לייכט און אינטערעסאַנט אים צו באַנעמען, מעג עס זיין פּאָליטישע עקאָנאָמיע, סאָציאַליזם אָדער — ביאָלאָגיע.

די תלמידים פונ׳ם אידישן לערער־סעמינאַר זיינען אַלע אַרבעטער. און דאָך, ווי מיד און אויסגעמאַטערט מען זאָל נישט זיין נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, קוים קומט אָבער חבר זאַקס אַריין אין קלאַס, ווערט מען אויפגעמונטערט און נייגעריק צו הערן זיין לעקציע. די סיבה דערפון איז, דוכט זיך, וואָס חבר זאַקס איז קיינמאָל נישט שטאָלץ אויף זיין געלערנטקייט און איז מער חבר ווי לערער.

א. ש. זאַקס איז נישט בלויז דער לערער פון די תלמידים אין זיין קלאַס, נאָר אויך פאַר׳ן אידישן פּראָגרעסיוון עלעמענט דאָ, אין אַמעריקע, פאַר יענעם עלעמענט, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף זיינע ווערק וועגן פּאָליטישער עקאָנאָמיע, סאָציאַליזם און סאָציאַלע וויסנשאַפטן בכלל.

זאַקס האָט אַלעמאָל און אויך היינט געלערנט מיט אַלע זיינע תלמידים, אַז כדי צו פאַרשטיין די היינטיקע

געזעלשאַפט מוז מען פריער גרינטלאַך לערנען און שטודירן איר קאָנסטרוקציע און געבוי. זאַקס'עס ווערק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אויף אידיש האָבן אַ וויכטיקן ווערט פאַר'ן אידישן אַרבעטער: אַ דאַנק די דאָזיקע ווערק איז אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אַרבעטער־מאַסע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פונקט ווי געוויסע עקאָנאָמישע סיבות האָבן געפירט צו דער מאַכט פון קאַפּיטאַליזם, אַזוי וועלן עקאָנאָמישע סיבות, וועלכע ענדערן זיך מיט דער צייט, פירן צו זיין אונטערגאַנג. א. ש. זאַקס האָט אונז אין זיינע ווערק איבערצייגט, אַז לויט'ן מאַרקסיזם, וועט דער פּראָלעטאַריאַט זיין דער איינציק־באַרעכטיקטער און צוגעגרייטער קלאַס, וואָס וועט איבערנעמען די געזעלשאַפטלאַכע מאַכט.

מיר, וואָס האָבן געהאַט דעם כבוד און גליק צו לערנען ביי זאַקס'ן, זאָגן, אַז זאַקס האָט באמת און מיט רעכט זיך פאַרדינט, אַז דער יום־טוב פון זיין פופציק־יאָריקן יובילייַ זאָל געפייערט ווערן פון אונז, זיינע תלמידים און לייענער.

דעריבער באַגריסן מיר האַרציק א. ש. זאַקס'ן צו זיין איצטיקן יום־טוב און ווינטשן אים אַ סך יאָרן פון שאַפן אויפ'ן עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלאַכן געביט פאַר'ן אידישן אַרבעטער.

ה. ווייץ.

* * *

# אַ וואָרט פון די סעמינאַריסטן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן דעם זאַמל-בוך.

דאָס דאָזיקע בוך האָבן מיר, תּלמידים און תּלמידות פון אידישן לערער־סעמינאַר, אַרויסגעגעבן לכּבוד דעם 50-יאָריקן געבורטס־טאָג פון אונזער לערער און חבר א. ש. זאַקס, אויס אנערקענונג פאַר זיין פּילפּאַכער טעטיקייט און גרויסע פאַרדינסטן אַלס לערער, וויסנשאַפטלער, שריפט־שטעלער און אַרבעטער-פירער.

## דער יובילײ איניציאַטיוו-קאָמיטעט:

הערשל ווייץ, פאָרזיצער; בנימין מאַרקוס, סעקרעטאַר; רות שניידער, מ. שניידער, אסתּר קאָדער, פיליפּ גינגאָלד, אסתּר ראַבינער, רחל סמאָליענסקי, חנה נאָוויק, זלאַטע ראָזמאַן, ליבע ראָזנבלום, דר. הערמאַן מענדעלסאָן, לאה קראַוור־טשיק, אסתּר ווייצמאַן, שיינדל שטערנליכט, שׂרה פוקס.

---

## יובילײ-קאָמיטעט:

שאול אַלטמאַן, י. אַפּאַטאָשו, ליבע בענדיטאָוויץ, לאה בערעזאָוויץ, רבקה גאָוסעיעוו, פיליפּ גינגאָלד, אַ. גלאַנץ, חנה און משה גערשנפעלד, ראָזע גרין, שמריה דאַווידזאָן, הערשל ווייץ, אסתּר ווייצמאַן, יעקב זיידמאַן, פּ. טויבער, ז. לאַנדאַ, סימע ליפשיץ, בנימין מאַרקוס, דר. הערמאַן מענדלסאָן, חנה נאָוויק, עלקע נקדימון, רחל סמאָלענסקי, העלען עטקין, יוכבד עלמאַן, שׂרה פוקס, ק. פינק, אהרן פישמאַן, משה פישער, אסתּר קאָדער, פישל קאָלקאַ, ה. קודלאָוויץ, לאה קראַווטשיק, אסתּר ראַבינער, חנה רודענקאָ, זלאַטע ראָזמאַן, ליבע ראָזנבלום, דבורה ראָטבאַרד, חנה רעכטשאַפער, אברהמל און זלאַטקע שוינבראָן, סאל שילער, א. שלאָסער, שיינדל שטערנליכט, מ. און רות שניידער.